STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06182

GOLDENE TSOYTN

F. Bimko

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

 פ. בימקאָ

גאָלדענע צויטן

דאָס דריטע בוך

1926 ניו יאָרק

Copyright, 1926

by

PH. BIMKO, New York

רעקרוטן

ערב דעם נעמונג

באַלד נאָך פּסח, מיטן ערשטן לינדן שטראַלכל פון דער זו־מערדיקע זון, קומט־אויף אין אַלע קליינע שטעטלאַך, אַ שפּאָגל נייע זאָרג, — דאָס נעמונג ; חברה וואָילע־יונגעט הייבן גלייך אָן ·צו מעקן און שטרייכן דעם צעטל פון די ליאַסעווניקעס, וואָס זיי האָבן אויפן קאָפּ, און וועלכע ברויכן זיך דאָס יאָר צו שטעלן ; פון גמרא־מעַטשלאַך, גלאַט אויס:עוויקטע יונגעלייטלאַך, און כּתּם איידעלע בעלי־מלאכות, וואָס זיינען דאָס בלויז לנוי וויל זיי ווילן לעבן מיגעת־כּפּו, און קוואַקען אויף לייטישע שדוכים, באום, מ'וועט נאָר האָבן דאָס נעמונג איבערגעקומען. האָבן פון הינטן ; און זיי, חברה וואָילערס, הפקר־יונגען, וואָס גייען אַרום אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר אויף כּל האָבער, — מאַכן באַציימגס יד־אחת מיט די גוים : קיילער־שקצים, גנבים, מעסער־שטעכער, וועלכע מ'ברויך האָבן פאַר אַ שיינדל אין דער משפּחה, צו קענען אָפּסטראַשען מיט זיי די אַלע איידעלע פאַרשווינדלאַך, ראשית: זיי זאָלן זיך לאָזן גוט מעלקן, און באַזונדער אָפּהיטן ריכטיק די שטאָט, ס'זאָל איר חלילה קיין עולה נישט געשען פון די שקצים, פּויערים, כאַמעס, וועלכע גיבן זיך אַ לאָז יעשנ־צייט אין שטאָט אַריין, מעשה לאָבוז, — חרוב־מאַכן אַ וועלט ; און דאָס אויך, נישט אַזוי ווייט מאהבת מרדכי, מ'זאָל נישט טשעפּען אַ אידיש קלייטל, וועלכעס גייט זיי נישט אין דער לינקער פּאה, ווי משנאת המן, — מ'ברויך גלאַט אַנרייבן די כאַמעס אַ מאָרדע, זיי זאָלן האָבן צו געדענקען אויף זייער גאַנץ לעבן אַרויס :

— מ'איז אַמאָל געשטאַנען צו די זעלנער...

און באַלד נאָך פּסח, ווי דער לאָמער גוי פון מאַגיסטראַט, צעטראָגט די גוטע קוויטלאַך צו יענע אַלע יונגעלייטלאַך, וועלכע

ברויכן זיך היי־יאר שטעלן, — אזוי ווערט לעבעדיק אין יענע היי־זער פון די ווייכע אויסגעמוטשעטע מענטשלאך ; קומט־אן די זארג, באזעצט זיך ברייט, בעלי־הבית׳יש, און מאכט שווער, ביטער ס׳לעבן; ביי די טאטעס קומען ארויס פרישע קנייטשעלאך אויף די שטערנס, און וואו ביי א נסיעה גערענקט מען אינאיינוועגס זיך ארייגצוכאפן צום רבין ; מאמעס קרעכצן, רעדן אנגע־ווייטאגט, מיט אויסגעגלאצטע אויגן, אזוי אייגן ווי ראש־חודש אלול, ווען מ׳גייט אקעגן דעם גרויסן יום־הדין, און וואו צווישן צוויי ווערטער — זוכט מען אויס א זכות פון אונטער דער ערד אפיר :

— זייערע קינדער זאלן אויסגעלייזט ווערן פון גוימס הענט...

בערילע שייגעץ, א וואוילער יונג, וואס אזוי ווי מ׳האט אים נאר אנגעשטעקט דאס גוטע קוויטל, און דאס נישט גע־קענט רעכט איבערלייענען, איז שוין, אזוי ווי ער וואלט זיך געריכט דארויף, און געוואוסט וואס ס׳קוויטל מיינט, — אוועק מיט א גדולה אין בויך צו לייזער יאנקעלס אין שיינקל :

— א, ר׳ לייזער ?... וואס האט איר געזאגט : פארגעסן אן מיר... און וואס איז דאס ?...

— אויפגערופן ? — קוקט אים לייזער אן צופרידן.

— נישט צייט נאך ? ... ווייניק בלוט געצאפט ? ... אלע יאר, און ביי יעדן קלאפ, רוף, געמיינט : שוין... שוין... און זיך געמאכט נע׳פגר׳ט...

— האבן דיך אודאי נישט געקאנט רופן פריער, — לאכט לייזער.

— נישט אלט געווען נאך קיין איינ־און־צוואנציק יאר׳ מיט א נעמונג פריער ?...

— אפשר נישט, וואס ווייסטו ?...

— אויף איין זייט, לייזער, אויף איין זייט !...

און אויסטרינקענדיק עטליכע קיפלעס ביר, פארוואס ער האט נישט באלד צו באצאלן, זאגט ער אים דערפאר צו עולם

הבא : „דו וועסט דיר פאַר דעם איינעם אָפּנעמען ביי הונדערט אַנדערע, לייזער ; אַז דו האָסט נאָר מיך אויפן צעטל, — וועסטו שוין הייַיאָר אָפּלעקן אַ ביין, דיך פּרעגלען אין גאָלד...“

און גייט אַוועק לעבעדיק פריילאַך צו אַלע איבריקע ליאַסעוו־ניקעס, וועלכע קומען זיך אַרוים אָקעגן מיט די ליבע גוטע קוויטלאַך, און זוכן זיך אַרום איינס ס׳אַנדערע מיט ליכט :

— ביזט דאָ, שמואל ?..

— ביזט דאָ׳ ברוך ?...

— און דו, בערילע ?...

קוועלט אין אים ס׳הארץ :

— אויך הייַיאָר זיין אייער מענטש...

און מ׳גייט גלייך אינאיינעם אַוועק צו די שקצים, הולטייען : זיך דערפרייען, אונטערלענען קודם ס׳הארץ ביי עפּיס אַ טייער מיידל מיט אַ פאַרביסן נעזל, און נישט פאַרגעסן חלילה, צו דער־מאָנען זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט אַריינגעגעבן שכל צו די גרויסע לייט אין די קעפּ, זיי זאָלן מאַכן אַלע יאָר אַ נעמונג, וואָס זאָל אָפּפרישן ס׳פאַרשלאָפענע בלוט, דערוויקן די פאַר־טריקנטע אָדערן, צעטרייבן די שטעטלדיקע פוילקייט וואָס אין די ביינער, ווערן פריי, הפקר, צעלאָזן, ווי די ביימער יעשענ־צייט אין פעלד, ווען די ווינטן מערן זיך, און צעווינגן זיי ברייט מיט די צווייגן, זיי זאָלן זיך הויך לאָזן הערן...

— די גרעסטע פייגל קומט הייַיאָר אוים צו שטיין, — קוקט זיך בערילע אַרום, — אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי אויסגעקליבן איינעם און איינעם...

— ס׳וועט זיין אַ יאָר, למאַן ידעי, אַז די שטאָט וועט האָבן צו געדענקען... — באַרימט זיך דער לאַנגער שמואל.

— און נאָכמער : די שקצים, כּאַמעס — זיי וועלן אַריינ־קומען...

— שוין איינמאָל האָבן צו זינגען און צו זאָגן, אַז זיי וועלן זיך מעגן זעצן ס׳פּנים קלאַגן...

— מ׳וועט זיי געבן צו לעקן און צו שמעקן...

— אויף מיינע הענט זיך האָבן דערוואָרט ! — שרייט בערילע און וואַרפט זיי אין דער ליידיקער וועלט אריין...

פּאַרנאַכט, מנחה־ומעריב־צייט, איז ער געקומען אין בית־המדרש אריין, בערילע ; נישט חלילה, מתעורר זיין, נעמען אַ אידיש וואָרט אין מויל אריין, נאָר ווייל דאָ איז ס׳מקום וואו מ׳קען כאַפּן אַ לייכטן גראָשן ; זיך זעען מיט די קיילעבדיקע, בייכל־דיקע אידן, כאַפּן אַ שמיעס מכח די שלאַמויזן זייערע, וואָס וועלן דאָ נישט זיין קיין שום מורה־מורנה, און מיט זיי אינאיינעם גלייך מוזן שטיין ; און זיך צוגעקלעפּט צו לייזער מאַכעלס, אַ איד, אַ גביר, וואָס האָט אַ חוץ אַ טויץ הייזער, מילן, אויך געהאָט, וואָס ס׳איז אַ זעלטענהייט, — אַ גוט האַרץ, און דער עיקר : אַ זונדעלע טאַנצן דאָס יאָר אויף דער חתונה, און זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט :

— אייער זונס מזל, ר׳ לייזער, וואָס ער איז אין איין יאָר מיט מיר ארויסגעקראָכן פון קיטשמענט ארויס, און די לעבע־דיקע וועלט דערזעען...

— וואָס איז ער געהאָלפן, ווייס איך נישט, אז דו וועסט ברויכן שטייען מיט אים אינאיינעם ?...

— איך זאָל אוועקגיין דינען, און ער — בלייבן אין דער היים, וואָס ווייסט איר נישט ?...

— באַ ! — גיט זיך דער איד, ר׳ לייזער מאַכעלס, בנעימות׳־דיק אַ גלעט איבער די באָרד, — ווען דער אייבערשטער באַ־ווייזט אַ נס, ס׳זאָל אזוי זיין, וואָלט געווען זייער אַ גלייכע זאַך ; דו ביזט גראָד, זעכטו, ווי געבוירן צום שווערדל, און אים, די שעה זאָל נישט באַ׳שעה׳ן, — ס׳זאָל חלילה אויסקומען אוועקצו־גיין, וועט נישט זיין מער וואָס ס׳זאָל צוריק קומען...

זשאַלעוועט זיך בערילע :

— ביי אים דינען, — איז אסור, די רייד נישט ווערט; א נאַש־בראָט ווערט נישט פאַרלוירן, גייט אין ערגעץ נישט אונטער; מ'איז א גוטער זעלנער, ווערט מען אויפן פייער נישט פאַרברענט; באַקומט מען א בענדל, צוויי אויך אמאָל. און פון בראַנפן איז אָפּגערעדט...

— אָ, וואָס קלאָגסטו דיר ווידער ס'פּנים ?...

— באַלד; ער האָט נאָך אויסגעקוקט, מ'זאָל אים רופן מיט א יאָר אהער, נאָר ווייל ער איז געבוירן געוואָרן א טאָג פאַרן גוישן נייעם יאָר, האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס צו טאָן; זיך נישט געקענט קיין עצה געבן: צי מ'זאָל אָנעמען דעם טאָג פאַר א יאָר, אָדער אינגאַנצן נישט רעכענען, און אים אָפּלייגן...

— א חדוש, — וואונדערט זיך דער איד, דער גביר, — מ'האָט דיך נישט גענומען צום שאַצן ?...

— ס'וואָלט אויסגעקומען ביי א אינגל, א שמויגערל, וואָלט מען אים אודאי גענומען, און אויפן זיבצענטן יאָר אָפּגעשאַצט איינ־און־צוואַנציק; און מיט מיר, ווייל כ'האָב נאָך געוואָלט מיט דריי יאָר צוריק שטיין, — זיך דוקא נישט געאיילט, און זיך גענומען צייט!... נאָר וואָס איז דער חלוק? — קומט ער דאָ ארויס אויפן ריכטיקן — פריער צי שפּעטער, דעם קייסערס מענטש בין איך סיי־ווי; און אז ס'וועט מיר אויסקומען אוועקצוגיין, — בין איך גאָל, און האָב נישט קיין העמד אויפן לייב...

— באַ! — מאַכט לייזער מאַכעלס, — מ'לאָזט ביי אידן נישט פאַלן!... און, באַום, ס'וועט נאָר האַלטן דערביי, אזוי וועט ער שוין זיין דערין, ר'זאָל פון אַלעם מיטהאַבן אין וועג אריין; פון העמדער, הויזענס, קנעפּלאַך, בערשטלאַך, מיט וואָס א זעלנער ברויך נאָר אָנפילן ס'קעסטל — אפילו עפּיס געלד אויך...

— אין דעם האָט ער קיין שום קלער נישט. — זאָגט

בערילע, — נאָר די זאַך איז: וואָס ביז צו דער קרעטשמע ברויך מען אויך אַ טרונק בראַנפן!...

אזוי מאַכט מען גלייך צווישן זיך צונויף אַ ביסל געלד, — אזא יונג, און גייט נישט מיט עזות, — גיט מען אים בישעות חן:

— נאַ דיר, און דו ביזט עס ווערט אויך, — און מ׳זאָגט אים אָן זהיר וזהיר — ווען דו וועסט נאָר זיין געענגט, ווייז דיך אריין, אין אַ בית־המדרש מעג מען בכלל אריינקומען, — וועסטו נישט ליידיק אַוועקגיין...

גייט בערילע ארוים מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ; לייד־דיקט אוים אינם ערשטן בעסטן שיינקל אַ פּאָר גלעזלאַך פייערדיקן אַקעווויט, און נעמט גיין איבער דער גאַס, לעבעדיק־אויפגערוימט: „הולאַי יאַשאָו נאַ קערמאַשאַ"! — ווייסט נישט: אויב ר׳זאָל זיך פריער שטעלן אויפן קאָפּ, זיך קאַטשען אויפן בויך, ביז ר׳טאַפּט דאָ אָן עפּעס אַ יונגנמאַנטשיקל, אַ לעקישל, אַ־זונ־דעלע אפשר פון די אייגענע רייכע טאַטעס, וואָס האָבן אים צו־גויפגעמאַכט די פּאָר אָרימע גראָשן, אָדער אַן איידעמל ביי וועלכן פון זיי אויף קעסט, — וועלכער גייט אזוי פאַר׳דאַגה׳ט, ווייל ר׳האָט מסתמא אויך בעקומען דאָס מאַגערע צעטעלע; נעבעך: איינגאַנצן אַ נרגרת דרבי צדוק, און דער קאָפּ ברעכט אים גוט, אז מ׳זאָל זיך חלילה נישט טועה זיין, און מיינען: ר׳איז אַ גבור... אַ לייב... און ער כאַפּט אין אים, בערילע, פּש־פּש... אַ גאַנצע מציאה, ווי אַ געבראָטענע טויב וואָלט אים אין מויל אריינגעפלויגן, און דערלאַנגט אים אויפ׳ם כח אַ ברען איבער דער פּלייצע, ארויסשיטנדיק אַ פול מויל געלעכ־טער:

— נאַ דיר, מיינע שונאים, אַ זעלנער; כאַ־כאַ... כי־כי... טשיק... טשיק... אַ זעלנער נאַ שטי־כי...

דעם יונגנמאַן פליען פון ערשטן מתנת־יד אראָפּ די ברי־לאַכלאַך פון שפּיץ־נאָז, און טאַפּנדיק מיט בלינדע אויגן אין דער

פינסטער, — הערט ער שוין, ווי יענער רעגירט מיט אים: „נאַ־לע־וואָ! נאַ־פּראַ־וואָ, מאַ־ר־ר־ש־ש...“ דערזעט דער יונגערמאַן: ס'איז בערילע, דער שטרויענער גזלן, וואָס מאַכט זיך אַזוי לוסטיק איבער אים, — אַזוי גייט אים קודם אָפּ דער פּחד; „וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבן פאַר בערילען, און ווען ער איז נאָך שכור, דערצו“?... נאָר זייענדיק גלאַט פאַרשעמט פאַרן רעדל מענטשן, וואָס האָט זיך אויף דער רגע אויפגעקליבן, — האָט זיך אים נישט געגלוסט דאָ מאַכן מיט אים קיין חתונה צורעכט; נאָר וואָס פאַר חרפּה האָבן זיך זיינע באַקן גענומען רייטלען ווי ביי אַ יונג מיידל, וואָס מ'וואַרפט איר אומגעריכט אַריין אַ קוש, און אַ ביסל יוצא צו זיין, אַ ביסל — זיינע פּטור צו ווערן מיט גוטן, נעמט ער זיך אַרויסמאַכן באופן זה, וואָס ער האַלט מיט אים ווי ס'איז־מיט:

— אודאי, בערילע, אַ זעלנער איז נישט קיין בער...

ווערט בערילע לעבעדיק פון דעם אַדוואָזשנעם סאָלדאַטשיק, און כאַפּט זיך פון גרויס גדולה, מיט אים אַרום — קושן: „אַזוי, זעסטו, האָב איך דיך ליב!..“ דאָס יונגעמאַנטשיקל זוכט זיך קודם אַרויסצודרייען גאַנץ פון זיינע הענט, אַפּצוראַטעווען אַ לעבעדיקער, — נאָר ער, בערילע, פאַרשטעלט אים אָבער אַזוי ווי אומישנע דעם וועג מיט זיין וואַקלענדיקן, ברייטביינער־דיקן גוף, און מאַכט מיט די הענט אַזוי נאָנט פון זיין פּנים, אַז יענער מוז נאָר אָוועקכאַפּן נ'קאָפּ נישט בלויז פאַרן מאוסן ריח פון בראַנפן, וואָס זעצט אים פון מויל, — נאָר ר'זאָל טאַקי נישט קריגן קיין שאָס אין נאָז אַריין אויך; און אַ נאָז האָט עס פון גלאָז, דאָס יונגעמאַנטשיקל: נאָך קינדווייז, אַז מ'האָט איר אויף אַ האַרעלע אָנגערירט, — האָט זיך שוין געגאָסן ס'בלוט פון איר, וואָס ער ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי, — גאַנצע קוואַלן; און ער קלערט דאָס טאַקי צו נעמען די אייגענע נאָז אין דער אַרבייט אַריין, איר מאַכן פאַרן הויפּט חסרון זיינעם, פאַרן אמת'ן מום, וואָס האָט זיך משתתּף געווען מיטן גוף זיינעם

נאָך אין דער מוטערס בויך, און נאַגט אים אוים ביזן לעצטן טראָפּן, מאַכט אים בלוט אָרים, בלייך ווי די וואַנט...

דאַ צינדט זיך בערילע אָן, און ס׳פאַרדריסט אים, וואָס אַזאַ שמויגער זאָל פון אים האָבן ס׳געוואַר: „פאַר די פּאָר גראָשן וואָס זיין טאַטע האָט אים דאָרט צוזאַמענגעמאַכט, — וועט ער אים שוין האָבן געקויפט?..״ און ער נעמט אים טרייסלען, שאָקלען, אַזוי ווי געוואָלט ארויסשאָקלען פונ׳ם די געדערים:

— די באָבע דיינע קענסטו דערציילן אַ מעשה, ווילסט גיין דינען; די באָבע דיינע...

אַרום האַלטן זיך די גויים, וואָס קוקן דאָס־צו, ביי די זייטן, און ווערן צעקראַכן פאַר לאַכן: „מ׳מעג זיך גיין צום איד אין חדר לערנען, ווי ער טוט דאָס צי אַ „באישע זשידעק״... דאָס יונגעמאַנטשיקל ווערט רויט און טויט, ס׳פּנים — באַשיט מיט פייער, זיינע באַקן נעמען פלאַמען ציגעטער־רויט, ביז ער רייסט זיך קוים מיט צרות אָפּ, זוכט זיך ארייַנצוקריגן אין אַ טויער, און אַנטקומט...

נישט האָבנדיק גאָר און קיינעם מער, וואַרפט ער נאָך אַלץ אַזוי מיט די הענט, און שרייט אין דער ליידיקער גאַס אריין, שרייט אָפּ די רייכע הייזער, — ס׳זאָל זיי דאָרט מסתמא גיין אין די אויערן אריין:

— מיינען אודאי, זיי זיינען שוין זיינע פּטור?... אַז ער גיט זיך שוין אַזוי גיך אָפּ, און גייט אַוועק זיין זייער כפּרה?... ער וועט זיי נאָך פריער אויסרוימען איינס ביי ס׳אַנדערע, ווי די הינט...

און בערילע, אויב ער האָט אַנגעהאַלטן ווען ס׳איז אַ שטיקל מלאכה, און מ׳האָט אים געברויכט אינם גילדענעם־גוטן אָנצו־טרעטן אויפן קאָפּ, ווי אַ וואָרים מיט די פיס, ער זאָל קענען איינלינגן איבער דעם מאַשינדל — איז ער מיט דער רגע געוואָרן

אויפגעבונדן, און גענומען ארומגיין מיט א שיינענדיק פּנים, אויף וועלכן מ׳האָט אזוי אויך נישט חלילה, קיין נויט אָנגעזען, כאָטש ר׳האָט נישט געטאָן די האנט אין קאַלטן וואסער...

נאָר אויב ס׳געפינען זיך אין יעדן שטעטל גרויסע מיילער, אָפּריכטערס, וואָס האָבן ליב צו באריידן, איז ער אסור נישט שולדיק געווען, — וואָס מ׳האָט אים גענומען גלייך אין דער ארבייט אריין :

— א יונג דרייט זיך ארום, ס׳איז מיט נסים, א משוגעת כאָפּט זיך אין אים נישט־אָן..

— א פּאָר געשוואָלענע פּיסקעס; פרעסט און טרינקט ס׳בעסטע און ס׳שענסטע, ס׳איז גאָר נישט צו פארשטיין פון וואַנעט דאָס נעמט אזוי אַלץ אויף דעם ?...

לאַכט מען :

— ביי אזא יונג, א רעקרוט, איז א דאגה וואו מ׳נעמט ?... געווים לעבט ער אויף דער שטאָטס קאָנטע, ווי דער קהל׳שער באָק, למשל ; דאָ א כאַפּ, א פליק, א ריס, און ביי וועמען צו כאַפּן, פליקן, רייסן, — איז ב״ה דאָ ; לייזער מאכבעלס, שלום יאנקעלס, ברוך משה׳ס, — אזעלכע אידן מיט הייזער, מילן, זענגן, וואָס האָבן שטיין זונדעלאך צום ליאָס, און זיינען אָנגעשטאָפּט מיט געלד, — זיינען טאַקי נישט קראַנק צו געבן...

גייט אָן אַפּצאַל :

— דו — אזוי פיל און אזוי פיל...

— דו — אזוי פיל און אזוי פיל...

— און דו — אזוי פיל און אזוי פיל...

ער וויינט בערילע, פון די אַלע יונגעלייטלאך און האַלט קאָפּ : ווער פון זיי ס׳איז אוועקגעפאָרן בסוד סודות, — געוועזן ביים קינצקער פעלדשער ; אזוי גייט מען אריין צום טאַטן, נישט חלילה מעשה מסור, וואָרים א רעקרוט, אז ער ווייסט : ער וועט זיך א טובה טאָן, ווען ר׳וועט יענעם

באגראבן, — איז מסורן א קליינינקייט; גיט מען דעריבער אזא יונג, מ'פארשטאפט אים ס'מויל, מ'שטעקט אים אן:

— שא, שטיל... ס'זאל קיין הונט נישט וויסן, קיין האן נישט קרייען...

מיט בערילען האט זיך באלד צונויפגעפארט, שמואלכל; אדער ווי מ'האט אים גערופןביים צונאמען: דער לאנגער שמואל, א יונג א הויכער, אן שום מאס און איינזען, — אנגעוואקסן; א גלייכער שטעקן פון אן איילבירט, און א פנים — איז עפעם מאוסער'ס נישטא; קליינע שמאלע קאלמיקן־אייגלאך, דינע פארבלאזע ליפן, ריכטיקער: א מויל אן ליפן; ביי א לאד וואס איז אן ציין, — מוזן די באקן זיין איינגעפאלן, לעכערדיק, און העכער זאלן די קינבאקן אונטער די אויגן, שארף ארויסשטארטשען; און דער יונג, וואס האט געהאט א טאטן, א לייטישן איד, — האט אנגעהויבן גיין מיט אים, מיט בערילען, וואס אן אנדערט מאל וואלט זיך ריתות געטאן, אים דער פאטער דעם קאפ אראפגעדרייט דערפאר. נאר איצט, אזוי ווי ס'איז קודם א נעמונג, דער יונג זיינער איז א רעקרוט, — איז שוין דערמיט אלץ פארענטפערט; און ווידער, האט ער א שטיק גערן געזען, וואס דער זון זיינער האט זיך גענומען צום גיין, מיט וועמען ס'זאל נישט זיין, — ווייל ס'גיין האט באדארפט זיין א רפואה צו זיינע פיס; זיינע, ווי די שטעקנס, דארע פיס, זיינען געווען גראב אנגעזעצט מיט אדערן, צוליב וועלכע ער האט קליינערהייט נארנישט געטארט גיין; געמוזט טראגן אזעלכע הארטע, ווי בלעך, — זאקן, אז זיי זאלן אים נישט אויפשפרינגען, ווי די קישקעס, די אדערן; האט ער איצט נישט מער געוואלט, דער טאטע זיינער, ווי זיי זאלן מיט'ן גיין, דוקא יא אויפשפרינגען הויך, גראב און געדיכט, זיך פארציען איבערן גאנצן דיקן פלייש פון פיס, אנלויפן מיט בלוט און ווערן שווארץ, פעט, די סאמע ריכטיקע באבסקע אדערן... וואס זאלן אים אפראטעווען דעם יונג...

בערילע ווידער האָט ב׳קיין אופן נישט געוואוסט, וואָס דער לאַנגער פירט זיך מיט אים אַרום; גיט: אויף ירידים, צווישן די שיינקען, — וואו מ׳קען עפּעס אָפּדרייען, אָפּלעקן אַ ביין, אָבער נישט איבער אַזעלכע פוסטע וועגן און שטעגן, בערגער און גריבער, ביז ר׳האָט אים מיט איינמאָל דערטאַפּט, דעם בחור, און דערלאַנגט איבער דער פּלייצע:

— דו משומד איינער, ווילסט אויך איבערבלייבן אין דער היים?... ווער דען וועט אַוועקגיין, שמענדריק די אלמנה׳ס, דער שלמה׳זאַלניק, מ׳זאָל אים דאָרט זיין טויט מאַכן?...

— נו, באַשטייסטו נישט?... — ווערט דער לאַנגער אויף אים אָנגעצויגן, — און ווילסט אפשר אויך, כ׳זאָל דיר געבן סליחה־געלד?...

— נאָר וואָס מיינסטו, ס׳וועט דיר אַזוי גלאַטיק אָפּגיין?...

— אַז כ׳וועל אַרוים אויף אַ בלאָען, וועל איך דיר לאָזן מאַכן אַ באָד אין אַקעוויט... — לאַכט דער לאַנגער.

מיט זיי ביידע האָט זיך גלייך מיטגעכאַפּט ברוכ׳ל; אָדער: דער קליינער ברוכ׳ל, ווייל ר׳איז געווען גרויס ווי אַ גאָרנישט, און געקענט גיין שפּאַצירן אונטערן טיש; איז ער נאָך אַלץ נישט זיכער געווען מיט דעם, וואָס ער איז אַזוי קליין, אַ ליליפּוטל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אפילו אָפּגע־גאָלט דעם קאָפּ; און מורא געהאַט: ר׳וועט נאָך אַלץ כאַפּן אין דער לייבג, — זיך איינגעשאָצט אין נדן, וואָס ר׳טראָגט אַ נאַר־טעלע; אַזוי האָבן אים אַלע פאַרגינען מיט׳ן גאַנצן האַרץ:

— ר׳זאָל בלייבן מיט דער קוליע אין דער היים...

און אים נאָך צוגעוואונשן:

— זאָלסט זוכה זיין צו האָבן און צו טראָגן אויף ביידע זייטן, און אַרוים אויף גאַנצע צוויי ווייסע בילעטן...

קליין איז דער זומער, ווי אַ חלום פאַרגייט ער, צווישן אַ יאָ און אַ ניין, — סיון, תמוז, אב, פּאַקט ער זיך שוין ס׳פּעקל אין

וועג אריין ווי א ליבער גאסט, מיט וועלכן מ׳האט אפילו קיין צייט נישט געהאט זיך רעכט אפצופרייען, און פרואוו גיב אים אכטצן קריינק, אויב ער וועט זיך וועלן לענגער אפשטעלן, א קליין ביסעלע אויפהאלטן...

שוין אין אב, ווען די פירות ווערן ערשט צייטיק אויף דיביימער, נעמען זיך אומשולדיק רייטלען — גייען זיי שוין קיי־נעם, חוץ די חדר־יונגלאך, נישט־אן ; א דערוואקסענער מענטש שפירט שוין דעם עול פון די הייליקע טעג ; ס׳שמעקט ימים־נוראים׳דיק, און ס׳א סברא : אז דאס אייגענע נעמונג וואס נעמט גראסעוועו ווי א מנפה ר״ל און רייסט אוועק כשר׳ע קינ־דער, אומשולדיקע עופה׳לאך פון דער מאמעס פארטוך, — מאכן דאס די ימים־נוראים אזוי גרוים ; דאס נעמונג זעצט זיך אן אויפן קארק פון שטעטל, און מיטן זעלביקן כח פון פאסטן, בעטן, איינרייסן פאר א גוט און א געזונט לעבן, — ווייל מען איבער דעם אלעם קודם ארויסרייסן ס׳לעבעדיקע קינד פון די וועלפישע ציין...

דאס נעמונג איז שוין אריין אין די ווענט פון די הייזער, ס׳בויערט לעבער, ברייטע און טיפע ; און ווען אפילו ס׳שטייט נישט גראד קיינער פון דעם דאזיקן הויז, איז ווידער דער בחור פון אקעגנאיבער אזוי איינגעבאקן, — אז ס׳בארירט נישט ווייניקער ווי ביי אן אייגן קינד ; אזוי : דער מיט יענעם, יענער מיט דעם, ס׳גאנצע שטעטל איז געקניפט און געבונדן, — און האט נישט איינער שטייען זיין אייגענעם זון, שטייט זיין ברודערס זון, יענעמס אייניקל, דעמס איידעם און אווע־טאווע, איז יעדער אזוי ווי אין עסק, רירט עס יעדן־אן ביזן ביין...

אין אידישע שטובן, וואו מ׳גייט, — האלט מען די קעפ אראפגעבויגן, — מ׳האט גאר נישט ס׳הארץ זיך אויסצולאכן ; די מאמעס נעמען איין די קינדער, פארווינגן זיי מיט וויינענדיקע נגונים :

זיי זשע מיר געזונט, מיין טייערע מוטער,
אוי־ווי, גוואלט!
מיר איז שלעכט און דיר איז ביטער,
אוי־ווי, גוואלט!
מיר איז שלעכט און דיר איז ביטער,
אוי־ווי, גוואלט!

איבער די געסלאך זעט מען שוין באַצייטנס ארומגיין די בעלי מלאכות, וועלכע האָבן אוועקגעלייגט די מלאכה, ריכטי־קער: די מלאכה האָט זיי אוועקגעלייגט, — און דרייען זיך ארום מיט די שטעקעלאך אין די הענט, אזוי ווי די חול־המועד'ניקעס, נאָר שטאַרק דערשלאָגן, אָן קעפ, און אָן זייער פריילאַכקייט אויפן האַרץ...

און אז מ'פרעגט ביי וועלכן פון זיי:

— וואָס וועט אַזוי אייער סוף זיין?...

הייבן זיי די אַקסלען, קנייטשן דעם שטערן, און פאַלבן די ברעמען:

— איין גאָט ווייסט; באַשטאַנען: נאָך צו ארבייטען, נאָר ס'לאָזט דען איינזיצן?... און ווידער צוריק גערעט: וואָס וועט מע דאָ אָנווערן?... נאָך אריינכאַפּן אַ טאָג — וועט ער שוין די זופּ פעט מאַכן?...

און אין די שטובלאַך, בתי מדרשים, ברעכט זיך; רייסט איין; דאָרט קען מען זיי זען, די אייגענע יונגעלייטלאַך, ווי זיי שאַרן זיך ארום די גמרא־לערנערס; ס'רוב: בלייבן זיי זיצן נאָך מנחה־מעריב, ווען די שאַרפע קעפּלאַך גיבן זיך אַ זעץ־אוועק ממש ווי גבורים איבער די שווערע גמרא'ס; און די הוילע אויס־געמאָגערטע מענטשלאַך, קוים וואָס די נשמה דערהאַלט זיך אין זיי — גיבן זיך אַ לאָז־אוועק מיט אַזאַ כח, גייען אוועק מיט אַזאַ גאַנג אַזוי ווי אַ נצחונ'דיק חילות איבער טויטע, דער'הרג'עטע, וואָס וואָלט איינגענומען וועלטן; אין אַ ווינ־קעלע פאַלט מיט אַמאָל אַ בחורל ביי זיך אראָפּ, האַקט־אָפּ, אזוי ווי ר'וואָלט נעפאַלן איז מיטן געשריי, און ווערט פאַרשוויגן; בלויז

א קרעכץ רייסט זיך ביי אים פון דער טיפעניש, מעמק הלב, שפארט זיך ארויס:

— ס׳גייען אזעלכע טעג, ווען די פיש אין וואסער ציטערן, און ווען נאך קען מען זיך אזוי אויסבעטן ביי דיר, טאטע, מ׳זאל פארבלייבן אין דער היים ?... ווען נאך קען זיך מאכן אזא שעת הכושר ?...

ווידער ערגעץ אנדערש, האט א בחורל, וואס איז אזוי גע־ווארפן געווארן הינ־און־צוריק, הינ־און־צוריק, ווי א שפענדל אויפן וואסער, — זיך גענומען לייכטער וויגן, ווי ר׳וואלט פארלוירן דעם הויכן וועג, און גענומען גיין פאמעליכער, בארג־אראפ, אראפ, און באלד צוגעקומען צו דער ריכטיקער, שווערער מויער, וואו ער האט צוגעלעגט דעם קאפ, געבראכן, ווי אזעלכער וואס גייט איינער פון הונדערטער אליין צוריק פונ׳ם שלאכט־פעלד...

— זע, טאטע, מ׳זאל נישט ווערן פארווארפן צווישן גויים; זיין אפגעריסן פון תורה און אידישקייט...

און ביים אויוון ,ווי נישט ביי זיך, — זיצן ווי פאר־שעמט די אייגענע בעלי־מלאכות, די פראסטע אשרי־יושבי־ביתך־דיקע, וועלכע האבן זיך שוין באצייטנס אויפגעהערט גאלן, זיך פארלאזן בערדלאך, און זאגן פון ארימע מאגערע סדור׳לאך מיט גראע דינע בלעטעלאך:

— לערנען קענען מיר נישט, אבער אידן זיינען מ׳ר דאך; שבת האלטן מיר, פון ימים־נוראים ווייסן מיר, זע, ווידער, מ׳זאל אין דעם זכות נישט ווערן פארוואגלט, ברויכן אנקומען צו מאכל טריפות, אויף זיך נעמען דעם עונש פון חלול־שבת ויום־טוב...

אזוי צעטיילט זיך דער עולם; איין האלבער גייט אוועק ווי יעקב אבינו, צום שם ועבר, — לערנען, תפלה־טאן, און דער אנדערער האלבער עולם, ווי בערילע שייגעץ מיט זיין חברותה,

גייט אוועק, ווי עשו צו דער עבודה־זרה, אין שיינקעלע אריין, זינגענדיק :

ווילסטו וויסן, צי פאַניע איז א לייט, —
ער גייט אין הויכע שטיוועלאַך.
ס'היטעלע אויף א זייט...
פאַניע, פאַניע, גנב,
פאַניע, פאַניע, חזיר...

דער דאַזיקער עולם באַשטייט פון געזונטע שניידער־יונגעו, געזעלן, וועלכע וויסן באַלד נישט דעם טייטש פון עברי, און „סלווזשבע" איז ביי זיי בלאַטע :

— מ'וועט זיך גלייך זען דאָרט אריינצוקריגן אין „שוואַלניע", נייען „קיטלען", באַקן ברויט, מאַכן שטיוול, א דאגה : וואס ?... און די פאַר יאָר וועלן אראָפּלויפן ווי קיינמאָל גאָר נישט ; עפּעס א סך : דריי יערלאך ?... און אז מ'וועט דערנאָך אהיימקומען, האָבן אָפּגעשפּאָרט עטליכע הונדערט קאַרבן — מ'קען, אז מ'איז א לייט, ביי פאַניען אָפּלעקן א ביין ; האָבן אדורכגעפאָרן א האַלבע וועלט, געווען אויף מאַנעוורעס, קענען קנאַקן רוסיש מיט דער צינג, — וועט מען ערשט א לייטישן שדוך טאָן...

און א צינדר, ווייסט מען אזוי פיל, אז מ'ברויכט א הוליע טאָן ; א רעקרוט איז מען, און דעריבער, חי מרדכי, — איין מאָל לעבט מען, און איינמאָל שטייט מען צו די זעלנער...

גייט מען אוועק, גאַנצע האַרמעס, און מ'קערט איבער ס'שטעטל מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס א קאַפּויר ; מ'צע־טראָגט די יאַטקעס, מ'צעשלעפּט די ביידלאך, מ'צעלייגט די שטע־לעכלאך, און אויף די גוואַלטן, אויף די געשרייען פון די שטייער־קעס, קומט אַן ס'קליינע סטראַזשניקל מיט א געבייזער :

„כ'וועל דאָס נישט צולאָזן, ווי לאַנג איך בין דאָ, — ביי מיר, אין מיין שטאָט"?... נעמט מען אים אונטער די אָרעמס צו לייזערן אין שיינקל, און מ'גיט אים אָנצוטרינקען : „נאַ דיר, און האָב נישט קיין גרוים מויל" — און מ'ריידט אים איין —

„ביזט דאָך פון אַלעמאָל אַ גוטער גוי...״ ווייסט שוין ס׳קליינע סטראַזשניקל: ס׳זיינען די רעקרוטן, דעם קייסערס מענטשן, אַזוי נעמט ער זיך קושן מיט זיי פון די מיילער, און ריידט זיך אַראָפּ בשעת מעשה פון הארץ — וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג — ביי אַ שכור אויף דער צונג: „איר מיינט, ס׳גייט מיר אַזוי שטאַרק אין לעבן, איר צעטראַגט די שטעלעכלאַך ?.... ס׳הארץ טוט מיר גענוג וויי, כ׳קען עס אַליין נישט טאָן״... דער אַקעוויט נעמט אין אים קאָכן, די אויגן — זיך קלעפּן, און ווען דער עולם אַרום מיט די גלעזערנע אויגן, דראַטענע פינגער, הילצערנע פיס, גיט אים אַ שטעל אַרויף אויפן טיש, נעמט קלאַפּן מיט די הענט, פלעסקען, פייפן, און בערילע שייגעץ שרייט: „קאַמאַרעסקע פּאַדאַוואַי !״, דוכט זיך אים, דעם קליינעם סטראַזשניקל, ס׳איז „פּאַסכאַ״ אין קאַזאַרמע, רעביאַטאַ קלאַפּט־צו מיט די פּייקלאַך, אין די בלעכן, קאַנען, ציבערס, — מיט די בעזעמער, און ער פאַרשאַרצט די פּאָלעס פון שינעל, פאַרוואַרפט אַ פוס אין לופטן, גיט זיך אַ באַבע אונטערן אָרעם: הו־האַ, הו־האַ, און טאַנצט...

חברה גיט אונטער פייער:
חנה, געלע ראַנע...
שטרויענע פּאַ־אַ־נ־ע...

ביי אים גיסט זיך פון פנים טייכן שוויים, די האָר קלעפּן צום שטערן, ער איז רויט ווי אַ ראַק, בלאָזט זיך ווי אַ בער, פרייכט ווי אַ שטאָפּ־גאַנז, און אין דער גרויסער גדולה, ווען ר׳איז שוין גוט מלא, פאַרדרייט, ווייסט נישט פון צו־פריער און דערנאָך, עפנט זיך אויף זיין פאַרססטע הארץ, מיט וואָס ס׳איז פון אַלעמאָל אָנגעזאָפּט, און וואַרפט אַראָפּ דאָס שלעכ־טיגקייט, וואָס ר׳האָט צו אידן:

— עך, די זשידעס, מ׳ברויך זיי אַלע אויסשעכטן !...

ווערט דער עולם אָפּגעקילט ווי נאָך אַ קאַלטע באָד: „אַ ממזר, אַ גוי, גייט זיך שעלטן פאַר אונזער געלט ?..״ און בע־

רילע שיינעץ גיט אים געשיקט א יאָג אין זיין אָנגעפּרעסענעם בויך, אזש ס׳טוט א קלונג ווי פון א פּאַס:

— ביזטו א חזיר, זאָלסטו נישט קומען צווישן מענטשן...

דאָס סטראַזשניקל פּליט אַרונטער ווי א שטיקל פּאַפּיר פון א ווינטל, ווי דער ליידיקער שינעל, און ס׳וואָלט גאָר נישט אין אים געוועזן קיין סטראַזשניק; ער פאַרקרימט ס׳פּנים פונ׳ם באָכע, און מאַכט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען א האַלב גלאָז בראָנפן מיט אַמאָל; מאַכט אויף ס׳מויל, און ס׳רינט דערפון ארויס אַזאַ גאַווער, אַזאַ שליים, — און בעט זיך, וויינענדיק:

— ניעט... יע־באָגו, טשטאַ ניעט; ניע דומאַ־אַ־ל...

עולם קומט ערשט איצט אַרויס מיט א מויל, און וויל זיך מיט אים אָפּרעכענען אויף קליין־געלט:

— אַראָפּרייסן די שליפּעס!

— צוברעכן די שווערד!

נאָר איין בערילע שיינעץ, וואָס האָט אים אליין שיער נישט דערהרגעט, האָט א דורכגענומען ס׳רחמנות און זיך איבער־געקערט אויף דער לינקער זייט:

— מ׳ברויך אים נישט קיין שלעכטס טאָן, חברה; לאָזט אים אָפּ...

דער גוי וויינט, און ער שטעלט אים ווי־ס׳איז אויף די פיס, ווישט אים אָפּ מיט זיין פאַרטשיילע דעם שוויים פון פּנים, און פאַרענטפערט אים נאָך:

— וואָס ווילט איר פון אים?... ער רעדט, — דער בראָנפן רעדט פון אים אַרויס; בטבע: א גוטער ערל, האָט אין דער היים א וויב׳רע מיט זיבן שרצים...

חברה זעט ביים סטראַזשניק טרערן אין די אויגן, טרערן גרויסע ווי די אַרבעס, — פאַלן ביי זיי איין די הערצער, אידישע גזלנים, און ס׳האָט שוין קיינער מער קיין לב נישט אים שלעכטס צו טאָן; אדרבא: מ׳מאַכט אים נאָך צונויף א פּאָר גראָשן, און מ׳בינדט זיי אים איין אין העמד, א קניפּל, — ער

זאָל דאָס נישט פאַרלירן; דער לאַנגער שמואל פון איין זייט, דער קליינער ברוך'ל פון דער צווייטער זייט, — נעמען ביי אים ס'אונטערפירן, און אַז ער זאָל אַביסל קומען צו זיך, נעמט מען אים אַרום בכבוד גדול אויף דער גאַס...

אין דרויסן בלייבט מען שטיין:

— וואָס טוט מען מיט'ן סטראַזשניק?...

עולם שרייט:

— אָפּלאָזן...

— אַוועקוואַרפן...

— וואָס וועט מען זיך האַלטן מיט אים?...

זאָגט בעריל שייגעץ:

— ס'א רחמנות; ער פאַלט פון די פיס, — טויט־שיכור..

שפּאַרט זיך ווער פון עולם:

— אין דר'ערד אַריין מיטן קאָפּ זאָל ער גיין, אויב ר'האָט אַזאַ שכל...

און בערילע:

— ר'האָט אין דער היים אַ ווייב'רל מיט זיבן שרצים, מ'ברויך אים אַהיימפירן...

ווערן אַלע פאַרנאַרט:

— אַ היימפירן...

— אַ היימפירן...

דער קליינער ברוך'ל מאַכט אַ הלצה און שרייט אים אַריין אין אויער אויף זיין ווייבערשן קול:

— דו ווייסט, וואו דו וואוינסט?...

שאָקלט דער סטראַזשניק עפּעס מיטן קאָפּ, פּרוּווט זיך אַוועקשטעלן אויף זיינע אייגענע פיס, און דער עולם לאַכט, האָט הנאה; מ'רירט אין וועג אַריין, מ'גייט, און מ'לאָזט זיך ברייט הערן, — דער סטראַזשניק פליט אין לופטן, שוועבט; און אַז מ'קומט דערנאָך אָן אויף דער ראָגאַטקע, בלייבט מען שטיין און מ'קוקט זיך אַרום, פאַרגאַפט:

— וואו איז ס׳היטל ?
דער סטראזשניק איז נישטא.
שטייען די אונטערפירערס זיינע, און הייבן די אקסלען :
— די כאליערע ווייסט אים...
— ס׳א שד...
— א רוח...
קומט בערילע אין כעס אריין :
— וואו האט איר אים אהינגעטאן ?...
— זיך ארויסגעגליטשט פון אונטער די הענט !... — מיינט דער לאנגער שמואל.
— אים פארלוירן ! — זאגט דער קליינער ברוך׳ל.
דער עולם לאכט.
בערילע בייזערט זיך :
— מ׳ברויך אים גיין אויפזוכן !...
— א קריינק אים אין קאפ ! — שרייט דער לאנגער.
— א מכה אין האלז ! — באסעוועט־צו דער קליינער.
— אויפזוכן ! — שטייט בערילע שטאל־און־אייזן...
נאר קיינער הערט אים נישט מער ; אלע לאזן זיך גיין צוריק אין שטעטל, קלאפן־אן ביי די רייבע יונגעלייטלאך אין די פענסטער, און מאכן צורעכט א וואכנאכט.
— איר שלאפט ?... שוין אויף אייך אנגעפאלן אן אייבי־קער שלאף ?...
— ס׳וועט א רוח אין אייערע טאטעס זין אריין !..
— שטייט־אויף צו תהילים !...
— צו סליחות !
— ס׳ארא יום־כפור אויף אייערע קעפ ?..

אויף די ימים נוראים זיינען שוין די אלע יונגעז, וועלכע ליגן צעווארפן ס׳גאנצע יאר איבער די גרויסע שטעט, — אין דער

היים ; געוויינטלאך, קומט דער דאזיקער עולם אריין אין שטעדטל, אויסגעפוצט און אויסגעשטראנצט אין די נייע שטיוועלאך, מיט ברייטע געשפרינקלטע וועסטן, — אויף סוכות, נאר ווייל מ׳ברויך שטיין, ווייזט מען זיך פריער, אויף די ימים נוראים ; צו ראש־השנה, יום־כפור, זיינען אלע אין שוהל, שטעלן זיך ראשית צו פארן בורא־עולם, אויסבעטן א קוויטל צום לעבן, און אז מ׳וועט לעבן, — זאל מען זוכה זיין צו בלייבן אין דער היים, און זיך פרייען מיט אלע אינאיינעם...

מ׳שטייט ביים דאוונען און מ׳רעדט נישט קיין איבריק ווארט ; אלטע אידן קוועלן גאר־אן: „דאס נעמונג א פנים איז נאר דארויף, ס׳זאל זיי דערמאנען, ס׳איז פאראן א יום־הדין איבער דער וועלט, ווען אלע ברואים ווערן געמשפט ביים בורא־עולם, אויבן“... זיי זיינען אזוי שטיל, לייטיש, אז מ׳וואלט געקענט מיינען, ס׳קען קיינער פון זיי קיין צוויי נישט ציילן ; שטילע וואסערלאך, איינגעהאלטענע, וועלכע דערשפירן דאס ווילדקייט פון גרויסע צעלאזענע טייכן, און רייסן זיך באלד־אפ מיט זיי אינאיינעם, מוצא־יום־כפור, אזוי גיך ווי דער שופר פארטרייבט מיטן לעצטן בלאז דעם שטן, און די אימה קייקלט זיך אראפ ווי א שטיין פון הארץ ; אלע יונגען זיינען איצט שוין באנאנד, די פרעמד־אנגעפארענע מיט די היימישע — אינאיינעם ; און אזוי ווי זיי וואלטן דאס אזוי גוט נעוואוסט, אדער דאס גע־האט איבערגענומען בירושה פון די עלטערע, — שפילן זיי אפ א חתונה דעם שטעדטל, מ׳זאל זיי האבן צו געדענקען ; מ׳גייט פראסט איבער די הייזער, און וואו א פלאש בראנפן, ווין אין א קעלער, — מוז דאס אן שום טענות־ומענות אריבערגיין צו די חברה ; מ׳שלעפט ארוים גאנצע שיינקען, און מ׳לאזט זיך וואויל־גיין ; שטאדט שטייט איין ביי זיי אין די הענט, און איטליכער מיינט רייך : ער קומט בלויז אפ דערמיט... מאכט זיך : ס׳שטעלט זיך זיי ווער אנטקעגן, וויל זיין א תקיף :

— מ'האָט אייך אין דר'ערד, ממזרים ; שטאָדט איז נאָך ניִשט מיט אַלעם הפקר, — נישט אויסגעטאָן נאָך ביי פּאָליציע די שווערדן ; מ'וועט אייך לאָזן פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע !...

אַזוי איז שוין אַ גוטע קלאָג צו יענעם ; וועט ער זיך שוין מער מיט'ן לעבן נישט קענען אויסקויפן, און מוזן זען באַ־צייטנס זיך אָפּצוטראָגן מיט גאַנצע ביינער, ביז מ'וועט זאָגן קדיש נאָכן נעמונג...

שמחת תורה, ווען ביי אידן ווערט לכבוד די תורה אַליין גרינג אויף דער נשמה,און ס'צעפּלאַקערט זיך אין זיי דער חזק ונתחזק, אַ קליין ביסעלע וואוילערשקייט אויף אַ שעה, און מ'צובריקעט זיך אין די שווערע שטיוול ווי די אָקסן ביי אתה הרעתה לדעת, וואָס מ'טייטשט אוים : ס'זאָל אַלע שונאים אָנ־כאַפּן אַ בייז חולאַת, — קומט חברה אין שוהל אַריין, זיך גע־זעגענען : מ'פאַלט אַריין ווי די רוצחים, און בערילע שייגעץ דראַפּעט זיך גלייך אַרויף אויפן באַלעמער, לייגט אַוועק זיין לאַפּע מיט אַ הילך, — אויפן שטענדער :

— שטילער, אידן ; איר ווייסט, ער גייט אַוועק מיט דער חברה, — מאַנען זיי זיך הקפות !...

איז די שול מיט זיי אויף :

— הקפות ?... זייער שיין...

— דאָס קענען זיי קריגן, ווען אפילו זיי גייען נישט אַוועק דינען...

מ'גיט זיי די ספרי־תורות בישעות־חן ; מאַכנדיק אַ וואַרע — לאָזט זיך דער חזן גיין, זיי אַרומפירן אַרום באַלעמער מיט אַ לאַנגן קוויטשיגן :

עוזר דלים, הושיע־נא.

אַ נאַרל אין פּיפּיק, הצליחה נא...

אַז די שול וויגט זיך, צעפאַלט אויף שטיקער פון געלעכטער ; די יונגען גיט עס אַציפּ ביי די לעבער, ווערן בלוט־רויט, — און ס'צינדט זיך אָן אין זיי אַ פייער, אַ העליש־פייער :

— ס'וועט דא א רוח אין דער וועלט אריין, וואו קיין מענטשן גיין נישט...

— אזוי טוט מען איינענע, וואס גייען זיך מוסר־נפש זיין פאר א שטאדט ?...

און נעמען זיך באלד אין איינענעם אויף דער נאכט אפ־רעכענען דערפאר מיט'ן שטעדטל ; ברעכן טירן, ווענט, אראפ־טראגן די ליידיקע שטעלעכלאך, און לאזן, דער עיקר, אוים זייער גאנצן כל־חמתו צו די בעל־הבית'ישע יאר־סוכות, מאכן פון זיי א תל־עולם, ברעכן אראפ די פליגל, צעשלעפן זיי מיט די ווענט און מיטן סכך אינאיינעם איבער אלע שבעה ימים...

געשלעגן

אַ גאַנצע נאַכט זיינען די רעקרוטן געפאָרן אין שטאָט אַריין; נאָך מיט אַ טאָג פריער האָט איטלאַכער „וואויט" אין זיין דאָרף, איטליכער „סאָלטים" וואָס אין זיין גמינע, געלאָזט צוזאַמענרופן די יונגען, וועלכע ער האָט געהאַט אויפן צעטל פאַר היי־יאָר, און אויך אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ פאַרן גאַנצן זומער, — ס'זאָל וועלכער פון זיי נישט אויסגעכאַפּט ווערן, און זיי געלאָזט וויסן:

— מ'פאָרט צום נעמונג...

די גאַנצע נאַכט זיינען אַלע וועגן געווען באַלייגט מיט די דאָרפישע פורן, וועלכע האָבן אָוועקגעפירט די יונגען פון זייערע היימישע ערטער, כאַטקעס און פעלדער, אַוועק אין שטאָדט, וואו זיי האָבן אַ פנים, זיך געהאַט אָפּצושטעלן אויף אַ קליינע ווילע, בלויז אויף צו מעסטן, וועגן, איבערקוקן און באַטאַפּן יעדעס אבר, אויב ס'חבר'ט זיך נישט, חלילה, וועלכער פון זיי מיט אַ פאַרבאָרגענעם מום, און באַלד ווייטער, ווייטער אַוועק; ווער מיט דער באַן, ווער — מיט'ן ים, און אַ זויערנאַך ווערן אויסגעריסן אויף יאָרנלאַנג פון דער היים, אויסגעשאָקלט און אויסגעוואָרפן איבער יענע אַלע צעוואָרפענע שטעדט און דערפער, וואָס ליגן אַזוי ווייט איינע פון דער אַנדערע, אין דעם ברייטן, טיפן, מוטערליכן רוסלאַנד.

אינדערפרי האָט זיך ס'שטעדטל איבערגעוואויגן; איבער אַלע געסלאַך, ווי גרויס און אַלט זיי זיינען, — שטייען געדיכט אָפּגעזעצט די פויערשע וועגעלאַך; ס'איז פיל געפּאַקט מיט זיי דער מאַרק, די איינפאָר הייזער, און די פערד, פון אַ גוטע מי־נוט אויסגעשפּאַנטע, — טראָגן זעקלאַך „אַבראַק" אויף די העלזער, אַ שטייגער: ווי קליינע קינדער גאַוויר־שאַרצעלאַך. וואָס זייר־

נען ביי זיי אַנגעטאָן איבער די אויערן אַריבער ; יענע זיי־ נען דאָרטן שטאַרק פאַרטאָן אינעוויייניק מיט די קעפּ, פּאָרען, עוסק'ן זיך, און אַ געדיכטע פּאָרע זעצט פון זייערע מיילער ; די אָרימע שקאַפּעס טראָגן אויך זעקלאַך, אָבער, ווייזט אויס, — ליידיקע, שטייען זיי אַזוי גלאַט, מיט דער לונג־און־לעבער אַנגעהאָנ־ גען פון פּאָרענט, ביים נאָז, און כאַפּן אַ ציטער מיט די זשעברעס פון דער פרימאָרגנדיקער קעלט ; און, זיך נישט צו פאַרשעמען פאַר די ליטישע שכנים, די שקאַפּסקע פערד, וואָס שטייען און בריקן זיך, רייסן שטיקער ערד מיט די פּאָדקאָוועס פון גרויס אומגעדולד און חוצפּה, — רוקט מען אויך אַ מאָל אַריין דעם פּיסק אין וואָגן היי און „מזלאָבעט" דאָרט מכלומרשט אויף אַ רעכט־נ'אמת, אַז די שכנים זאָלן מיינען : „גאָט דער לעבע־ דיקער ווייסט, וואָס פאַר אַ צימעס מ'האָט פאַר זייערטוועגן אָנגעגרייט !"... און אַזוי מאַכט מען זיך קוראַזש פאַר לייטן אין די אויגן, ווארים, פערד, — זאָגט מען — האָבן אויך אַ מאָל אויסצושטיין די אייגענע חרפּות און בישות וואָס מענטשן, און נישט איין שקאַפּע האָט זיך שוין ס'היטל פון קאָפּ אַראָפּגע־ גנב'עט, טראַכטנדיק :

— חתן, מאַך דיר אַ האָריז, קנייפּ די באַקן, — די פּאָרב זאָל שטיין !

אויף איטלאַכע פור ליגט אַ פּריש כמעט צונויפגעשלאָגן קעסטל ; אויף אַ טייל פורן — עטליכע קעסטלאַך אויף אַמאָל ; אין זיי, אין די קעסטלאַך, — האָבן זיך דאָס די רעקרוטן מיט־ גענומען אַלע זייערע נייטיקע זאַכן צום דינען, וואָס אַן דעם איז גאָרנישט מעגלאַך אויסצוקומען : ווי העמדער, הויזנס, בער־ שטלאַך... און ס'זיצן די פּייערטעס, וואָס האָבן דאָס גענייט פאַר די לאַנגע זומערדיקע טעג, געפּיאַסטעוועט, היטן דאָס מיט ביידע אויגן אין קאָפּ, — אַז די שטאָטישע לאָבוסוואַטע שקצים־ לאַך, גנבים'לאַך, זאָלן דאָ וועלכעס־ס'איז נישט צולאַטכענען ; זיצן ווי די קוואָקעס איבער די אייערלאַך, אַרומגעבונדן די קעפּ

מיט די פּוילישע, רויטפּאַרביקע, געבלימטע טיכער, רויטע בייטשן קרעלן און שוואַרצע צלמים אויף די העלזער ; ביי יענע וועגן וואו ס'זיינען ווידער קיין פּייערטעס נישטאָ, אפּנים : די מאַמעס פעלן, — זיינען פון הינטן ביים פּאַשלאַדעק צוגעבונדן שוואַרצע קודלאַטע דאַרפישע הינט, וועלכע האָבן זיך איינגעדרייט ווי די בייגל אונטער די וועגן, אַריינגענומען די ווידלען און באַהאַלטן די נאַסע געפּרווירענע נעז אין לייב־און־לעבן ; און זאָל גאָט וועמען געבן אין זינען אריין, זיך בלויז צוצורירן צו אַזאַ וואָגן און וועלן אַראָפּרייסן אַ קעסטל, אָדער ס'זאָל וועמען איינפאַלן אַריינ־צעוואַרפן אַ שטיין אין דער הינטישער משפחה, איז שוין אסור, יענעם דאָ וואָס מקנא צו זיין ; מעג זיך יענער שעצן גליקלאַך, אויב ר'וועט אַרויס אַ גאַנצער פון זייערע מיילער, אַ חוץ ס'געבילעריי וואָס זיי וועלן אַלע אויפהייבן, און מיט אַזאַ רוגזה, נישט אַנדערש ווי מ'וואָלט געגאַנגען אויף זייער לעבן...

מיט'ן טאָג צוגלייך, אַזוי ווי ס'איז נאָר אויסגעפאַלן דאָס ערשטע שטיקעלע ליכטיקייט אויף די יעשנדיקע הימלען פון שטעטל, — אַזוי האָבן שוין די אידן נישט געקענט מער איינ־ליגן, און ס'האָט זיי פון די בעטן אַרויסגעוואָרפן ; דאָס היר־זשען פון די יונגע זשערעבעקלאַך, וועלכע ס'איז געווען אַ רחמנות איבערצולאָזן אַליין אין דער היים, און געלאָזט נאָכלויפן אַנגע־בונדן מיט אַ שטריקל ביים וואָגן ; און אויך ס'געבילעריי פון די הינט — האָט יעדן איינעם טויב געמאַכט ; מ'האָט אַרויסגע־קוקט פאַר דער טיר, און געזען דאָס לעבן אויפן גאַס, דאָס מעמד, די בערג שקצים, כאַמעס, וואָס זיינען אַלע איין דער דאָזיקער נאַכט אָנגעקומען פון אַרום און אַרום, פון מיילנווייט, אָוועקצוגיין דינען, און ווי זיי האָבן זיך דאָס צעשפּרייט מיט אַ הווא־אמינא איבער אַלע לעבער, אַזוי וואָוילעריש, פּאַריסן, האַלטן פאַרשייט די שטעקעלאַך אין די הענט, — איז איטלאַכן ס'האַרץ איינגעפאַלן :

— ווער ווייסט, וועמענס בייטל ס'וועט דאָ הײנט בלוטן

ביי זיי, און וועמעסביינער ס׳וועלן קנאקן אונטער זייערע שטעקעלאך...

איטלאכער האלט זיך דערווייל אָפּ פון ארויסצוגיין, ווי פאר א שלעכט וועטער; ווער ס׳באדארף עפּעס געניטיק האבן אין שטוב אריין, — אזוי וועט ער זיך פלאנטערן אין איין טויט־שרעק צווישן די וועגן און רעדער, און ביז ער וועט ערגעץ אריבערקומען, מעגן דריי מאל גומל בענטשן, אויב ער איז ניצל געווארן און ארוים מיט גאנצע אברים פון די שקצים׳ס הענט, און מיט א גאנצע קאפּאטע פון די הינטס מיילער...

באלד באגינען קומען אָן די „וואוטעס“, די „סאלטיסעס“; איטלאכער קלייבט־אויף זיינע יונגען, וועלכע האבן זיך שוין פאר דערווייליע אינאיינעם אויסגעמישט מיט אנדערע וואס פון די פארשידענע דערפער, און צווישן זיך געווארן היימיש; מושטערן זיי אויס ווי די זעלנער מחנות־ווייז, אין לאנגע שורות, ציילן זיי איבער נאכאמאל און נאכאמאל, אויב ס׳איז נישט וועלכער פון זיי אויסגערינען געווארן; און זיין מאמעלע האט אים נישט בגנבה אוועקגעפירט צו די שוואבן קיין פּריסן, — און מ׳לאזט זיך גיין אויפן מארק ארוים, צו דער „פּריסוטססטווע“; ביי די „וואיטעס“, „סאלטיסעס“, — קארצן די נייע שטיוול אויף די פיס, וואס זיינען פריש אנגעשמירט מיט אייל און טראן; זיי טראגן די אנגעריבענע מעשענע בלעכן אויף שווארצגעווארענע קו־פּערנע קייטן; און ס׳בלאנקען די זילבערנע קנעפּ אויף די אלט אפּגעבלאקירטע סוקמאנעס — נאך פון מיקאלאי דעם ערשטנס צייטן...

ס׳איז נאך גאר פרי, דא־דארטן מאכן זיך ערשט איינציק־ווייז אויף, ווי נאך א שווערן ישוב־הדעת — די קרעמלאך, וואס אין די פינסטערע לעכער פון די שווערע, אלט־איינגעזונקענע מויערן אין דר׳ערד; און ביים קארגן שיין פון די ארימע לעמפּ־לאך, בלייבן זיך ארוים די אפּאלקעלאך מיט פרישע ווארימע זעמעל, וואס מ׳האט אודאי נאר־וואס ארויסגעברענגט פון אויוון.

— און דאָ קומען אויף זיי אָן ס'ביסל שקצים, וועלכע גייען אַזוי וואוילעריש, אַרויפגערוקט די היטלען, מיט די שטעקעלאַך אין די הענט, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ אַלעמען אַ טובה־געטאָן, וואָס זיי גייען אַוועק דינען; און כאַפּן וואו אַרויס אַזאַ שטעלכעל געבעקס, טיילן זיך דערמיט גוט־ברודעריש איין, כהרף־עין, און אַ ווייבל, אַ שמויגער, שוואַרץ ווי אַ מויז, צוזעענדיק איר בראַך — פּליט אַרויס, זיך באַגיסנדיק מיט טרערן:

— נו ?... דאָס נייטיק באַדאַרפט האָבן?.. נישט גלייכער: כ'וואָלט באַלד נישט געווען אויפגעמאַכט דאָס בידנע געוועלבל?.. אַזוי איז, וואָס מ'פאַרגינט נישט אָן אייגן קינד, קומט דער שוואַרציאַר, און נעמט־צו; פאַרן טייוול איז אַלעמאָל דאָ...

אַנדערע קרעמערקעס שטעלן גאָר באַלד די שטעלעכלאַך נישט אַרויס; און נאָך אַנדערע, וואָס האָבן זיך שוין גע־לערנט אויף יענערס באָרד שערן, — נעמען שווייגנדיק אַריין די שטייער'ס מיטן געבעקס פון שוועל אַראָפּ, טיפער אין דער קראָם, אָדער פאַרמאַכן גאָר הינטער זיך די שווערע אייזערנע פאַראַסטעטע טירן, וואָס פאַרשטעלן און באַוואָרענען די פינסטע־רע לעכער פון די אַלטע אין דר'ערד־איינגעזונקענע בנינים, פאַר דער וועלט...

אין דער איינגענער נאַכט איז שוין בעריל שייגעץ נישט גע־שלאָפן; ער האָט געוואוסט וואָס ס'גייט אויף אים, און אויפ־געמונטערט חברה וואוילע־יונגען, געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן, באַנייט דעם יד־אחת מיט די קיילער־שקצים, אים באַגאָסן מיט אַ פּאָר פעסלאַך ביר, און זיי אַלע אַנגעזאָגט, ס'לעבן:

— געדענקט, קינדער, מ'טאָר נישט שלאָפן, און פאַרשלאָפן; נאָר איינמאָל וועט איר קענען באַווייזן וואָס איר קענט; די כאַמעס קומען מאָרגן אַריין אין שטאָט, און נעמען שאַלטעווען

און גוואַלטעווען, נישט שאַנעווען קליינע קינדער און גראָע בערד, — מ׳וועט האָבן אַן אָרנטלאַך שטיקל אַרבייט מיט זיי...

און אינדערפרי האָט יעדער פון זיי זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין לאָך, פון דאָרט וואו ס׳האָט ערגעץ געשטעקט, און זיך אויך איינציקווייז צונויפגעשאַרט פאַרן טויער פון „פּאַוויאַק“, וואָס איז געווען אויפ׳ן מאַרק; די אַלע אידישע רעקרוטן, חברה וואוילערס מיט זייערע שקצים, האָבן פאַרנומען דעם אויבנ־אָן, דאָס מיחוסדיקע שטיקל טראָטואַר, — דאָך עפּעס שטאָטישע, אַלץ איז זייער; אויפן „וואַכמירזש“ מיט די דריי סטראַזשני־קעס האָט מען שוין אויסגעגאָסן טייכן ביר; דאָס איינציקע שטיקל זשאַנדאַרל מיט די ווייסע שפּיציקע וואָנסעלאַך, — וואָלט מען אים געקענט מאַכן אַ באָד אין דעם אָקעוויט, וואָס מ׳האָט שוין מיטן אינאיינעם אויסגעטרונקען; און זיין ווייב, וואָלט זיך שמיאַלע געמעגט אויפמאַכן אַ לייטיש קרעמל פון די בלויזע היטלאַך צוקער מיט טיי און קאַווע וואָס מ׳האָט אויף דער דעתה, יעדע וואָך נאָכאַנאַנד פאַר אַ גאַנצן זומער צו איר אַריינגעטראָגן...

ס׳האָט איצט קיינער נישט געפעלט; בערילע שייגעץ, ברוכ׳ל דער קליינער, שמואל דער לאַנגער, אַלע גרויסע גאונים פון שטעטל, פון וועלכע יעדער באַזונדער איז געווען גוט אויסגעקאָכט מיט די שקצים, — האָבן איצט פאַר זיי דאָס צעלייגט אויף קליינע טעלערלאַך, און אַריינגעאַרבייט אין דעם עסק אַריין מיט די הענט און מיט די פיס:

— אדרבא, וואָס פאַר אַ שכל איז דאָס צו שלאָגן קראַנקע, אויסגעמוטשעטע ווייבלאַך מיט אַלטע אידן?... כאַפּן עפּל מיט פלוימען פון די קוישן?...

פון צופריער נאָך האָט שוין דאָס קליינע סטראַזשניקל, — אַז ס׳זאָלן זיך נישט מאַכן קיין געשלעגן, אָדער צוליבן כבוד פון די גרויסע לייט, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אויבן צוזאַמענקומען אין „פּאַוויאַק“, — אַראָפּגעטריבן אַלע פויערשע פורן פון מאַרק,

וועלכע האָבן זיך בחרפּתינו געמוזט ארויסשלעפּן מיט זייערע קעסטלאַך, פּייערטעס און הינט, הינטערן שטאָט, אויפן פעלד ארויס; און דער גאַנץ גרויסער מאַרק איז איבער א רגע פאַרפּילט געוואָרן מיט די דאָרפישע שקצים; די פּויערים־שקצים זיינען געווען א סך, — אין די מענגעס אריין; מער ווי צען גמי־נעם אודאי האָבן זיך געציילט צו דער שטאָט, און איטליכע גמינע באַזונדער האָט ווי־נישט אויסגעשאָקלט יעדעס יאָר פון איר בוזים ביי צוויי הונדערט יונגען, אויב נישט מער; די שטאָטישע רעקרוטן זיינען געווען ווייניק, בלויז אידן כמעט, עטלאַכע גויים, האָט מען זיי געקענט איבערציילן אויף די פינגער; און די גויים — איינער און איינער, שוין גאַר נישט קיין „באַישע־זשידקעס“; פון דער נאַל־אַוועק, שעכט־הויז ארוים, מויערער, פאַר וועלכע מ׳האָט פון תמיד אין שטעטל גרוים דרך־ארץ געהאַט...

אויבן, אין „פּאַוויאַט“, זיינען זיך שוין אַלע געהאַט צוזאַ־מענגעקומען; אַלע היטלען און פּאַלטענס פון די גרויסע לייט האָבן שוין גלייך און אויסגעפּרעסט געהאַנגען אויף די ווענט ארום; און מענטשן מיט גאַלע און באַוואַקסענע קעפּ — האָבן זיך גערדרייט אַהין־און־אַהער, זיך געפּאַרעט, געמישט ביכער, געכאַפּט דאַ־דאָרטן א קוק, געמאַכט הכנות, געשאַצט, לויט דער צאָל רעקרוטן, — ווי לאַנג ס׳נעמונג וועט זיך פאַרציען, און דער עיקר: געוואָרט אויפן דאָקטאָר, נישט דערפאַר ווייל מיט אים וואָלט שוין דער גאַנצער צוזאַמענשטעל געווען פאַרטיק, און געקענט צוטרעטן צו דער אַרבייט, — נאָר בלויז פאַר זיין כבוד ווענן, ווייל מ׳האָט זיך באַדאַרפט באַקענען, ווייניקסטענס וויסן איי־נער פון אַנדערען פאַר דעם שטיקל צייט, וואָס ס׳וועט אויסקומען צוזאַמען צו אַרבייטן...

די דאָזיקע לייט וועלכע האָבן באַדאַרפט אינאיינעם זיצן ביי איין טיש, און באַשטימען דעם גורל פון איטלאַכן יונג באַ־זונדער, האָבן זיך נישט געקענט, ווייל זיי האָבן קיינמאָל דאָס נישט

פון צופריער געוואוסט; זיי זיינען באשטימט געווארן ערגעץ אין געהיים, בסוד, וואס מ׳האט שוין צופריער געוואוסט אין גאנץ בראד, — אויף א סעסיע ביים גובערנאטאר, און דאס באקומען צו־וויסענגעטאן סך־הכל, א טאג צופריער:

— דו האסט דיר צו נעמען ס׳פעקל, זיך פאקן אין וועג אריין, ווייל דו ברויכסט שוין מארגן אינדערפרי צו זיצן אין דער „פריסוסטווע" אין דעם און אין דעם שטעטל...

דער דאקטאר, פארט א שטיקל געלערנטער, איז אנגעקומען דער לעצטער; א הויכער גוי, גאר אן שליפעס מיט ברילן אויף דער נאז, און אין אן אפגעטראגענעם פאלטן; נאך אין דרויסן זייענדיק האט מען אים שוין געמאכט א ווארע, אפגעטראטן דעם וועג, מיט גרויס חשד אריינגעקוקט אין פנים, ווי געוואלט עפעס ארויסדרינגען, אויפכאפן א תניעה׳לע, ווייל דאס לעבן פון רעקרוט איז, דער עיקר, איינגעשטאנען ביים דאקטאר אין דער האנט; און אויב ער האט געזאגט: „גאדיען"!... האט שוין יענעם נישט מער געקענט העלפן קיין גאט און נישט קיין טאטער, און געווען אפגעשאכטן ביזן טויט אריין, ווען אפילו ס׳האט אים געזאלט גילטן אן אפעלאציע; וועגן דעם איינגענעם דאקטאר האט זיך ס׳שטעטל גענוג געבראכן דעם קאפ, און נאך מיט א טאג צופריער איידער ער איז אריינגעפארן, נאך איידער, קען זיין, ער האט אליין געוואוסט ער וועט דא זיצן — זיינען שוין געפלויגן שטאפעטן וועגן אים, און מ׳האט שוין דא געוואוסט וואו ער וועט איינשטיין; האבן די טאטעס מיט די מאמעס פון די ווייכע מענטשלאך זיך געדרייט מיט מעקלערס פארן לייִדיקן הויז, און שוין געוואלט דערגיין אויף דער רגע:

— מיט וואס ער שמעקט?...

— צי ער איז ביטער ווי גאל?...

— אדער צעגייט ווי א זיסער עפל, אין יעדן אבר?...

דער לאנגער שמואל, וואס האט, כאטש ר׳איז געווען אזא

וואוילער יונג, — גאָר נישט שטאַרק קיין חשק געהאַט אוועק־צוגיין, — האָט זיך באַלד צע'טענה'ט פאַר גרוים האַרץ־חלשות, גע־וואָרן באַרעדעוודיק:

— אַ וואַזשנע פּריצל צוגעשיקט, מ'קען נישט זאָגן; דאָ אין שטאָט וואָלט מען אודאי גאָר נישט געקריגן די מציאה; מ'האָט אים ערשט באַדאַרפט אויסשרייבן פון ערגעץ אַנדערש־וואו; אָסור: אויב ר'וואָלט זיך געוואָלט טוישן מיט זיין פּאַלטן... מוז זיין אַ גרויכער קבצן, און אַ קערבעלע איז אין גאָלד אַריין! ... מ'דערקענט עס גלייך ביי אים אין הולך, ווי ער גייט אָנגעטאָן...

— אַ פאַרקערטער שכל, — דרינגט דער קליינער ברוכ'ל וואָס האָט אודאי געוואָלט בלייבן אין דער היים, — זיכער: אַ גרויסער נקי־כפּים'ניק; ווען־נישט, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד, געווען אָנגעטאָן ווי אַ גראַף...

די שקצים וואָס האָבן זיך דערווייל געהאַט שטאַרק פאַר־מערט אויפן מאַרק, זיינען אַלץ מער געוואָרן תקיף ביי זיך; זיך געדרייט מיט גאוה, און געפינקלט מיט די וואַסערדיקע אייג־לאַך פון גרוים קנאה, וואָס די אידישע רעקרוטן האָבן פאַר־כאַפּט דעם אויבנ־אָן ביים „פּאָוויאַט“, און אזוי ווי מ'האָט ס'קדחות געהאַט זיך דאָ צו נעמען צו זיי אַלע אויף אַ מאָל. — האָט מען אַלע ווײלע פאַרטשעפּעט אַן אַנדערן, וואָס האָט נאָר אָפּגעטראָטן פון אידישן רעדל.

— זעטס נאָר, ווי דאָס האָט איינגענומען די וועלט?...

— אַלץ איז זייער, די אידענס...

— דער „פּאָוויאַט“ איז זייער...

— די פּריסוטסטווע, זייער...

— דער סטראַזשניק, זייער...

— דער גובערנאַטאָר, זייער...

— דער קייסער אפשר אויך זייער...

בעריל שייגעץ איז געשטאַנען ווי אַ הונט וואָס איז אָנגע־

בונדן אויף דער קייט, און ביי וועלכן דאָס פּאַרטשעפּן יעדן איינעם איז געווען, ווי מ׳וואָלט אים געריייצט מיט אַ שטיין, וואָס מ׳וואַרפט אים־צו ; ביי יעדן דריידל, ווען מ׳האָט עמיץ אַן אַנדערן אַ ציפּגעטאָן, — האָט ער זיך אונטערגעהויבן, פאַר־שאַרצט די ליפּן, און שוין געווען גרייט זיך אַריינצוּוואַרפן צווישן די שקצים, נאָר זיך אַלץ צוריקגעהאַלטן ; אַליין נישט ווייסנדיק פאַר וואָס, — האָבן זיך זיינע הענט צונויפגענומען, צו־נויפגעדרייט. און ס׳האָט פון אים אַרויסגעבראָמט פול פאַרדרוס:

— וואָס וועט דאָ אַרויסקומען פון דעם שטיין ?... כ׳וועל נישט היינט קיינעם דעם קאָפּ אַראָפּדרייען ?...

— וואָס וועט טאַקי אַרויסקומען פון שטיין ? — רופט זיך אָן אַ רעקרוט, אַ גרינער בילעט, וואָס האָט באַדאַרפט שטיין צום דריטן מאָל, און געווען בקי אין אַלעם — מ׳קען נאָך דרייסט אַהיים גיין, זיך צוליגן, און כאַפּן אַ דרימל ; ביז מ׳וועט שאַצן, די גמינעס וועלן ציען ליאָסן, און וויסן : ביי וועלכע מ׳האָט אָנצוהייבן, — ס׳אָן איי אויף מיטוואָך !...

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן אַ שייגעץ — טאַ, דאָ לייזרא !... מ׳וועט עפּעס טועם זיין ! נאָך היינט אין מויל נישט געהאַט גאָר !...

אָבער קיינער פון געזינטל רירט זיך נישט ; צי לאַנג האָבן זיי, אַ פנים, געוואַרט, אויף דעם טאָג, ווען מ׳וועט דאָ ברויכן אָנקומען, שטייען מיט אַ גדלות, משה־גרויס׳ ס׳זאָל גאָר נישט זיין אַזעלכעס אין דער וועלט, מיט וואָס מ׳זאָל זיך קענען זייערם אויסקויפן, — און אַן אַלעם, גלאַט נישט קיין חשק געהאַט אַראָפּצוגיין, ביז מ׳וועט נישט פריער דאָ האָבן אָנגע־ריבן די שקצים, כאַמעס, אַ מאָרדע. וועלכע האָבן זיך שוין צו־פיל געהאַט ערלויבט אין דעם היינטיקן מאָרגן ; צווישן די יונגען האָט מען גוט געוואוסט׳ אַז מ׳האָט דאָרט ערגעץ אַן אַלטן איד אַ קלאַפּגעטאָן מיט אַ שטעקן איבער די פּלייצע ; דאָ, — אַ אידישן רעקרוט אונטערגעשטעלט אַ פיסל, ער זאָל

פאַלן ; ערגעץ אַנדערש, — וועלכן אַראָפּגעוואָרפן ס׳היטל פון קאָפּ ; אַלץ נאָך, וואָס דער אמת : קליינינקע ברעקלאָך, פּיצ־לאָך, נאָר פון וואָס חברה האָט שוין געברענט צו אַ שטיקל געשלעג, וואָס ס׳איז שוין געווען גוט אונטערגעליינט, זיי געריסן, געביסן, געקיצלט אין דער נאָז, און ס׳האָט נאָר בלויז געפעלט דאָס שוועבעלע, וואָס זאָל ס׳פייער אָנצינדן...

איז אַרוים אין דער צייט אַז אַלטער איד פון בית־המדרש ; אַ איד אַ זקן, קוים וואָס ר׳האָט זיך געקענט דערהאַלטן אויף די פיס: איינגעבויגן פון אַלטקייט און בלינד און טריב אויף די אויגן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אַלצאײנאײנעם מיט׳ן שטעקן אין די ווענט, און געטאַפּט דעם וועג — געוואָלט טרעפן צום „פּאָוויאַט“, נאָכ־דעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט זיין שיעור, דעם יום־תהלים, — אַריינשטעקן דאָרט ס׳אויער, און דערשמעקן ווי ס׳האַלט, ווייל ר׳האָט אויך געהאַט אַן איינינקל שטיין; און אַזוי ווי ער איז אויפן מאַרק אַרויפגעקומען, האָט אים דאָ אַ יונגער שייגעץ עזות׳דיק דעם שטעקן פון דער האַנט אַרויסגעריסן, דערלאַנגט מיט אים אַ שמיר איבער די אַלטע ביינער אַז זיי האָבן אַ קלונג־געטאָן, און ער איז אומגעפאַלן צו דער ערד, זיך באַגאָסן מיט׳ן בלוט, וואָס האָט גענומען שלאָגן ביי אים פון מויל...

האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי אויף די שוועלן פון די אידישע קראָמען.

— אידן ! גוואַלט׳ אידן, מ׳האָט אַ איד דער׳הרג׳עט !...

און ס׳האָט זיך אַ וויג געטאָן ס׳ביסל אידלאָך אין די לע־כער :

— ווער איז דאָס דער איד ?...

— וואו האָט מען אים גע׳הרג׳עט ?...

חברה האָט נישט מער באַדאַרפט ; ס׳געשריי האָט זיי פאַרפרישעט די אויגן, און געקלונגען אין די אויערן ווי די גלאָקן צו אַ

שרפה; זיי האָבן געקענט זיין געגליכן צו אַן אויסגעהונגערטע מחנה וועלף, וואָס לויפט אַרום מיט כעס אין די קאַלטע געפרוירענע וועלדער, און דערזעט מיט אַ מאָל, אַרויסקומענדיק אויפן פעלד, — אַ סטאַדע אויסגערוטע אָקסן; זיי זיינען געשטאַנען, די יונגען. זיך נישט גערירט, כאָטש מ'האָט שוין אידן צו דער צייט גוט געשלאָגן, מכת־רצח, — געשטאַנען אינאיינעם צוזאַמענגערוקט און ווי פאַרנאַרט ; נישט וויסנדיק אפשר צי זיי שטייען, גייען אָדער פליען גאָר — דער בייזער ווירבל־ווינט וואָס אויפן עק מאַרק דאָרטן, האָט זיי געהאַט פאַרכאַפּט; איין בערילע, וועלכן די האָר האָבן זיך אויפגעשטעלט ווי אויפן רוקן פון אַ ווילדן הונט, — האָט זיך שווייגנדיק אַוואָרפגעטאָן צווישן די שקצים, נישט וויסנדיק אפילו, אויב ער איז איינער אַליין, און צי ס'איז נאָך עמיץ מיט אים ; אָנגעבויגן דעם קאָפּ און מיט צוזאַמענגעפרעסטע ליפּן זיך אַריינגעשניטן צווישן אַלע, און באַלד דאָרט געלעגן אין דעם גאַנצן קנויל, פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ ווי אויף דער טיפעניש פון אַ וואַסער, וואו ער האָט אָנגעטאַפּט דעם ריכטיקן שייגעץ, וואָס האָט מכבד געווען דעם אַלטן איד, און גלייך אַ קאַפּויר געקומען פון אויבן, אים אָנגעמאָסטן מיט דער האַנט איבערן גאַנצן פּנים, אַז דאָס טריפה'נע בלוט האָט זיך גענומען גיסן ווי ביי אַ געקוילעט חזיר, פון וואָס ער האָט זיך אַ טאַטשע געטאָן, דער שייגעץ, און אַוועקגעלייגט אַ מת צו דער ערד...

— וואָס, אַן אַלטן איד וועסטו שלאָגן?... — געטראָטן מיט די פיס, געוואָרגן מיט די הענט, און געקייכט, דאָס דעם שייגעץ זיינען געקראָכן די אויגן פון קאָפּ...

ביי די שקצים איז ס'בלוט פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן ; הענט און פיס זיי אָפּגענומען; געווען צעמישט פון דעם דרייסטן וואָוילעניונג, וואָס איז אויף זיי אַזוי אומגעריכט אָנגעפאַלן, זיי צעשאַרט אין אַלע זייטן, און זיך אַ דורכגעשלאָגן אַ וועג אין דער גרויסער גראַמאַדע, — און באַלד געקומען צו זיך, זיך אויסגעניכטערט פון דער שרעק נאָכדעם ווי זיי האָבן געזען: אַ זייעריקער, אַ

יונגער שייגעץ ליגט אויף דער ערד, — און אַ איד טרעט אים מיט די פיס. אַזוי האָט אַ האַגל שטעקעס זיך גלייך גענומען שיטן אי־בער זיין קאָפּ, איבער זיינע פיס, איבערן גאַנצן לייב־און־לעבן זיינעם:

— טאַש טי טאַקי וואַיאַק? ...

דאָס ווידער האָט חברה גערירט פון אָרט, און זיי האָבן זיך אַ לאָזגעטאָן מיט די קיילער שקצים אינאיינעם, אין גענו־מען אַרבייטן מיט די הענט, אין זיי אַריינהאַקן, מיט וואָס מ׳האָט נאָר געקענט; קצבים־יונגען האָבן געצויגן שטאָלן פון די כאַלעוועס, און געשניטן ווי אין קרויט; אייזערנע הענטשקע־לאַך האָבן געשיילט פּנים׳ער, געלעכערט קעפּ; דער גאַנצער מאַרק איז צוזאַמענגעפאַלן אינאיינעם, אויף אַ קופּע; שטעקענעס זיינען געפלויגן, זיך געדרייט אין לופטן ווי די לערע זאַנגען ביים דרעשן, און קיינער האָט נאָך אַלץ נישט נאָכגעלאָזט; מ׳האָט זיך געהאַלטן עקשנות׳דיק אַרומגענומען, אויפן קוק — ברודערליך, און זיך גאָר געביסן מיט די ציין, געריסן די קורטקעס אויף שטיקער; אַ רגע נאָך האָט זיך אַ שייגעץ געקענט האַלטן, בלויז אָפּצעווערן, פאַר־שטייט זיך, מ׳זאָל אים נישט שפּאַלטן דעם גוישן קאָפּ זיינעם, און באַלד פאַרלוירן געוואָרן אונטער אַ יונג, ביי וועלכן די אויגן זיי־נען געווען אָנגעשוואָלן מיט בלוט, און געריטשעט ווי אַן אָקס:

— אַלטע אידן וועט איר שלאָגן?... וואָס איז דאָס פאַר אַ כאָליערע מיט אייך?...

אויף די געסלאַך אַרום מאַרק, וואו ס׳זיינען געשטאַנען די וועגעלאַך, פורלאַך, און צווישן די שיינקלאַך און איינפאַר־הייזער האָט זיך עפּעס גענומען רודערן; אידן אַזוי גוט, פויערים, וועמעס קינדער ס׳האָבן זיך דאָ געהאַט פאַרנומען אין דעם ביטערן געשלעג, זיינען גיך אָנגעקומען אויפן מאַרק אַרויס צו לויפן, אינאיינעם געשטאַנען, און מיט פאַרבראָכענע הענט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ: „מיר האָבן דאָך גאָרנישט צו זיך, — וואָס זיי מאַכן זיך ג׳טויט“?... און די פויערטעס

די מאַמעס פון די שקצים, קוויטשען און פאַרגלישען: „אָלאָ באַ־גאָ"!... פרואוון זיך אָראָפּבייגן צו דער ערד, אַרויסציען וועלכן ס'איז שייגעץ, אים אָוועקשטעלן אַ צע'הרג'טן נישט אויף זיינע פיס: „יעזוס, יעזוס, צאָ זאָ זבאָיצי"? און נאָכגיכער זיך אָפּגעטראָגן מיט אים, אַרויס פון דעם שעכט־הויז, — מיט איינעם מער און דעם אַנדערן ווייניגער צע'הרג'עט; אָבער מיט קיין איינעם נישט, וואָס זאָל זיין גאַנץ, האָבן אַ גאַנץ גליד; האָט ער נישט געהאַט אַ לאָך אין קאָפּ — איז ביי אים געווען אַ ליפּ אָפּגעשיילט; אַ האַנד אויסגעדרייט; ס'אַנטוכץ צעפּליקט, און יענעם וואָס מ'שלעפּט נישט אַרויס איבער אַ גוואַלט, מיט כח, דרייט זיך אַליין ווי ס'איז אַוועק, און אַנטקומט; רוקט זיך ערגעץ אַריין אין אַ מויזנלאָך, און דער מאַרק ווערט מיט יעדער רגע שיטערער, שיטערער, ליידיקט זיך באַלד אָפּ פון די פּויערים־שקצים, ס'ווערט שטיל ווי אין אַן אויער...

די יונגען קוקן זיך אַרום, ריכטיקער: זוכן זיך אַרום אויפן ברייטן ליידיקן מאַרק, און קלייבן זיך באַלד צונויף אויבנ־אָן ביים „פּאָוויאַט" מיט די גוטע ברידער, די קיילער שקצים, וועל־כע האָבן אַזוי וואויל געהאָלפן שלאָגן, און זיך נישט געשעמט כאַטש ביי שקצים צוצולייגן אַ האַנט, און לאַכן־אָפּ:

— אויף אַזאַ סוף האָבן זיי זיך גאָר נישט געריכט, די שקצים...

— וועלן שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, נישט צו פאַרטשעפּען קיין איד...

אויך זיי זיינען נישט גלאַטיק אַרויס פונם געשלעג; ביי וועלכן ס'איז דער קאָפּ צעקיילט, צעביילט, אַ שטערן אויפגע־לאָפן. אַ באַק אָפּגעשיילט, נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל נישט האָבן קיין בלאָע פרענגעס אונטער די אויגן ...

בערילע ווישט זיך מיטן אַרבל די ליפּ, פון וועלכע ס'בלוט טריפט, און שעלט אויף וואָס די וועלט שטייט:

— וואוילערס גאַנצע, די כּאַמעס, צו שלאָגן ווייבער מיט אַלטע אידן; מיט מיר זאָלן זיי זיך קומען פאַרהערן...

— און דיר ווער האָט אַזוי אָפּגעשינדן ס׳פּנים ?... — פרעגט אים אַ שייגעץ.

— ווער ס׳האָט מיר געטאָן, וועט אַוועקגיין אין דר׳ערד אַריין, נישט צו די זעלנער — וואַרפט בערילע אַ פויסט צום רעשטל דאָרפישע שקצים, וועלכע האָבן זיך נאָך געדרייט ווי די געשלאָגענע כּפּרות אין די ווינקעלאַך פונם גאַנץ גרויסן מאַרק, און נאָך אַלץ נישט געוואוסט ווי זיך אַרויסצודרייען פון אים...

— די גאַנצע גבורה זייערע ליגט דאָך נאָר אין די שטעקעלאַך — וואַקסט אויס דער קליינער ברוכ׳ל, וועלכער איז ערגעץ וואו געלעגן באַהאַלטן אין אַ לאָך, געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, און ערשט אַרויסגעקראָכן מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט באַוויזן ס׳אַרא גבורות, און פון איין קלאַפּ זיינעם, האָבן זיך אודאי צען שטיק איבערגעדרייט. — נעמט מען ביי דעם אַוועק די שטעקעלאַך, איז אַזוי גוט ווי מ׳וואָלט ביי זיי צוגענומען די הענט...

— כּי־כּי־כּי... — לאַכט הייזעריק דער לאַנגער, וועלכן מ׳זעט כּמעט די אויגן פון קאָפּ נישט אַרויס — מ׳וועט נאָך ביי זיי די הענטלאַך אויך אָראָפּדרייען, נישט בלויז די שטעקעלאַך...

— און ווער האָט דיך אַזוי שיין איינגעריסט ? — קייכט בערילע שייגעץ — קוק דיך נאָר אָן, שמואלכל, ס׳אַרא פּנים דו האָסט ?... וואָלסט דיך גאָר אַליין נישט דערקענט...

— וואָס זאָל זיין ? — קרימט זיך דער לאַנגער — אַז מ׳ברויך גיין שלאָגן אויפן ניכטערן ! ס׳האַרץ חלשט, און דאָ גיי האָב צו טאָן מיט אַזאַ געהינטעכץ !... נסים, מ׳איז אַזוי אַרויס פון זייערע הענט !...

און דער גאַנצער עולם יונגען שיט זיך אַראָפּ פון

מאַרק צו לייזערן אין שיינקל, — צורעכט מאַכן ס'ערשטע אָנ־בייסן נאָכן ערשטן געשלעג פונם דאַזיקן געבענטשטן טאָג...

אין דער אייגענער נאַכט, ווען ס'שטעטל האָט אַזוי שווער אָפּ־געקרעכצט, און געווען אָנגעשראָקן פאַרן נעמונג, איז געווען ליהודים ביי לייזערן אין שיינקל; די גאַנצע נאַכט האָט ער זיך נישט אויסגעטאָן, נאָר געשטאַנען על התורה ועל העבודה: געריייניקט די טישן, געוואַשן די פּאָדלאָגעס, געשאָבן און געפּליקט דעם שמאָ־דער מיט די ציין; געמאַכט ריין, ציכטיק איטליכעס ווינקע־לע, געקאַלכט, איבערגעשמירט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך צו־מאָרגנס געריכט אויף עפּעס אַ וואַזשנע רעוויזיע; ס'וויב שטייט אויף די פיס, פאַרשאַרצט די הענט איבער די עלנבויגן, פאַרקאַטשעט ס'קלייד ביזן גאַרטל, און שווענקט, פאַרגיסט איבערן האַלז, — דאָס צינק־בלעך מוז גלאַנצן, ס'מעש — לייכטן, גלימערן, און ס'קופּער ברענען, רויט זיין ווי אַ פייער...

ער האָט צו דער גרויסער שיינק־שטוב, אויך צוגענומען זיין אייגן שטיקל שטיבל, אין וועלכן ער אַליין וואוינט פּאַר אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר מיט זיין ווייב און קינדער; זיך אַריבער־געטראָגן מיטן ביסל בעביכעס ערגעץ אויפן בוידעם, פאַרשטופּט ס'קליינוואַרג אין אַ לאָד, און דאָ געמאַכט אָרט, ס'זאָל זיין בריוח פאַר אַ גרויסן עולם; און אויב מ'זאָל אים פרעגן: „וואָס ס'איז מיט אים די גדולה?" וואָס מ'וועט באַלד נישט, ווייל מ'ווייסט אַזוי אויך — וועט ער אייך גלייך נעמען אָנהאָקן אַ פולן קאָפּ, דערציילן אַ מעשה:

— ס'נעמונג; אויף אים קוקט ער, לייזער, אַרויס ס'גאַנצע יאָר; פּונקט ווי אַנדערע אידן, אַ שטייגער: אויף די ימים־נוראים, צו להבדיל אויפן „אָדפּוסט", אַזאַ יום־טוב פון דער אַלטער טמאה, ווען ס'קומען אָן מענגעס פּויערים פון די דער־פער, אין די כמרים — אַזוי איז ביי אים ס'נעמונג; אין די

טענ ווען ביי אים ברויכן זיין אַלע רעקרוטן, סיי אזעלכע, וואָס וועלן אוועקגיין, און סיי יענע, וואָס וועלן זיך ארויס־דרייען פון די זעלנערישע הויזן, — אריינכאַפּן אַ גלעזעלע בראַנפן, און פארבייסן מיט אַ פריש געבראָטן שטיקל גענזנס...

קעגן טאָג, ווען ער האָט זיך שוין געהאַט ארויסגעקאָפּעט מיט די שטובן, און ס׳איז ביי אים געווען אַלץ כשר ווי אויף פּסח, — האָט ער אוועקגעשיקט ס׳ווייב מיט אַ שטיקלאַך צען געגנזלאַך, צום שוחט; זיי אַליין געהאָלפן פליקן, אָפּמאַכן, אויפשניידן די בייכער, און ארויסרייסן, דער עיקר: די לע־בערס מיט די פּיפּקעס, און נאָכדעם שוין, זיך געכאַפּט אין דער לעצטער רגע כמעט — ס׳איז נאָך איז דער צוגענומענער שטוב נישטאָ אויף וואָס צו זיצן, האָט ער זיך גיך אויף דער הייסער מינוט אוועקגעלאָזט אויפן בית־המדרש הויף, וואו ס׳ליגן גלאַט אוועקגעלייגט בענק, אנגעגרייט בלויז פאַר די הייליקע טעג, ווען מ׳האָט זיך אין בית־המדרש נישט וואו אַ הינצוטאָן, צוליב די אָנגעפּאָרענע ישובניקעס און אָרענדאַרן, און מיט וועלכע דער שמש העלפט זיך אויך ארויס אַ גאַנץ יאָר צו חתונות און ברית׳ן, — און ביי זיי זיך שיעור נישט ס׳האַרץ אָפּגעריסן, ברענענדיק צושלעפּן אַ היים, און זיי ארומגעשטעלט ארום די ליידיקע אָפּגעריסענע ווענט...

אצינד, אז דער עולם האָט זיך אריינגעפּאַקט צו אים, דערזען דאָס רחבות, ווי מ׳האָט פאַר זיי צוגעגרייט שטובן: פּאַלאַצן... סאַלאָנען... און דערשמעקט דעם ריח פון די פּיפּ־קעס מיט די אָדערקעס, וואָס ליגן אַזוי אויסגעסדרט אויפן קאַסע־טיש, — האָט עס זיי אַ ציפּגעטאָן ביי די לעבער, און די שלינגע איז יעדן געקומען אין מויל אריין:

— ר׳האָט עס אָבער גאָר וואויל געמאַכט, לייזער...

— אָן אַנטיק..

די ליכטיגקייט האָט זיי אויפגעריסן די אויגן, ס׳גלאַנצן פון די מעשענע קראַנען, — פאַרבלענדט, און זיי האָבן זיך גע־

וואַרפן ווי די היישעריקן, זיך צוגעכאַפּט צום טיש, און שטייענדיקערהייט געפּרעסן מיט די הענט און מיט די פיס, געפּרעסן אויפזועצנדיק; געריסן פּולקעס, פליגל, געזויפן ביר, אין זיך אַריינגעבלייעט, און איידער וואָס איז דער טיש געוועזן גאָל, אָפּגעליידיגט, כלחוך השור, אָפּגעפּרעסן ביזן ביין, ביז צו די קלאַים...

נאָך דעם איבערבייסן צוזעצט מען זיך ברייט אויף די ביינק אַרום די טישן; לייזער שטעלט־אויף אַ פרישׁ פאַס ביר, און די גלעזער נעמען שוימען, זיך אויסליידיקן איינס נאָך אַנדערן, איינס נאָכן צענטן, איינס נאָכן הונדערטסטן; און אַז דער עולם איז שוין גוט מלא, זאַט ביז איבער די אויערן, אַז לייזער פילט ר׳איז מיט זיי אויף אַ וועג, פאַרשאַרצט ער די פּאָלעס — און דערלאַנגט מיט בלישטשענדיקע כיטרע אייגלאַך, אַ צעטל:

— כך וכך קומט אים פאַר פּיפּיקלאַך; כך וכך פאַר ביר; כך וכך פאַר גענזלאַך...

און מאַכט זיך כלא ידע, א תירץ, אַן אויסרייד, ווי ער וואָלט דאָ גאָט די נשמה נישט שולדיק געוועזן:

— ס׳וואָלט אים גאָר אויפן קאָפּ נישט געקומען צו בעטן געלד, נאָר ווייל ער איז אויסן זייער טובה; מחמת ער ווייסט: דער עולם גייט נאָך מיט דעם ביסן נישט שלאָפן; און אַז ער זאָל וועלן באַשטעלן פאַר זיי פרישׁ ביר, פרישע גענזלאַך, — מוז ער פריער האָבן באַצאָלט פאַרן אַלטן, וואָס איז שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ; ס׳ברייי־הויז וויל נישט געבן אויף באָרג, און די אָרימע גענזלערקע, אפילו ווען זי וואָלט געוואָלט, קען זי נישט געבן; און ביי זיי ווידער, וואָס איז דער חלוק?... אַז זיי וועלן האָבן באַצאָלט, טרייבט ער זיי חלילה נישט אַרויס, מעגן זיי ערשט דערנאָך זיצן ביי אים, אָפּזיצן די ביינק אַ גאַנצן טאָג... אדרבא ואדרבא... פאַרן בלויזן זיצן וועט ער ביי זיי גאָר נישט נעמען.....

בערילע מאַכט זיך, חלילה, נישט; ער פאַררייסט בלויז נ׳קאָפּ

און ווייזט־אָן אויפן פרישן עולם, וועלכער צאָלט, און אויף וועמעס בייטל מ'האָט דאָ געגעסן און געטרונקען, זיך געלאָזט וואוילגיין; צווישן חברה געפינט זיך דאָס כּמעט א סך פון די ווייכע מענטשלאַך, די בעלי־הבית'ישע יונגעלייטלאַך, וועלכע האָבן נאָך א גאַנצן זומער ווי־נישט־ס'איז זיך געקענט אויסדרייען, אָפּנאַרן, און זיך טאַקי אַזוי אויסגעדרייט און אָפּגענאַרט ביז איצטער, — ווען ס'איז שוין לית־ברירה, און מען מוז מיטטאַנצן. כלומרשט זיך אויך מאַכן פאַר א וואוילעניונג; די דאָזיקע איידעלע יונגעלייטלאַך שטייען נעבאַך פאַריקט אין א ווינקעלע, אין געהאַקטע וואונדן, דרייען זיך די זיידענע געקרייזלטע פאות'לאַך, עפּעס אַזוי פאַרטיפט, און פילן זיך ווי די פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלאַך צווישן א סטאַדע וועלף.

— ווי קומען די ריבן אין דעם זאַק אריין?...

נאָר וואָס פון זייערע פּנים'ער קען מען אָראָפּלייענען, ווי פון א מגילה:

— אמת: מיר קומען טאַקי נישט, נאָר וואָס זאָל מען טאָן?... פון די זעלנער קען מען זיך אויסדרייען, אָבער נישט פון רעקרוטן...

און אַזוי ווי לייזער מאַנט, וויל זען פאַר די אויגן די פאַר גראָשן, גיט זיך ערגעץ א דריי אויס א וואוילער יונג, מאַכט א חנ'דל צו איינעם פון די יונגע ציציקלאַך, דערמיט וואָס ער גיט אים א ריק אין דער זייט:

— וועסט באַצאָלן פאַרן אָנבייסן, וואָס כ'האָב אָראָפּגעלאָזט?

נעמען זיך רייטלען די בעקלאַך, ציטערן די געקרייזלטע פאות'לאַך, טאַנצן אונטער די אייערלאַך:

— אודאי... ווי דען?... נישט באַצאָלן?... איר פרעגט נאָך?...

צווישן די וואוילע יונגען געפינען זיך אויך א סך פרישע, היימישע „סטאַטיקעס", וועלכע זיינען צוגעקומען פון די גאָר קליינע, פּיצלאַך שטעטלאַך: געזעלן־יונגען. טאַנדייטערס פון

רעקלאך, נאַל־און־דראַטווע יונגען; די דאַזיקע ווייסן גאָר
נישט פון די אַלע חכמות, און מיט די פויערים שקצים צוגלייך
זיך מיטגעברענגט פאַרטיקע קעסטלאַך זאַכן, גרייט צו גיין אויף
„בלוזשבע״; און כאָטש מ׳האָט זיך פון צופריער נישט גע־
קענט, איז דאָס גאָר קיין מניעה נישט, מ׳זאָל זיך גלייך געבן
די הענט ווי אַלטע גוטע ברידער, ווערן היימיש צווישן זיך
און אינאיינעם לעבן אַ חזירשן טאָג...

אויפן מאַרק ווידער, אַז די יונגען, די שלעגער, האָבן זיך
אַראָפּגערוקט, — האָבן זיך שוין נאָכגיכער גענומען דרייען די
שקצים; איינציקווייז זיך אויפקלייבן, זיך אָנקוקן, און אויסגיסן
זייער ביטער האַרץ, — ווי ס׳הייפּל יונגען האָט מיט זיי געלערנט
בלק; אומגעריכט זיך אַריינגעריסן, ווען זיי האָבן נעבעך נישט
געוואוסט פון גאָר, און בלויז פּאָר אַ געלעכטער: אַ צי־געטאָן
אַ איד ביי אַן אויער, אַ ציפּ, — זיי שוין דערפאַר אַזוי צעממית׳ט:
פון אומעטום, און אַלע לעבער, הינטערגעסלאַך און פאָדער־
געסלאַך, וואו מ׳האָט נאָר עפּעס געהאַט געהערט פון דעם געשלעג,
האָבן זיך פויל אַרויסגעקליבן די שקצים, האַלב שלעפּעריק אויפן
מאַרק אַרויס, נייגעריק געוועזן אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן,
וואָס מ׳האָט צווישן זיך אַזוי דערציילט ווי אויף חידושים:
— אַר־ווּאָ, אַזוי האָט איר זיך געלאָזט צעשלאָגן?...
— אַזוי געשלאָגן האָט מען אייך?...
צווישן זיי האָט מען בכיון אַרומגעפירט יענע וואָס מיט די גע־
שוואָלענע קעפּ, צוקאַליעטשעטע נעז, בלאָע צורות, און אונטער־
געגעבן היץ:
— זעט, וואָס די אידן, די איבערגעשניטענע, האָבן זיי געטאָן?...
די שענסטע זיהן פון די גרויס פּוילישע דערפער, אַזוי שיין
אויסגעשטעלט?...
איינער וואָס האָט גאָר אינגאַנצן נישט געקענט רירן מיטן

קאפ זיינעם, און ס׳פנים איז ביי אים געווען ווי א פריש בלאַ צעפרעסן הייפטל קרויט, — האט זיך גאר געשוואוירן:

— ס׳האט אים אן אייגענער, וואס גלויבט אין צלם, דאס געטאן!...

און דאַרויף, אזוי ווי מ׳האט אויפגעקאַכט ס׳בייזע בלוט ביי די שקצים, — ברויכן גראד אנקומען עטליכע בחורים׳לאך, אויסגערבר׳טע, וואס האבן נעבאך נישט געוואוסט פון זייער לעבן צו זאגן, און געוואַלט, פשוט: ארייגגיין אין הויז פון „פאוויאַט", און ס׳איז שוין אויף דער רגע ארויסגעשפרונגען א שייגעץ מיט א מויל, וואס האט זיך געשוואוירן און געצלמ׳ט:

— ר׳זאל אזוי לעבן, ווי זיי האבן אים דאס געטאן...

און ס׳געפינט זיך שוין, זעט איר, אן עדות, וואס שטייט־איין א ליגן אין די אויגן:

— ער איז געווען דערביי און דאס אליין געזען...

אזוי האבן גענומען פליען די שווערע שטעקנס איבער די בחורים־לאכס קעפ, און די טאַטע־מאַמעס, וואס האבן נישט אפגעטראַטן פון דער שטוב אויס פון זייערע קינדער, זיי באַגלייט אהער, — האבן זיך געווארפן און מיט די אייגענע לייבער זיי געוואַלט באשירמען פון די קלעפ:

— אידן! גוואַלד, אידן, מ׳שלאַגט אונזערע קינדער!...

ארום ווידער, האבן די אנדערע שקצים, וואס האבן דא נישט געקענט צולייגן קיין האנט, זיך צוגעכאפט צו די שטעלעכלאך, און זיך גענומען אנלייגן פולע קעשענעס מיט עפל, פלוימען און בארן; נאך אנדערע, — זיך ארייגגעלאזט אין די קראמען, און גע־בעל־הבית׳עוועט איבער די שיינק סחורות גאר ווי ביי זיך אין דער היים...

האבן טירן זיך גענומען בהלה׳דיק פארקלאפן, פרענטן קלינגען און קרעמערקעס זיך צורייסן אויף זייערע קוויטשיקע קול־לעכלאך:

— אידן ! גוואלד, אידן, מ'ראבעוועט אונז !... מ'צעטראָגט אונז ! מ'נעמט אונז צו ס'לעבן מיטן פארמעגן ...

און אידן, אזוי ווי דערשראָקענע האָזן, האָבן געגומען! אַרויס־און־אַריינלויפן אין די טויערן אויפהייבנדיק נאָכמער די אַקסלען, וואָס זיינען אזוי אויך געווען אויפגעהויבן און אויסגעהויי־קערט פאר די שטעקענעס, וואָס האָבן זיך געדרייט אין לופטן און גע־זוכט וואו זיך אויסצוליינן ; און אוועק, אין די זייטיקע געס־לאך, וואו ס'האָבן זיך דערטראָגן די גוואַלדן מיט די געשרייען, האָט מען געמיינט : גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, אויב מע שעכט נישט דאָרטן אויס גאַנצע געזינטן ; און מ'האָט זיך איבער א רגע אָפגעטאָן פון גאָס, — די הויפן געוואָרן פוסט, אָפגעליידיקט ; טיר־און־טויער פאַרמאַכט, פאַרהעמערט מיט שלעסער ; מ'איז זיך געלאָפן באַהאַלטן : ווער אויף א בוי־דעם, ווער אין א קעלער, וואו איינער האָט נאָר געקענט און געהאַט א לאָך, זיך צו פאררוקן, מ'זאָל אים די נאָז נישט אַרויסזען...

דענסטמאָל איז איין איד פון א סך אנדערע אידן, געלאָפן מיט א געשפּאָלטענעם קאָפּ איבער די געסלאך, א געסל אַרויס א געסל אַריין, און צווישן — נעבאך אַריינגעכאַפּט די שטעקענעס, אויסגעשטאַנען קלעפּ, ווייל ר'האָט נישט געהאַט וואו אַנטרינען צו ווערן, זיך אויפצוראַמען ; די הייזער אַרום זיינען געווען פאַר־מאַכט, צוגעשפּאַרט, — ביז די אָפענע טירן פון לייזערס שיינקל זיינען אים אַנטקעגנגעקומען ווי די אָפענע טירן פון גן־עדן, וועלכע זיינען זיך געשטאַנען אזוי במנוחה אָפן, ווי קיינ־מאָל גאָרנישט, און אין זיי אַריינגעפאַלן. ס'האָט נישט געזאָלט זיין וואו, ס'איז טמא מקום, — זיך בלויז ס'לעבן אָפּצוראַטעווען, נישט האָבנדיק קיין אנונג דאָ צו טרעפן די גאַנצע חברה יונגען; מיט א צעבלוטיקטן קאָפּ און צעריסן פּנים, פון וועלכן ס'בלוט האָט געיורזשעט, און די צעפליקטע מלבושים זיינען געפלויגן אין לופטן, האָט ער׳ דערזעענדיק זיי, — אָפּגעהעשעט, ווי איי־

נער וואָס האַלט זיך קוים־קוים איין, נישט אַרויסצובּרעכן מיט קיין געוויין :

— אַזוי, אַזוי האָט זיך די שטאָט פֿאַרלאָזט אויף אייך ?... מ׳שעכט אינדרויסן, מ׳שפּאַלט קעפּ, און איר האָט זיך דאָ צעלייגט, לאָזט זיך וואויל־גיין ?...

חברה, וועלכע ס׳בּלוט איז נאָך פֿון צופֿריער פֿאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן, — איז געבּליבּן זיצן פֿאַרגליווערט, צוגעפֿרוירן, נישט צורירן מיט קיין אבר ; ס׳פֿלייש איז זיי געבּליבּן שטעקן אין די העלזער, די גלעזער ביר אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט, און אַ רגע געקוקט סתם אין דער וועלט אַריין, ווי זיך געוואָלט איינהערן : וואָס ס׳טוט זיך אַזעלכעס דאָרטן אויף דער גאַס ?... און דאָ נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿונם איד, ווי זיך נישט געקענט צו גלייבּן די גאַנצע מעשה זאָל וואָר זיין, — נאָר וואָס זיין צע׳הרג׳עט פּנים, די אָפּגעריסענע פּאָסן אויף זיין לייבּ, — האָבּן שוין געגרעדט פֿאַר דער גאַנצער שטאָט אידן, און ס׳האָט זיך דאָ־דאָרט אַריסגעטאָן ביי וועמען :

— ווי ?... שענקען אַזאַ זאַך ?...

— זיי דאָס אַזוי שווייגן ?...

און דער לאַנגער האָט זיך אויסגעצויגן לענגער ווי ר׳איז :

— אויף קידוש השם !...

און דאָ, און דאָרט, האָט זיך עמיץ בלויז געגעבּן אַ הייבּ, אַ שטעל אין לופֿטן, אַ שפּרינג איבּערן טיש, אַ פֿאַל אַרויס אין גאַס אַריין ; און אַזויערנאָך זיך צעפֿאַלן איבּערן מאַרק. און מיט צעבּאַלעגע פּויסטן, שטייפֿע פֿיס, געשפּרייזט אין דער טונקל ; די קאַלוזשעס בּלוט, בּאַפֿלעקטע שטיינער האָבּן דעם אָטעם פֿאַרכאַפּט, דער ריח האָט זיי געציפּט אין נאָז, — אין זיי האָבּן בּלינדערהייט אַרויסגעצויגן קלאָניצעס, נאַרציקעס פֿון די וועגן, אַראָפּגעכאַפּט די לעדערנע רימענס פֿון די פֿערד, פֿון די איינגענע פֿערד און וועגן. און מיט זיי גענומען פּאַכן איבּער די קעפּ פֿון די שקצים, גלעטן איבּער זייערע לייבּער מיט אַזאַ

ווייכקייט און מיט אַזאַ פלינקייט, ווי מ׳גלעט איבער אויסגע־אַרבעטע פעלן; די שקצים, אונטער די שווערע און הייסע קלעפּ, — האָבן זיך געכאַפּט, און אויפגעפלאַמט; זייענדיק נאָכ־דערצו גוט אונטערגעגאַרטלט מיט סענקעוואַטע שטעקענעס, — זיך נישט געלאָזט דאָס מאָל אַזוי גרינג בייקומען; זיי זיינען נאָכ־אַלעם אויך געווען אַ סך, צען אודאי אויף איינעם, הונדערט אויף איינעם, טויזנט, — האָבן זיך די יונגען פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן ווען־אַפילו שוין האָבנדיק אָנגעבראָכענע זייטן, און ווי עכטע געניטע שלעגערס — געשפּירט אין די מינוטן, ווען זיי זיינען שוין געווען דערשלאָגן צום טויט, אַז ס׳קומט דאָ אויך זייער סוף, די שקצים׳ס, אַז די לעצטע כחות זייערע נעמען זיך דאָ אויס, זיי שטייען אָפּ, און וועלן זיך שוין לאַנג נישט קענען האַלטן...

און זיך געשטאַרקט איבער זיי, נאָך אַמאָל און נאָכאַמאָל זיך פאַרנומען, ביז די שקצים זיינען טאַקי אָפּגעשטאַנען, געוואָרן מיד, און נאָכמער—צעמישט, געפאַלן און לעת־עתה נאָך אויפגע־שטאַנען, זיך געפּרובט גלייכשטעלן און באַלד צוריק געפאַלן — ווער אויף אַ וואַנט, ווער אויף דער ערד, ווער אין אַ פענסטער, און ווער צווישן די אייגענע פערד־און־וועגן; זיך אוועקגעשטעלט פאַר אַ ווײַלע ווי נישט אויף זייערע פיס, און עפּעס געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ הונט, וואָס טרייסלט מיט די לאַפּן פון די אויערן, נאָכדעם ווי ער טאָרעט זיך אויס אין זאַמד: „ס׳איז נישט פאַר אים"... און שוין געקוקט צו אַנטלויפן, באַוואוסטזיניק ארויס־צואַנטלויפן פונם געשלעג, ערגעץ פאַרפאַלן ווערן אויף די זייטיגע וועגן, וואו מ׳קען מער זיכער זיין פון די שלעגערס בייזע הענט...

געבליבן איז חברה וואָילערס, נישט ווייסנדיק אַפילו — דער מאַרק איז ליידיק, און זיך נאָך פאַר אַ קליינע ווײַלע געשלאָגן אַזוי ווי מיט זיך אַליין. געפאָכט אין לופטן מיט די פאַרבלוטיקטע העלצער און פלעקער, ביז זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט, געבליבן שטיין, און זיך אַרומגעקוקט אין דעם מעמד־

— איז געווען א ווײ־בראַך צו זייערע יאָרן: אַן נעז, אַן אויגן, אַן פּנים׳ער אינגאַנצן, און איידער וואָס נאָך, איידער־וועז, — זיי האָבן נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוזען: ווען מ׳ברויך פאַרבינדן א לאָך אין קאָפּ. ווען — גלאַט אַפּוואַשן ס׳בלוט־וואָס גיסט זיך ווי פון אַן אָפּגעעפנטן צאַפּן, איז אָנגעקומען צולויפן א רעקרוט און אויסגעשריגן מיט איין אָטעם:

— קינדער, ליאָסעווען, אונזער גמינע איז די ערשטע!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

תהלים...

דריי טעג האָבן זיך געצויגן די ליאָסן, און פאַר די דריי טעג האָט געברענט אַ פייער אין שטאָט; האָבן זיך אַרומגעטראָגן צונויפגעפּאַרטע און אָפּגעריסענע באַנדעס יונגען און שקצים, און זיך געזוכט איינער־נ'אַנדערן די קעפּ אָפּצודרייען; האָט מען אַלע ווײַלע גענומען לויפן פון די געסלאַך, פאַרהאַקן די קראָמען, און זיך דראַפּן אויף די גלייכע ווענט:

— שוין!... ס'פּליען שוין ערגעץ קעפּ דאָרטן!...

ביז די געשלעגן האָבן זיך אײַנגעשטילט, די מלחמות אויפגעהערט, דער כעס געוואָרן אָפּגעקילט, און דער ברען איז אָפּגעגאַנגען; מ'האָט די שקצים אײַנפאַך געלערנט שכל, פון זיי אַרויסגעהאַקט די חוצפּה, און אפשר גאָר דערפאַר וואָס אַ סך פון זיי האָבן אַרויסגעצויגן הויכע נומערן, און ס'איז זיי אויסגעקומען זיך צו שטעלן ערשט אין דריי־פיר וואָכן אַרום, זײַנען זיי צוריק אַהיימגעפאָרן אין די דערפער. און ס'איז נישט מער געבליבן קיין שייגעץ אַרומצו'הרג'ענען זיך, מ'זאָל ס'גאַנצע שטעטל איבעראַקערן; און אין שטאָט האָט זיך דאָס נעמונג, וואָס איז ערשט געווען דער ברייטער יחסן, ס'אייבערשטע פון שטייטל.

— בחרפּתנו צוריק אַרויסגעצויגן פון די געסלאַך און מאַרקן, וועלכע זײַנען געבליבן ליידיק און באַקומען אַ וואָכנדיק פּנים, ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ גייענדיק יאָר; אַ חוץ דאָרטן פאַרן „פּאָוויאַט", וואו ס'האָט זיך עפּעס אָפּגעשטעלט אַ קליין הייפעלע, די פאַמע נאָנטע משפּחה פון יענע יונגען, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אויבן שטעלן פון די ערשטע; און צוזאַמען מיט די יונגען, וואָס דאַרפן זיך אויבן בייטן, האָבן זיך אויך אונטן באַדאַרפט בייטן די טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער, — אַלע טאָג זיין אַנדערע, אַנדערע, מיט מער און ווייניקער קו־

ראַזש, מער און ווייניקער איינגעהאַלטן; אַזוי, ביז דאָס וועט זיך אויסנעמען צוביסלאַך, — ס׳וועלן שוין מער נישט זיין קיין יונגעןי קיין רעקרוטן, און ממילא אויך קיינער, וואָס זאָל ברויכן שטיין אונטן, פאַר דער טיר, זיך ברעכן דעם קאָפּ פאַר זייערטוועגן, זיך מצער זיין...

שוין אינם ערשטן טאָג פונם נעמונג, האָט זיך ס׳שטעטל א וויגגעטאָן; איז אַ האַלבער עולם, די טאַטע־מאַמעס פון די ווייכע יונגעלייטלאַך געלעגן אויפן פעלד אין דרויסן, און איינגעריסן אויף די קברים; אָנגעקלאַפּט ביי אַלע גוטע אידן, מיט וועלכע ס׳גוטע אָרט איז פול געווען, — און אין זיי אריינגעשריגן:

— איר זאָלט וויסן, ס׳חורבן איז גענוג גרויס; דער דאָקטאָר איז אַן אמת׳ער שוחט; אויערן, אויגן און פינגער וערן ביי אים צוגעשניטן מיט איין מאָס; יאַנקעלע פינטשעס, ברוך זלמנס, מאיר שרה גיטלס, אַלע: קאַליקעס פון דער מוטערס בויך. און זיי נישט געשווינט; ס׳איז ביי אים גאָר אַן יושר, אַן רחמנות, און אָנצוקומען צו אים, ווי מ׳האָט פריער גערעכנט, — איז נישט מעגלאַך פאַר כל הון דעלמא...

פאַרנאַכט־צו איז שוין דער אידישער עולם, דער אייגענער וואָס האָט שוין מאָרגן באַדאַרפט האָבן זיין יום־הדין, און גיין תחת חרב, — געווען אין בית־המדרש; אָפּגעדאַוונט, כדבעי, אַ הייסן יום־כפור׳דיקן מנחה; און נאָך מעריב — זיך תיכף געזעצט לערנען אויפן הויכן קול: דערוואַקסענע אידן, וואָס זיינען שוין צוליב די יונגעלייטלאַך נעבאַך, פאַרבליבן אויף אַ שעה לענגער׳ און געהאַט גרויס שברת־הלב, — האָבן כאַטש אויפגעמינטערט דאָס יונגוואַרג, זיי געזאָגט אַ וואַרים וואָרט:

— בעט, קינדערלאַך, בעט, ביי גאָט איז קיינמאָל נישט שפּעט...

מ׳האָט אָנגעצונדן די אַלטע בליצלאָמפּן וואָס ברענען נאָר

געוויינטלאַך אויף יום־טוב; אָנגעשטעקט מיט ליכט די רעד־לאַך פון די הענגלייכטער, — און די ליכטיגקייט שלאָגט אַפּ אויף די מידע, אויסגעמאַגערטע, בלייכע פּנים׳ער, וועלכע זיינען איצט ביי די יונגע לייטלאַך נאָך בלייכער פון פאַסטן תענותים און אויף־זיין גאַנצע נעכט; אין זייערע אויגן ברענט אַ פייערל, אַ שוואַרץ גליענדיק פייערל, וואָס צעפלאַמט זיך יעדע רגע העלער און ליכטיקער:

— אוי, טאַטע; אוי, דערבאַרימדיקער פאָטער אין הימל!...

מיט אַ ברען צעשאָקלען זיי זיך איבער די אָפענע גמרא׳ס, צעשרייען זיך אויף זייערע קול׳לעכלאַך מיט האַרצרייסנדיקע נגונים, נישט ווי ס׳וואָלט זיי עפּעס אַזוי שטאַרק קשה געווען, נאָר ווי גיכער געוואָלט די אייגענע יסורים פאַרשרייען, זיך פון זיי אויפהייבן און דערווייטערן...

;

פול איז אויך ביי לייזערן אין שיינקל; דער עולם: וואוילע־יונגען, ליגט צעלייגט איבער טיש און בענק; אין ביידע שטובן שטייט אַ רויך פון די אויסגערויכערטע פּאַפּיראָסן, — דערשטיקט צו ווערן; ס׳זעט אויס ווי אין אַ קאַזאַרמע; די לאָמפּן ברע־נען טונקל אין געדיכטן נעפּל, און ס׳זעען זיך נישט שאַרף די פלאַמען אין זיי, נאָר עפּיס צעריסענע פייערן, אַ מאַנטנע ליכטיגקייט, וואָס ברויך אַזוי ברענען און רייכערן פון זיך אליין; דער נעפּל זייגט אויס דעם פלאַם און לעגט זיך געדיכט, שווער און געדיכט אויף די הערצער פון די יונגען, — און רייסט ביי זיי ווייטע טונקעלע הוסטן...

אין דער שטיקענדער היץ פינקלען זייערע אויגן וואַסערדיק, פייכט, און קלעפּן זיך; נישט ביי אַלע יונגען האָבן זיך שוין פאַרהיילט אויך די לעכער פון די געשלעגן; ביי אַ סך זיינען נאָך די קעפּ אָרומגעבונדן, און די פּנים׳ער — פאַרקלעפּט; מיט זיי איינאיינעם געפינט זיך אויכעט חברה יד־אחת׳ניקעס.

די קיילער־שקצים, מיט וועלכע ס׳ליבשאַפט הייבט שוין אָן קעל־טער צו ווערן, און מ׳וואָלט אפשר גאָר גערן געוואָלט זייערע פּטור ווערן, — נאָר דערווייל, ווי לאַנג מ׳קען זיך נאָך נישט ארויס־צאָלן פאַר די גרויסע טובות וואָס מ׳האָט פון זיי געהאַט, — ליגט מען בייזאַמען, און מ׳גיסט אין זיך אריין...

— זאָלן קלאָגן אונז ווייגען אַלע וואָס ווילן איבערבלייבן אין דער היים — רייסט זיך בערילע שייגעץ דעם גאָרגל, — און יענע וואָס גייען אוועק דינען מיטן גוטן ווילן, האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייסן נישט פון קיין פּחד פאַר די אויגן...

— וואָס וועט זיין מיט ביר? — כאַפּט זיך פון דער העלער הויט דער לאַנגער שמואל.

— נאָך ווייניק אין זיך אריינגעגאָסן? — דערטראָגט זיך אַ קול פון דער אַנדערע שטוב.

— סטאָל פּיסק! — שרייט־אָן אויף יענעם אַ שייגעץ, וועלכן, ווי ס׳ווייזט אויס, — רינט שוין נישט אַזוי איבערן מויל ווי אין די גוטע ליבע טעג, וואָס מיט אַ וואָך צוריק...

— טרזשימאַי געמבע! —פאַלט ארויס אַ צווייטער קייי־לער־שייגעץ.

און דער לאַנגער שמואל, קריכט שוין אויף דער דעתה, וואָס ר׳האָט די שקצים אויף זיין זייט — ארויף אויפן טיש, און נעמט מאַמפען מיט זיינע לאַנגע פיס אין דעם הילצערנעם ברעט, דאָס אויפן קאַסע־טיש הייבן־אָן אונטערצוטאַנצן די גלע־זער, און אין די פענסטער — די שייבן צו ציטערן...

— וואָס וועט מען פּטרן אַזאַ ליבע, וואָילע צייט מיט גאָרנישט? — רייכט זיך דער לאַנגער דעם גאָרגל — דער רויך טריקנט דעם האַלז; און אַז מ׳וועט נישט זען אים כּסדר צו באַנעצן אָדער דערווייקן מיט אַ גלאָז ביר, וועט נאָך ווערן פון אים אַ האַרטע פּאַדעשווע...

— קריך דאָרט בעסער אראָפּ פון טיש! — קומט בערילע

אין כעס אריין, — א נישט, וועל איך דיך הייסן אראפשלעפן ביי די טשופרינע...

— כ'וועל נישט אראפגיין, ביז ס'וועט נישט שטיין קיין ביר אויף אים! — עקשנט זיך דער לאנגער.

— ווער זאל דיר געבן ?... משוגענער, דו האסט דאך נישט קיין גראשן ביי דער נשמה, ווער זאל דיר געבן ? — קאכט זיך בערילע.

— שריי נישט, וועל איך דיר זאגן ווער — זאגט במנוחה דער לאנגער.

ווערט שוין בערילע אויך נייגעריק :

— טאקי זיין א בעלן צו זען דעם נגיד אין דער משפחה, וואס דו האסט דערטאפט !...

און דער לאנגער גיט זיך א קער־אום צו עמיצן, זאגט :

— חיים, דו ביזט איינער פון אלע אויסגענומענע, וואס האט היינט באקומען א ווייסן בילעט, דעם ערשטן ווייסן בילעט ! אים אויסגעבאפט ביי לייזער מאכעלעס שמענדריק, וועלכן מ'האט צוגעהאקט אויף דיין ארט — גילט דיר א פעסל ביר !...

חיים, א דארפישער יונג, איז איינער פון יענע וואוילע יונגען, וואס האט אנגעפייפט חברה מיט דער „פריסוטסטווע" אינאיינעם ; ער האט עפעס געהאט אזא פארבארגענעם פעלער, א מום, וואס אן „אוועצארוש" זאל אים האבן געמאכט, — און וויל ער, דער יונג, מאכט ער אזא קונץ: האקוס־פאקוס, און ער ווערט איבער א רגע אוים מענטש ; דרייט עס אים אוים הענט און פים, ווערט לאם און קרום, טויב און שטום, אז ס'פאלט אז אן אימה אויף אים צו קוקן ; און איבער א רגע, מיטן קוק, איז ער שוין צוריק א מענטש מיט אלע מענטשן צוגלייך : געזונט, שיין, הויך און ברייט, אז מ'וואלט גאר קיינמאל נישט געגלייבט, ס'זאל אים האבן א פינגער ווייגעטאן...

און חיים, דער דאזיקער רעקרוט, וואס האט געקענט אויס־נארן א ווייסן בילעט, און איז א פנים נישט קיין מפיל־קינד פון

דער הימ אויס, — בלייבט חלילה, דעם לאנגן נישט שולדיק קיין אנטוואָרט· נאָר גיט אים מסתמא גלייך אין טאטן אריין:

— און אַז נישט, וועסטו נישט אַהיימגיין די נאַכט שלאָפן?.. מעגסטו פאַרבלייבן אַ מת דאָ אין שיינק...

גיט דאָס חברה'ן אַ ציפּ ביי דער זיבעטער ריפּ:

— וואָס?... אַן אייגענעם אַזוי אַריינזאָגן?.. און ווער? דער רוח ווייסט: אַ רעקרוט, אַ שוואַרץ־יאָר, אַ דאָרפישער הונט...

און ס'ברענט שוין אַ פייער אין שיינק, אַ העליש פייער...

נאָר דער לאַנגער, — ער מאַכט זיך נישט. וואָס דער יונג האָט אים געבענטשט, און אי וואָס חברה האָט זיך צעהיצט. — ער ריידט זיך אַזוי אייגן ווי פריער געלאַסן, גאַרנישט ווי יע־נער וואָלט אים געמיינט, האַלט זיך ביי ס'זייניקע:

— נו?... וואָס איז מכּח דעם פּעסעלע ביר?.. זיך נאָך אַלץ נישט מיישב געווען? ..

און אַז דער יונג פאַרשווייגט נאָך אַלץ, אַזוי גיט שוין דער לאַנגער אַ בייט איבער דעם טאָן, און גייט זיך אַפּנעמען זיין עולה:

— חברה, וואָס קומט דעם בחור, וואָס ר'האָט אַזוי שיין מכבד געווען אַן אייגענעם גוטן ברודער?...

פּלאַצט חברה אַרויס:

— מ'זאָל אין אים נישט לאָזן קיין גאַנצן ביין...

— מאַכן פון אים קרעפּלאַך פלייש..

— ער זאָל אויסגיין די גאַנצע גאַס, אויף די הענט!...

דער עולם קוועלט; מ'כאַפּט זיך אָן אינם אויפטו מיט ביידע הענט:

— גיין איבער דער גאַנצער לייַנג פון דער גאַס אויף די הענט...

— אויף די הענט!...

חיים, דער רעקרוט, רוקט זיך אָפּ פאַר די געשרייען אויף

דער וואַנט, אַ טויטער; אַ קעגנאיבער אים שטייט חברה מיט פאַרשמירטע שכור'ע פּנימ'ער, און עס הילכט אים אין די אויערן דאָס געלעכטער זייער'ס; ער פילט די אייגלאַך וואָס נעמען אים אַדורך, די הענט וואָס הייבן־זיך, שטרעקן זיך צו אים פון אומעטום, — שפּירט די ציין וואָס שאַרפן זיך, און ער פאַרשטייט, ר'האָט זיך דאָ מיאוס אַריינגעבאָדן, אַז דאָס יונג־וואָוילערישקייט זיינ'ס וועט אים דאָ גאָר קנאַפּ העלפן...

נאָר וואָס דאָ מישט זיך, אויף זיין מזל, אַריין בערילע, אויף וועלכן ס'רחמנות האָט אַדורכגענומען דוקא אין דער רגע, ווען חברה איז אויף אים להשמיד ולהרג — צעשפּרייט ער איבער אים זיינע הענט, ווי אַ גוטער מלאך זיינע פליגל:

— וואָס ווילט איר ?.. אים צערייסן ?... צעטראָגן ?... אַלע אויף איינעם ?... פע, חברה !.. איר ווילט וועמען מקיים פּסק זיין, — מאַכט פריער אַ משפט !...

נעמט שוין אויך שטאַמלען דער יונג מער דרייסטער, און ווערט לעבעדיקער, זעענדיק: ר'האָט דעם רבין זייערן אויף זיין זייט, און פריוווט זיך אָפּבעטן מיט אַ האַלב מויל:

— וואָס האָט איר זיך אַנגעלייגט אויף מיר ?... כ'האָב אין דער היים אַן אַלטע מאַמע, האַלט אויס אַ שטוב, אַ גאַנץ הויזגעזינט: אַ שוועסטער, צוויי ברידער, — קאַליקעס..

— אודאי אַ זעלבע ווי דו ביזט, — לאַכט מען..

— ס'וועט דיר נישט העלפן נישט קיין גאָט און נישט קיין טאַטער, — זאָגט דער לאַנגער, כאַטש בערילע שטעלט זיך איין פאַר דיר, אויב דו וועסט נישט אויפבינדן דעם בייטל דיינעם: כ'וועל מיר נישט מאַכן וואָס דו האָסט מיר אַריינגעזאָגט אין טאַטן אַריין, וואָרים אויב דו ווילסט דיך אָפּליזן פון אַ יונגען טויט, און צוריק זיין אַ גאַש־בראַט, אַ בראַט פון די ברעטער, — וועט דיר אַ פעסל ביר אויף אַלעם מכפּר זיין...

און אַז דער יונג רירט זיך גאָר אַלץ נישט, נעמט ער ציילן, דער לאַנגער...

— איינס... צוויי... ד־ד־ד־ד־ ־ ־ ־
האָט שוין דער יונג אין איין טויטשרעק אַרויסגעלייגט ס׳געלט אויפן טיש:
— נאָט אייך נ׳ביטל מיטן געלט, און טוט וואָס אייער האַרץ גלוסט, — מיט אים...
נעמט חברה באַלד דערנאָך גיסן אין זיך ס׳ביר, ווי אין די ליידיקע פעסער, — און מ׳בלייבט ליגן בייזאַמען איבער די טישן און בענק; די אויגן זיינען נאַס, וואַסערדיק, די שלייפן פאַרדרייט, און ס׳דוכט זיך, דאָס זיי וועלען באַלד נעמען פאַלן, פאַלן צו דער ערד ווי די אויסגעפּליקטע ביימער אין וואַלד, בלייבן ליגן ווי די מתים איבער אַ גאַנצע נאַכט...
און דאָ מרעט אַרויס דער איינענער לאַנגער שמואל, און וועקט דעם עולם, שטעלט אים אויף די פיס:
— קינדער, מ׳ברויך גיין אויף תהלים!...
אַ סך הייזעריקע קולות ענטפערן אָפּ אויף אַ מאָל, פון דאָ, דאָרטן און אַרום; סתם־יונגען וואָס ווייסן צומאָלט נישט וואָס מ׳וויל פון זיי האָבן, און שאָקלען־צו האַלב שכור מיט די קעפּ, מאַכן מיט די הענט:
— אויף תהלים. יאָ...
— אויף תהלים...
— תהלים...

אַז חברה גיט זיך אַ שפּאַר אַרויס אויף דער קופּע אין גאַס אַריין, איז שוין גוט שפּעט אין דער נאַכט. איז שוין אַ האַלבע שטאָט קראַמען פאַרמאַכט. און פון יענע וואָס זיינען נאָך אָפן, — שפּאַרט זיך אַרויס אַזאַ קאַרגע ליכטיגקייט איבער די קליינע געסלאַך, וואו ס׳איז אַזוי נאַס, פייכט, און ס׳וויינט פון אַלעם אַראָפּ, אַזוי ווי ס׳וואָלט געהאַלטן ביי גסיסה פון אַזאַ שיינע זומערדיקע וועלט: ס׳זיצן די אידן, קרעמער, — טיף

אין די קראַמען, איינגעהילט נאָך אין די לייכטע זומערדיקע כאַלאַטלאַך — וואָס מ׳רופט : חולאת׳לאַך, און כאַפּן אַ ציטער פאַר קעלט : זיי דרימלען־איין, וועקן זיך איבער, און די מחשבה ביי זיי אַלע, אַ פּנים, איז איינע : וואָס דער רעגן לאָבערט אַזוי נאָכאַנאַנד צו גאַנצענע טעג, פון שטויב איז געוואָרן אַ בלאָטע, אַ שיטערע בלאָטע, אַ טאַפּיעלע, — און דאָס וועט שוין צום איבעריקן דער׳הרג׳ענען דאָס ביסל לייזונג, וואָס איז שוין פון פריער אַזוי אויך געווען גוט אין דר׳ערד ; וואָס אַ טאָג וועלן די רעגנס מסתמא ווערן מערער, די בלאָטעס נאָך געדיכטער, נאָך ווייכער, ביז די מענטשן וועלן שוין גאַרנישט קענען אַרויסגיין פאַר דער טיר, און בלייבן איינגעזעצט אין די שטובן, יעדער אין זיין אייגענע קאָזע...

דעם עולם יונגען האָט די אַשיענדיקע נאַכט אַביסל אויפגעפרישט, אַזוי צו זאָגן : אַרויסגעצויגן דעם סוואָנד פון די קעפּ, און מ׳האָט זיך אַוועקגעלאָזט פּריילֿיכער, לעבעדיקער, — זיך אויסגעצויגן און צעשלעפּט איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, אין אַזאַ לאַנגע שנור, וואָס האָט זיך געצויגן אויף אַזאַ שטיינער, ווי פון פּאַרנט וואָלט מען ערגיץ געברויכט טראָגן אַ מיטה מיט אַ בר־מנן צו זיין אייביקע רו...

מיטאַמאָל האָט זיך דאָרט ערגיץ אין דער פינסטערניש, די שנור פאַרטשעפּעט אין אַן אָפּן ליכטיק קרעמעל, — און מ׳האָט שוין געהערט ווי דער לאַנגער שמואל שרייט אַריין צום איד, דעם קרעמער :

— יודל, גיב אַהער אַ פּעקל פּאַפּיראָסן...

די גאַנצע כאַלאַסטרע קומט דערווייל אונטער, שטעלט זיך אַפּ אַרום דעם קרעמל, און האָט הנאה צוקוקנדיק ווי דער לאַנגער נאָגט פון די פּאַפּיראָסן ; דער איד, דער קרעמער, — אַ נידריק דירעוודיק אידעלע, מיט אַ בלאָנד אויסגעקראָכן ציגענ־בערדעלע, גייט אַפּיר פון הינטער׳ן קאַסע־טיש, און ס׳פּעקל פּאַפּיראָסן ציטערט ביי אים אין דער האַנט ; זאָל ער דאָס

אוועקגעבן און נישט געמען קיין געלט צופריער — זיינען זיי יבוש: בעטן ווידער פריער געלט — קען מען נאך ביי זיי שלעכט אפשניידן; מאכן זיך כלא־יודע, א פיש אין וואסער, איז איינמאל, א שאד דער פדיון, — אפשר האבן זיי פארט אין זינען צו באצאלן ?.. וואס קען מען וויסן ?... און...

אזוי טראכטנדיק האט דער לאנגער ארויסגעקריגן ס׳פעקל פאפיראסן פון זיינע הענט, עס ארומגעטיילט צווישן גאנצן עולם, און זיך באלד אנגערופן:

— יודל, גיב אהער נאך איינס ; נאך צוויי פעקלאך....

— און געלט פאר דעם ?.. — שטעלט זיך שוין יודל דער קרעמער איין צו מאנען, און הענט־אונ־פיס ווארפן זיך אונטער אים...

— מארגן, ווי כ׳בין א איד, מארגן, — שווערט זיך דער לאנגער, — וועל איך דיר ארייגעבן, ווי דו זעסט מיך א לע־בעדיקן ; גיב נאך איינס...

יודל דער קרעמער ווייסט שוין גוט, אז דאס געלט פארן ערשטן איז פארפאלן, ווארים וואו וועט ער גיין אזא יונג נאכלויפן און אים מאנען ?.. שטייט ער איינגעטונקען אין בלוט:

— כ׳בעט אייך, וואס האט איר זיך עפעס גראד אנגע־זעצט אויף מיר ?... ס׳זיינען שוין מער קיין קרעמער אויף דער גאס נישטא ?... איך מוז אויסשטיין די גאנצע חתונה ?..

דער עולם שטיקט זיך פון געלעכטער, און דער לאנגער האלט זיך אין איין שווערן:

— בנאמנות, יודל, ווי כ׳וועל דיר ארייגעבן צוויי מאל אזוי פיל פאר זיי, — וואס דארפסטו נאכמער ?... האסט גאר נישט וואס קיין מורא צו האבן, זאג איך דיר... א־סוף, האלט נישט אויף ס׳גלות !... גיב וואס דו האסט צו געבן ! נו, ביזט דאך, זע איד, א איד א פארד !...

יודל רירט זיך נישט; שטייט שטייף אין דער טיר, ווי א סלופּ; ער איז מיטאמאל איינגעפרוירן געווארן, אדער בכיון אזוי שטייף פארשטעלט מיט זיך די קראם זיינע, — חברה זאל זיך נישט קענען אריינקריגן אין איר, איר צעטראגן, ביז ער פלאצט ארויס:

— איר זענט דאך שוין באלד ערגער פאר די גויים!... ביי זיי קען מען זיך כאטש אפּלייזן מיט קלעפּ, אבער ס'לעבן וועלן זיי דאך נישט, ווי איר, — וועלן צונעמען!...

לאכט מען אין די פויסטן אריין.

דער איד רעדט מיט גאל:

— ביי מיר גייט איר נעמען צוויי פּעקלאך פּאפּיראסן אז געלט?... וואס בין איך, ראטשילד?... איר האט דא אנגע־טראפן א גרודע גאלד?... אריינגעפאלן אין א שמאלצגרוב?...

און אויף זיינע רייד האט זיך ארים אריינגעטאן א נידע־ריקע אידענע, בארוויסערהייט, כמעט נאקעט, אין איינעם העמד; אין שלאף האט זי דערשפּירט וואס ס'גייט דא פאר ביי איר מאן, דעם שלימזל, אין קראם; און כאפּנדיק ביידע עופּה'לאך אויף די הענט, וועלכע האבן זיך אויפגעכאפּט אין מיטן שלאף מיט א געריים, מיינענדיק: א גזלן האט זיי צוגעכאפּט און אנטלויפט דאס מיט זיי ערגיץ אין א פינסטערן וואלד — זיך אקעגן געשטעלט די יונגען ווי א לייב:

— וואס?... צעטראגן וועט איר מיך?... אומגליקלאך מאכן?... בדיל־הדל שטעלן?... אויסטאן ביזן איינעם העמד?..

און שטופּט נאך דערביי ארויס אירע צוויי קליינע עופּה'־לאך, — די יונגען זאלן צו איר נישט קענען אריין אין דער קראם:

— נאט אייך, און הרג'עט!...

דער גאנצער עולם שטייט געפּלעפּט, מיט פולע מיילער צונג.

— נא דיר גאָר אַ אידענע, און גיי מיט איר אין מלחמה אַריין !...

און דאָ איז מיט אַמאָל אַרויס בערילע שייגעץ, אַזוי ווי ער וואָלט דאָ גאָר נישט געווען ביי דער גאַנצער חתונה, אָדער זיך אַזוי במנוחה געשטאַנען הינטער דער וואַנט און ס'איז אים נישט אַנגעגאַנגען, ווייל ס'איז מעגלאַך געווען, ער זאָל האָבן געכאַפּט אַ דרימל שטייענדיקערהייט ; און ערשט אַ יאָג־געטאָן די חברה, מיטן לאַנגן שמואל אינאיינעם :

— רירט אייך, אַ סוף... אין דר'ערד אַריין מיט די ביי־נער !... איר האָט שוין נישט געהאַט אויף וועמען אַז אַנדערן זיך אַנצולייגן, ווי אויף אַ איד, אַ קבצן, אַ קרעמער ?... נעכטן געשפּאָלטן שקצים די קעפּ, וואָס האָבן ביי אים געוואָלט עפּעס נעמען, און היינט גייט איר דאָס אַליין טאָן ?...

און חברה האָט זיך אויף דער גיך אָפּגעטראָגן...

ער אַליין האָט בעצאָלט יודלען, דעם קרעמער, פאַר די פּאַפּיראָסן, וואָס דער לאַנגער האָט גענומען, זאָגנדיק: „נישט־קשה, ס'וועט קאָסטן זיין געלט..." און אַוועקגייענדיק געהערט ווי די אַי־דענע בענטשט אים מיט די טייערסטע ברכות, וואָס — אויב ס'זאָל אים מקוים ווערן אַ העלפט, אַ דריטל, וואָלט אים ווײַלער געווען פאַרן גרעסטן גביר ; און גענומען באַלד דערנאָך מיטן אייגענעם מויל שעלטן איר אייגענעם מאַן, מיט אַזעלכע טויטע קללות, וואָס, — אויב ס'זאָל אים אָנגיין אַ הונדערטסטל, וואָלט ער שוין באַדאַרפט אָנשפּאַרן וואו...

ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין געווען פינסטער דאָרט, וואו ס'האָט באַדאַרפט זיין די קראָם, און פון דער פינ־סטערניש האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן דעם ווייב'ס קול :

— אַזאַ שטיק שלאַק !... אַזאַ צעקראַכענע בריאה !... אַז כ'האָב מיך נאָר אַריינגעלייגט אין בעט, דעם ערשטן דזשים געטאָן, — האָט ער שוין צוגעלאָזט, דער גן־עדן מיינער, זיי זאָלן אים באַפאַלן ; און נישט קיין שכל געהאַט באַלד צו צור־

שפּאַרן די טירלאַך, ר'האָט געהערט, די חברה גייט...

חברה איז אָנגעקומען פאַרן בית־המדרש, זיינען זיי דאָ שטיין געבליבן, אַזוי ווי הענט־און־פיס וואָלט זיי געוואָרן אָפּגענומען: די שטאַרקע ליכטיגקייט, וואָס האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט דורך אַלע פענסטער — איבערן הויף, און ווייט אַוועק צו די פעל־דער; דאָס ברענען פון די ליכט אַזוי ווי ערב יום כפור פאַר־נאַכט, און די שרעקלאַכע קולות, וויינענדיקע נגונים, אין וועל־כע ס'האָט געשטעקט אַזוי פיל נישט אַרויסגערעדטע בקשות — אַלץ מיט אַנאַנד האָט צעגומען די רויע גראָבע נפשות ביזן ביין, און זיי שטייען, האַלטן אַראָפּגעבויגן די קעפּ, גע־בונדן פון דעם גרויסן גערויס, אונטערניק דורך די געשרייען.

— וואָס זאָל מען דאָ טאָן?... — קוקן זיי זיך איבער — אַריינגיין?... ברויך מען דאָך שוין זיין עפּעס פון דער וועלט אַרויס, און האָבן אַ באַזונדערע חוצפּה; מיט די לעקישלאַך אינווייניק איז טאַקי גוט זיך נאַריש צו מאַכן, ווען מ'האָט זיי ביי זיך, ס'הייסט, ביי לייזערן אין שיינקל; אָבער ווען מ'ברויך אָנקומען צו זיי אין בית־המדרש, זיינען זיי תקיף!...

און בערילע שייגעץ, דער וואוילער יונג, גיט זיך אַ הייב־אַרויס פון דער שווערקייט וואָס האָט זיי אַלע צוגעלייגט:

— קינדער, מ'גייט צוריק אַוועק איבער דער שטאָט, מיט אַ געגזען־מאַרש...

וועקט זיך דער עולם איבער:

— הע?...

— וואו?...

— וועלכע שטאָט?...

— וואָס עפּעס אַצינד גראָד?...

און שטעלן זיך פונדערסטוועגן אויס, וואָס ס'קומט זיי נישט אַזוי גרינג אָן ווי ס'רעדט זיך, — ווי די זעלנער, איינער הינטערן אַנדערן, איינער הינטערן אַנדערן, אין אַ שורה וואָס

קריגט באַלד אַ שוואַרצע וויסטע לענג ; בעריל̈ע שייגעץ, פאַר־שטייט זיך, איז דער ערשטער, — נאַשפּיץ : ער פירט ס׳רעדל: איינס : און די גאַנצע שרענגע הייבט אַ פּוס ; צוויי — זי רוקט זיך אַפּ אַ טריט ; איינס, צוויי, דריי, איינס — צוויי — דריי — אַזוי צום טאַקט, רירט זיך די לעבעדיקע קייט, דרייט און שלענגלט זיך פון גאַס צו גאַס ; און שטייט אַ הויז אַליין, אַפּגעזונדערט, — וויקלט זיך די קייט אַרום׳ן הויז ; פאַרט אַן אַ דראָזשקע, אַ וועגעלע, אַזוי ווערט עס נאַכגיכער אַרומגענומען, און ס׳מוז אַזוי לאַנג שטיין, דער בעל־הגלה — צוקוקן, ביז די קייט נעמט זיך אַרום דעם אויס ; איז נאָך וואו אַפן אַ טויער, וואָס האָט אַ צווייטן דורכגאַנג אין אַן אַנדערע גאַס, אַ־האַ ! דריידלט זיך שוין חברה דורכן טויער ; אומעטום ווערן נאָכגיכער די טירן פאַרמאַכט, נישט ווייל מ׳האָט מורא, נאָר ווייל ס׳האָט קיינער קיין חשק נישט צו האָבן אַזוי שפּעט ביי זיך די יונגען, צו גאַסט ; און אַז ביים בעקער, וואו מ׳באַקט בייגל איז ליכטיק, און טירן־פענסטער שטייען אויפגעפּראַלט, — ציט שוין חברה דורכן פענסטער אַריין און דורך די טיר צוריק אַרוים ; אַזוי וויקלט זיך חברה, דרייט זיך ווי אַ לעבעדיקע שלאַנג, וואָס איז זאַט און מאַכט, צוליב ריינע לוימערע הנאה — פון זיך בייגל ; זי מיידט נישט אויס אַרומצונעמען אפילו אַביימל; און אַזוי ווי וועגעלאַך, פור־לאַך זיינען זעלטן צו דער צייט, אַזוי שפּעט, אין גאַס, און די יע־ניקע, וואָס זיינען דאָ, ווייסן שוין וואָס ס׳גייען באַטייט, — באַהאַלטן זיי זיך אויס, און חברה ווידער, אַז זי האָט נישט גאָר, אַזוי איז אַ שטיין, אַ בעליק אויך ביי זיי אַ קרן ; און נישט בלויז די וועגעלאַך רוימען זיך אויף. — נאָר די מענטשן אויך, וועלכע טראַכטן, באַהאַלטנדיק זיך :

— ס׳וועט פיל געזינטער זיין, זיך נישט צוטרעפן מיט זיי ; שטיין און צוקוקן ווי זיי כאַפּן דיך אַריין, און נעמען זיך דרייען אַרום דיר ווי די מתים, אָהן איין וואָרט, אַז ס׳קומט נישט

מער אויס, ווי איינער זאָל דיר אָפּזאָגן דעם פּסוק, וואָס ביי כּפּרות שלאָגן : „בני אדם יושבי חושך וצלמות“...

און אַזוי גייט חברה, דרייט זיך אַרום די הייזער, אַרום די גאַסן, מאַרקן, שווינט נישט דאָס שטיקל וואַקזאַלכל, וועלכעס איז אַזוי טויט־פאַרשלאָפן ביינאַכט, און קומט נאָכאַמאָל צוריק אָן צום אַלטן בית־המדרש, בלייבט שטיין אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, מיט פאַרשלאָפענע גלידער, וואָס רירן זיך קוים, — און מורמלען האַלב וואַכנדיק :

— ס'וועט גאָרנישט העלפן, תהלים מוז מען דאָך היינטיקע נאַכט כּאָרט זאָגן...

דאָס בית־המדרש איז שוין פאַרשלאָסן אַצינד ; פון אינ־וויינינק שווארצט זיך אַרויס אַ געדיכטע פינסטערניש, אַ קלעפּיקע, צוליב וואָס ס'זעט אויס אַזוי איינגעשרומפּן צו זיין, צו זאַמענגעפאַלן, קליין און פאַרלוירן אין דעם ברייטן, נישט פאַרצוימטן ליידיקן הויף..

ס'איז אַזוי פינסטער, חושכ'דיק, אַז ס'באַוועגט זיך אפילו נישט קיין ברעקל שאָטן פון וועמען, סיי פון אַ יונג אַזוי גוט אַ לעבעדיק באַרעדעוודיק ביימל, — אויפן פאַדערשטן ווייסן שטיקל אָפּגעקאַלכטן פאַרקאַן ; און ביי די יונגען, רעקרוטן, וואָס שטייען דאָ, — נעמט זיך עפּיס רירן אין די קעפּ, רירן שווער, אַזוי ווי מ'וואָלט צו זיי אַרויסגעשלעפּט מתים פאַר די אויערן ; מתים, וועלכע וואָלטן באַדאַרפט קומען מתקן זיין אַצינד, וואָס זיי האָבן ביים לעבן געפעלט צו טאָן..

— וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם שטיין ? — פרעגט בערילע, ווען ער זעט : חברה זיינע שטייט נישט מער, נאָר הענגט ווי אויף גאָר נישט אין דער לופטן, און טרייסלען זיך ווי געהאַנגענע, פון אַ לייכט ווינטעלע, — אויף זייערע שטריק... חברה רירט זיך נישט, שטייט געפּלעפּט ; דער ירידר פון

מתים, טויטע, — ווערט נעדיכטער, פולער, באוועגליכער אין די קעפ, און זיי מיינען זיכער: ס'איז נישט אנדערש ווי זיי האבן געמוזט אנקומען אהער נאך דער האלבע נאכט, ווייל זיי ברויכן אריינגיין אינווייניק דארטן אויפן באלעמער, ארויפגיין איינער נאכן אנדערן, איינער הינטערן אנדערן, ווי מ'רופט אויף צו דער תורה: „יעמוד ר' אברהם בן זאב...“ און הערן ביי דער פינסטערע עליה — די שרעקליכע ביטערע תוכחה, וואס וועט פאלן אויף זייערע קעפ...

בערילע זעט: ס'איז ניע־פּעטש, חברה זיינע לעבט נישט מער, אזוי רירט ער זיך ארויס פון דעם קאשמאר, טרייבט־אפּ איבער א גוואלט פון זיך די מידעקייט, טוט זיך אן א כח, און קלאפּט אן אין דער טיר פון בית־המדרש, דריי מאל נאכא־נאנד, און זאגט:

— אויב ס'א לעבעדיקער זאל ער בלייבן, און א טויטער, — זיך אפּטראגן...

איז שטיל, קיין הונט רופט זיך נישט אן, נאר חברה יונגען, רעקרוטן, קריגט דערווייל ס'קדחות, נעמט שפּרינגען פון דער הויט:

— אט מאכן זיך שוין אויף די פענסטער, און מ'בעט מחילה, אריינגיין, — איז נישטא מער קיין ברירה, ווייל דער איינער וועג איז פאראן, און צוריק, ווער ס'דרייט זיך אום, — ווערט גלייך נעכאפּט; און דער יונג וועט דא האבן גוט אנגעארבייט...

ס'בית־המדרש בלייבט אלץ פארמאכט, און בערילע גייט ארונטער אנקלאפּן ביים שמש, — נאר דא פאלט אים שיעור נישט ס'הארץ־איין, ווען ער דערזעט די שווארצע עגלה: אין א קליין שטעדטל וואו ס'איז נישטא קיין מויער ארום'ן בית־עולם, און וואו אפילו ס'איז יא פאראן, — שטייט אלץ די עגלה אויפן בית־המדרש הויף, צוזאמען מיט אלע איבעריקע כלי־קודש: ווי די חופּה־שטאנגען, חתונה־בענקלאך, טהרה־ברעט, — וואס זיינען הייליק ביי אידן; די שווארצע עגלה

קומט אים אַזוי ראַפּטום און אומגעריכט אויפֿן פּנים, — אַז ער פֿאַרלירט אַליין אויך ס'לשון פֿאַר שרעק, און איבער אַ רגע דוכט זיך אים, ווי דאָס הינטערשטע טירעלע בײַ דער אייגע־נער עגלה, וועלכע פֿירט אַרויס די געשטאָרבענע אויפֿן פֿעלד, גיט זיי דעם לעצטן חסד־של־אמת'דיקן שפּאַציר, — מאַכט זיך אויף, און עס הייבן גאָר אָן אַרויסצושפּרינגען פֿון אינווענייק אַלע־טויטע, וואָס מ'האָט פֿאַר יאָרן לאַנג נאָכאַנאַנד אינווע־ניק אַרײַנגעלייגט, און באַדאַרפֿט דאָרט ליגן, וואָס ס'איז נישט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי — אין די חמרים, בערגער; און זיי נעמען זיך אויסשטעלן איינער הינטערן אַנדערן, איינער הינטערן אַנדערן, אין אַזאַ לאַנגע, לאַנגע ריי, אַז ס'איז גאָר נישט מעג־לאַך ס'אויג זאָל דערכאַפּן דעם סוף ערגעץ, וואו ער ברויך דאָרט זײַן... און איינער, גאָר אַ נומער באַקאַנטער זיינער, וואָס איז, דוכט זיך, ערשט נעכטן־אייערנעכטן געשטאָרבן, זאָגט־צו אים מיט אַזאַ דראָבנע שמייכעלע:

— אַ נו, בערילע, ווייז אַזאַ שטייגער קונץ, און פֿיר מיט אונז אויך אָן אַזוי, ווי דו האָסט מיט די לעבעדיקע אָנגע־פֿירט?...

און אין אַ ווײַלע, ער דערזעט, אַ שיינדל דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן; ווי אינווייניק ביים שמש ברענט דאָס קאַגאַניקל אַרונטערגעדרייט, און ער אַליין ליגט זיך במנוחה, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט די אייגענע עגלה מיט אַלע טויטע אירע טיף טייער אין דר'ערד, — און שלאָפֿט; פֿאַרגינט זיך אַזוי געשמאַק צו כראָפּען, אַזוי ווערט ער גלייך צוריק בע־רילע: „וואָס האָט ער דאָ ווידער פֿאַר זיי מורא צו האָבן"?... און נעמט קלאַפּן צו אים אין לאָדן, וועקן שטיל, דערווייל מיט הכנעה:

— ר' קלמן, ר' קלמן, גייט אַראָפּ אויפֿמאַכן ס'בית־המדרש...

און אַז קלמן דער שמש ליגט אַ פּגר, חאַרכט אים ווי

די וואַנט, אַזוי פאַרנעסט ער קלאַפּנדיק, דער קאַצענער קאָפּ, אַז יענער באַדאַרף אַראָפּגיין אויפמאַכן ס'בית־המדרש, נאָר נעמט זיך וואוילעריש צו דער עגלה; שפּאַנט זיך איין אין איר, און שטופּט איר הינטערווײלעכס אַרויס, — פון פאַרענט, צום הויף, וואו חברה־יונגען שטייט און שלאָפט שטיי־ענדיקערהייט; און זיי גיבן זיך אַ כאַפּ אויף מיט אַ געשריי, מיט אַ טויטגעשריי, נישט אַנדערש ווי די עגלה וואָלט נאָך זיי דאָס געקומען, און זיי באַדאַרפט צונעמען, אַוועק־פירן לעבעדיקערהייט וואו זי האָט אַלע געשטאָרבענע פון פאַר אַלע צייטן, זייט זי איז עגלה, — אַוועקגעפירט, אויפן קברות, פון וואַנעט מ'קומט שוין מער קיינמאָל נישט צוריק...

קריכט בערילע, וואָס איז שוין פון פריער די אייגענע שרעק געהאַט איבערגעקומען, — אַפּיר, און קייכט, מעשה־וואוילער, פאַר געלעכטער:

— אוי, חברה, אַזוי ווי די ווייבער זיינען זיי...

— גאָרנישט קיין געלעכטער, — צערייסט זיך פון ערגיץ אַ געניץ אין צווייען, — די דמים קענען איינפאַלן...

— און פאַרקילט ווערן אין די אדערן... — ברומט דער לאַנגער.

— ווייסט איר וואָס? — איז בערילע אויפגערוימט. — כ'וואָלט פאַרגעלייגט מ'זאָל מאַכן אַ לויה: איך וועל אַוועק־פירן די עגלה איבערן שטאָט, און איר וועט אַלע נאָכגיין און וויינען ווי די ווייבער... ברוכ'ל וועט שרייען ווי נאַטע שמש: „צדקה תציל ממות...“ און די שטאָט וועט קראַפּירן פאַר אימה, מיינען: מתים מאַכן אַ שוואַרצע לויה...

חברה שטייט ווי דער'הרג'עט, ס'נעמט קיינעם קיין חשק נישט, — און בערילע וואָס פאַרשטייט זיי אַ רגע נישט, וואונ־דערט זיך:

— ס'איז נישטאָ וואָס קיין מורא צו האָבן; ס'וועט זיך קיינער נישט דאַרפן לעבעדיק אַריינלייגן אין דער עגלה...

רופט זיך אָן דער לאַנגער שמואל, און זאָגט פאַר דער גאַנצער חברה, וואָס זי האָט אייגנטלאך צו זאָגן...

— ניין, בערילע, מיט אַזעלכע זאַכן מאַכט מען זיך נישט קיין געלעכטערלאַך; היינט נישט מער ווי אַ געלעכטער, און מאָרגן קען עס זיין אַ רעכט־נ'אמת; מ'ווייסט קיינמאָל נישט וועמענס מאָרגן ס'איז...

און אַן אַנדערער האַלט מיט אים שטאַל און אייזן:

— אידן זיינען מיר, מוזן מיר כאָטש איינמאָל, ווען מ'שטייט צום נעמונג, זיין אידן ווי מ'ברויכט...

ער גייט אַליין אַוועק, דער לאַנגער, אויפוועקן דעם שמש, אים שטעלן אויף די פיס, — כאָטש יענער בייזערט זיך, שרייט: „שקצים, לאַבוסעס"... ווערט ער באַלד אַזוי גוט, אַזוי פרום, און אַזוי ווייך, צוגעלאָזן ווי אַ לאַקריצדיק זיס מענטשעלע, נאָר צו אַ געשוויר אים צוצולייגן, — ווען דער לאַנגער רוקט אים, אַנשטאָט אַ בוכע, — אריין אַ מטבע:

— גייט אַראָפּ אויפמאַכן ס'בית־המדרש, וואָס וועל איך דאָ שטיין זיך אויס'טענה'ן מיט אייך?...

דער שמש, וואָס וואָלט אַן אַנדערט מאָל געקראָכן פון דער הויט פאַר אַזאַ יונג, אַ בוכמאַל, האָט פאַר זיי אַזוי פיל מורא, ווי אַ געזונטער חברה־קדישה־מאַן פאַר אַ טויטן; ער איז זיכער, דאָס אַזאַ יונג, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין, — וועט ער אים נישט אָנרירן ס'מינדעסטע נענעלע, ווייל ר'ווייסט: ס'איז דאָס נעמונג; די לייט קומען צום בית־המדרש אַזוי ווי די בומיקלאַך, קליינע קינדערלאַך, וואָס קענען נעבאַך קיין צוויי נישט ציילן, און ווייסן נישט: אַז ס'בית־המדרש וועט זיי העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס; און ער מעג זיך קראַוואַטשען, ווי שוואַך, צעבראָכן ער זאָל נישט זיין, אַ חלוש, — זיך האַלטן שטאַרקער פאַרן יונג, און אפילו גאַר אויף אים אויפרייטן מיט אַ פּראַטענציע:

— ס'ברענט ביי נ'אים, זעסטו... ערשט אַן אויג צוגעטאַן.
און גיי שוין אַרוים פון אַזאַ באַשמעקט ווארים בעט...

באַלד איז פונדעסטוועגן געוואָרן ליכטיק אין אַלטן בית־המדרש, חברה יונגען, רעקרוטן, האָט זיך אַ שפּאַר אַריינגע־טאָן אינווייניק, און ציטערנדיק פּאָר קעלט פון דער אַסיענדי־קער נאַכט, — געוואָרן עטוואָס הייטערער אין דער ליכטיק־אַנגענע־מער, באַשטאַנענע וואַרימקייט...

בערילע האָט גלייך גענומען מיט וועלכן ס'איז פון זיינס גלייכן שפּילן אין „אַכבראַש", און מ'האָט זיך דערלאַנגט אַזעל־כע קלינגענדיקע פּעטש אין די הענט אַריין, דאָס זיי האָבן אָפּ־געהילכט אין דער טיפעניש פון דער פינסטערער נאַכט; און ס'האָט אויסגעזען: ווי נאָך איטלאַכן פּראַסק באַזונדער, גיט זיך אַזש די עגלה אין דרויסן אַ וויג הינטערן פענסטער, און טוט ראַפּטום אַ פּאָר הין־און־צוריק...

דער לאַנגער שמואל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אויפגערוימט צו זיין, — איז גלייך אויסגעוואַקסן און אים אָפּגעשטעלט:

— ניין, בערילע, דאָס איז גוט ביי לייזערן אין שיינקל; אַצינד ביזטו אין בית־המדרש, און מ'דאַרף זאָגן תהלים...

שטעלט חברה אויף מויל־און־אויערן, גלייבט זיך נישט אויפן לאַנגן — איינגאַנצן ווי דער טאַטע זיינער, מיטן אייגע־נעם שטעל, גאַנג...

— עברי, בערילע, האָט מען דיך געלערנט, — נעם זשע אַ סדור'ל, און זאָג־מיט, גלייך מיט אַלע...

— געדעכט, שמואל... — הערט זיך ערגיץ.

— הונדערט יאָר זאָל ער לעבן דערפאַר...

בערילע לאָזט אַראָפּ נ'קאָפּ פאַרשעמט, און זעצט זיך גלייך מיט אַלע יונגען אַרום'ן טיש; און דער לאַנגער שמואל, דער הונט מיט אויערן, וואָס דער פאָטער זיינער האָט געשפּיגן ביי־נ'אים די גאַל, ער זאָל קענען די דראַבנע אותיות'לאַך, — הייבט־אָן מיט אַ ניגון:

— אשרי האיש, אשר לא הלך בעצת רשעים...

און די יונגען צעשאָקלען זיך מיט די קעפּ, ווי די ווערבעס פֿרום אַ ווינטעלע און צעשרייען זיך ווי זיי, אפשר דאָס איינע מאָל ווען מ׳שטייט צום געמונג, אַזוי שפּעט אין דער נאַכט:

— אשרי האיש...

אין פּאָליש איז נאָך געשטאַנען דער שמש, האַלב־נאַקעט, זיך געקראַצט אין קאָפּ, און געציטערט פֿאַר קעלט. — ס׳איז אים דאָס גאָר קיין חדוש נישט געווען.

— אַלע יאָר די איינענע מעשה; די לייט ווייסן קיינמאָל נישט ווען פּריער אַ אידיש־וואָרט אין מויל אַרײַנצונעמען, ביז ס׳קומט אויף זיי ס׳געמונג, און מ׳גייט זיי אָפּגעבן פֿאַר זעל־נער...

לאַנג האָט שוין אָבער חברה אויך קיין תהלים נישט גע־זאָגט, ווייל אין דרויסן אויפן הימל האָט צו דער צייט גענומען גרויען, די שוואַרצקייט — אויסצערינען; די ליכטיגקייט פֿון די לאָמפּן האָט זיך מיט יעדע רגע אויסגענומען, געוואָרן בליי־בער; די עגלה פֿאַרן פֿענסטער זיך גענומען אויסשיילן פֿון דער געדיכטער פֿינסטערניש ווי עפּעס אַ שוואַרצער ביינערנער סקע־לעט פֿון אַ נישט־גוטס; און פּונקט ווי מ׳וואָלט ביי איר אַרויסגערוקט די מיטה, און אַ גרויסער ריזיקער בר־מנן וואָלט אויפגעשטעלט זיך, אויסגעשפּרייט זיינע תכריכים ווי אַ כחז זיין טלית אונטער די הענט, אַזוי האָט זיך אויסגעשפּרייט דער טאָג, און אַרומגעהילט ווי אַ קליין, יתומ׳דיק קינדעלע, — דאָס פֿאַרבמאַרעטע ווע לטל...

און זיי האָבן איינציקווייז מיד אַראָפּגעלאָזט די קעפּ איבער די טישן, די יונגען, אָנגעשפּאַלן ווי דער׳הרג׳עטע...

„נאָ איספּיטאַניאַ“

ס'גייען טעג ווי געשמירט. קליינע, פינסטערע טעג, פאר'חושכ'טע, וועלכע לייגן זיך מיט א באזונדערן אומעט אויף די קליינע איינגעביקטע הייזלאך פון שטעטל; די זון איז כמעט אינגאנצן ווי אוועקגעקומען, זעלטן: זי באווייזט זיך אויף א רגע, נאר וואס פאר א טעם ס'קען שוין האבן, — משטיינס געזאגט, אזא ווייזן זיך... פון פרימארגן־אן רעגנט, נישט אזוי ווייט ס'רעגנט ווי ס'קאפעט, די הימלען האלטן אין איין טריפן, ס'איז פייכט, אין די געסלאך איז בלאטיק, שטעל א פוס, — געזעגן דיך מיטן לעבן! אלץ זינקט אזוי אין דער בלאטיקער פייכטקייט, ווערט פארפאלן צוזאמען מיט די טעג וואס ווערן קלענער, נעמען זיך איין, קורטשען זיך צונויף און ווערן איינגעשרומפן ווי די זשאבעס; פאר־דאס ווערן לענגער די נעכט, אויף די טעג'ס חשבון, פארשטייט זיך, — ציען זיי זיך אויס ווי די שלאנגען, ווערן גרויס און גרעסער, פעטער און אויסגעפאשעטער מיט די ליכטיקע שטיקער טאג, וואס זיי שלינגען איין, אזוי אז ס'קומט פארנאכט, איז נישט עס טונקלט—טונקל איז א גאנצן טאג, נאר ס'ווערט ראפטום, מיטאמאל נאכט, און ס'זעט אויס ווי שוין אויף אייביק, אז ס'זאל שוין קיינמאל מער נישט ליכטיק ווערן...

ס'האט זיך געצויגן דאס אפנעמען די רעקרוטן, און פון אנהייב, פון ערשטן טאג־אן, אזוי ווי די „פריסוטסטווע" האט זיך אוועקגעשטעלט, איז געבוירן געווארן מיט איר די ליניע מיט יונגען, וועלכע גייט פאר איר שוין פאר א שיינע צייט, אן מלבושים, מוטער־נאקעט, אזוי ווי די מאמע האט זיי געהאט, אין אפנעמונג־שטוב, און האט זיך נאך אלץ נישט אויסגענומען; טעג מיידן, און די ליניע ציט זיך, דוכט זיך: די

אייגענע נאַקעטע יונגען, וואָס אינם ערשטן טאָג, אָבער אין גרונט זיינע שוין יענע לאַנג נישטאָ; פונם ערשטן נומער האָט זיך שוין אַראָפּגעוויקלט אַ שפּאָר ביסל — נאָר אַזוי ווי זיי האָבן זיך אַ פּנים, נאָך אַלץ נישט אויסגענומען די נומערן, גייען די יונגען, ציט זיך די קייט; יעדן פרימאָרגן, גייט אַ זייגער, שטעלט זי זיך שוין, ביי דעם נומער וואָס זי האָט זיך מיט אַ טאָג פריער אָפּגעבראָכן, און באַוועגט זיך ווייטער, ווי אַנגעשרויפּט, ווי אַ לעבעדיקער פּאַס אויף אַ ראָד; נאָכגיכער ס'פאַלן פון איר אַראָפּ שטיקער, איינצלנע רינגען, — יונגען, אַזוי רינגלען זיך שוין פון הינטן אַנדערע איין, און די ליניע בלייבט אַלץ, נאָר אַלע טאָג: פון אַנדערע, פון אַנדערע...

דער קליינער ברוכ'ל, דער לאַנגער שמואל, די קיילער, און טאַקי די אייגענע דאָרפישע שקצים — אַלע אינאיינעם אויסגעמישט און באַזונדער, וועלכע האָבן זיך פאַר אַ רגע אין דרויסן צעשלאָגן די נעז, געביסן שטיקער, געשיילט פּנים'ער, אָפּגעריסן אויערן, — האָבן פון זיך דאָ געלאָזט אַזוי געהאַרכזאַם און אונטערטעניק אויספלעכטן די זאַנדערבאַרע קייט, און פאַרביי־געגאַנגען אין דעם סדר, פאַר דער „פריסוסטווע“, — לויט ווי איינער האָט געצויגן אַ נומער, און זיין מזל איז געווען: העכער צו נידריקער...

בערילע שניגעץ, גראָד ווייל ער האָט נישט געוואָלט און עס גאָרנישט באַדאַרפט צו האָבן, האָט אויך, ווי פאַרשטייט איר, אַרויסגעשלעפּט אַ הויכן נומער. אַז ר'האָט זיך געמעגט אַהיימגיין ליגן שלאָפן אויף עטלאַכע וואָכן, און זיך געמאַכט מיט אים פשוט אַ „וויבאָר“; און ווען ס'זאָל צווישן די אידישע רעקרוטן נישט זיין אַזוי פיל קאַליקעס, וואָלט נאָך געקענט אַן אומגליק געשען, — מ'זאָל אים, ווי ביי די גוים, גאָר נישט מער באַדאַרפן רופן, און בלייבן אינדערהיים אויף אַ „טשיסטאַ סטאַווקי...“ אַזוי. איז דער הויכער נומער נישט מער געווען ווי אַן אויסרייד, נאָך אַביסל אים אַרויסצוציען די נשמה, — אָבער אַזוי ווי ער האָט

געהאַט געגנוג צייט און סבלנות אָפּצעוואַרטן גאַנצע איין־און־צוואַנציק יאָר, איז אים, באין ברירה געבליבן, נישט מער ווי איבערצעוואַרטן די צוגעקומענע טעג אויך...

ס'האָט זיך געצויגן די קייט, די זאַנדערבאַרע קייט, וואָס האָט זיך פאָרמירט פון די יונגען, שקצים, אויסגעמישט דאָ מיט אַ שטיקל רוס, פאַרבלאָנדזשעטן דייטש, — פאַרוואַגלטן ציגיינער, — זיך געוויקלט אַזוי מעסיק מיט איין און דעם זעלביקן טעמפּ, אָן שום ברעג, און אַ באַזונדערע אויסגערעכנטקייט, מ'זאָל זיך חלילה נישט איבעראַרבייטן. נאָר אָפּנעמען יעדן טאָג ווי אָפּגעציילט: אַזוי פיל און אַזוי פיל נומערן, ס'הייסט, יונגען: אַמאָל זיך אַ וואַקלגעטאָן, געשטיגן אויף מער און אַמאָל אַראָפּגעפאַלן,—ווייניקער, דאָס ווידער האָט זיך שוין געווענדט אָן די רעקרוטען, אויב זיי זיינען געגאַנגען כשורה, גלייכע, אויסגעוואַקסענע, געזונטע, און מ'האָט מיט זיי נישט געהאַט קיין טועכץ; און אויב ס'האָט געכאַפּט קאַליקעס, און אַרום יעדן באַזונדער באַדאַרפט אַרומאַרבעטן, — האָט מען שוין גאָר נישט געקענט אַרויסקריכן... אַ טאָג מער—ווייניקער, די יונגען האָבן זיך גערוקט, און בערילע שייגעץ האָט אַלץ מער און מער געשפּירט ווי ס'ציט אים, די קייט ציט אים מיט צוואַנגען צו זיך, און געוואוסט: אַז ס'וועט קומען אויף דער טאָג, די מינוט און די רגע, — ווען ער וועט זיך דאַרפן איינפלעכטן אין איר, ווען־אפילו ס'זאָל אים נישט אַלעמאָל קומען אָנזאָגן ווער־וועלכער פון זיינע לייט: „ווי ס'האַלט...“ האָט ער אויך געשפּירט די צייט, און ווי אַ גוטער רעכנמייסטער געוואוסט אויפן קאָפּ, — ווען ס'וועט אויספאַלן זיין טאָג, ער זאָל ברויכן שטיין גלייך מיט אַלע אין דער ליניע, זיין איר רינגעלע, — ווי איטלאַכער יונג, פון צופריער פאַר אים און נאָך אים; קוקן אין דער „אָפּנעמונג“־שטוב, שוויגנדיק, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, און נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט; פאַר אים — אַ שייגעץ, וועלכן ער איז אפשר אַריינגעפאָרן מיט די ידים צווישן די אויגן, און הינטער אים

אַ קיילער־שייגעץ, מיט וועלכן מ׳האָט זיך געהאַלזט און געי
קושט ביי לייזערן אין שיינקל; אַביסעלע ווייטער: אַ יונגער־
מאַנטשיקל, בלויז אַטלאַס און זייד, ס׳מאַכט נישט קיין
שום אונטערשיד דאָ, קיין צווישנשייד, — פאַרן גרינעם טיש
מוזן אַלע קומען גלייך, און צו דער מינוט, צו דער רגע, איבער־
הויפּט אַ איד, ביי וועלכן מ׳שטעלט זיך טאַקי אויך לענגער אָפּ,
און מ׳מאַכט שוין מיט אים אַ גאַנץ געבריי; מ׳פאַרהאַלט די
גאַנצע „פּריסוטסטווע", מ׳שטעלט אָפּ די קייט, מ׳רופט איינ־
מאָל, אַ צווייט מאָל, מ׳שיקט אַרונטער אַ באַגלייטן גוי אויפן
הויף רופן, און נאָכער צום דריטן מאָל:

— הירש, שמואל וואַסערהאַז, נישטאָ, — דריי הונדערט
קאַרבן...

אַזוי וויקלט זיך די קייט; פון פאָרענט קומט איינער אָפּ,
און פון הינטן קומט נאָכגיכער אַן אַנדערער צו — און מיט דער
מינוט ווערט די ליניע פאַרפילט; איין רינגעלע רינגלט זיך
אַרויס און ס׳אַנדערע רינגלט זיך אַריין — די קייט ווערט נישט
געמינערט; און אינוויינינק, אין די שטוב, וועלכע האָט אַזאַ כח,
רייסט פון איר שטיקער און קען איר אַלץ נישט צוברעקלען,
דער קייט, — זיצן שרייבער, זיצן גרויסע קעפּ און דאָקטוירים
וואָס זיינען זיך עוסק מיט יעדן איינעם באַזונדער, באַטאַפּן
איטלאַכן יונג, פון קאָפּ ביז צו די פיס, קוקן אים ממש אדורך,
מיט אַ שפּאַקטיוו; און וועלכן, ס׳פאַלט זיי איין, מ׳הייסט אים
גיין הינ־און־צוריק, וועלכן ווידער מ׳לייגט אַוועק אויף אַ באַנק,
און וועלכן מ׳קוקט אין מויל אַריין, מ׳ציילט ווי ביי אַ פערד
די ציין; און דאָ געשיט: אַז איינעם וואָס מ׳נעמט צו גלאַטיק,
און איבערן אַנדערן מיטן זעלביקן פעלער שפּאַרט מען זיך און
מ׳שטעלט זיך אויפן קאָפּ; איין דאָקטאָר זאָגט: טאָג, און דער אַנ־
דערער — נאַכט; אַזוי לאַנג ביז ס׳קומט דער עלטסטער און מאַכט
אַ פּשרה, גלייכט צווישן זי אויס; און כאָטש ער ווייסט אין דאָק־
טאָריי אַ גוטע קריינק, זאָגט ער זעלטן: ניין... נאָר נעמט צו; און אַז

מ׳פרעגט אים : „וואָס נעמסטו צו אַ קאַליקע, אַ צרה, וואָס ס׳פעלט אים אַכטצן ציין אין מויל ?... אָדער האָט אַ קיליע. אַ פּייפּער אין אַן אויער !“... זאָגט ער : „זאָלן זיי אים פון דאָרטן צוריק שיקן, פון פּאָלק, וואו מ׳וועט זען ,ער טויג נישט“... פון באָגריע אין וולאַדיוואָסטאָק און צוריק. — פּאָלג מיך אַ גאַנג !... צופריער נאָך, פאַר אַלעם, יאָ, מוזט איר ווייסן, שטעלט מען דעם בחור אוועק אונטער אַ ברעטל, מ׳מעסט אים אָפּ אין דער הייך, אין דער לענג און אין דער ברייט. און מ׳גיט דאָס איבער צום טיש, וואו דער שרייבער זיצט און פאַרשרייבט : און נאָך דעם אַלעם, הייסט מען אים גיין. נאָר וואָס פאַר אַ מין גיין?... אָדער מיט אַ גדולה אין בויך, מיט אַ פרייד, — ר׳איז פריי, זייערע פּטור אויף אייביק, לעולם־ועד, אַנישט, — אין אַ באַזונדער חדר׳ל וואו מ׳זיצט ביז פאַרנאַכט, ווען די „פּריסוטסטוויע“ שטעלט אָפּ איר אַרבעט. און מ׳נעמט די אַלע צוגענומענע, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פאַרן גאַנצן טאָג, מ׳גייט מיט זיי אין שול אַריין, און מיט גויים, להבדיל, — אין טמאה, באַליינן די ערשטע שבועה, און מ׳איז אַ זעלנער... נישט בלויז דריי יאָר, נאָר אפילו מיטן ווייב און די קינדער — אַ זעלנער, ס׳גאַנצע לעבן — אַ זעלנער...

לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט, וואָס אויף צומאָרגנס האָט זיך בערילע שייגעץ באַראָדפּט שטעלן ; לאַנג האָט זיך געצויגן די נאַכט. באַגלייט פון אַן אָסיענדיק רעגנדל, וואָס האָט גע־טריפּט פון די הימלען ; ביז אַהער איז ער אַרומגעקראָכן, בערילע, שטוב־איין שטוב־אויס, צווישן די טאַטעס פון די אייגענע ווייבע מענטשלאַך, און ביי זיי געבעטעלט, ווי אַ גרויסער הונט וואָס האָט נישט קיין שכל צו בייסן מיט די ציין, נאָר לעבט פון חניפה, — געלעקט מיט דער צונג די הענט פון איטלאַכן נגיד באַזונדער, ביי וועלכן ער האָט נאָר געשפּירט

דאָס אַנשטאָט אַ שטיין, — וועט מען אים צואוואַרפֿן אַ שטיק ברויט...

אומעטום בעט ער, אומעטום מיט דעם איינגעַ'חזר'טען פּורים־שפּיל:

— מאָרגן איז זיין יום־הדין, און דעם פּסק ווייסט ער פֿון פֿריער; וואָרים, ס'איז דאָך אַ פּראָסטע זאַך: ווי מ'לייגט אַריין — אַזוי נעמט מען אויס; ווי אַזוי מ'בעט זיך — ליגט מען; און אויב ער האָט אַריינגעלייגט מכות, — וועט ער אויס־נעמען בכורות, וואָס איז דאָ נישטאָ צו פֿאַרשטיין?... אַז מ'שמירט — פֿאָרט מען... און איבער דעם, וויל ער, — מ'זאָל חלילה, אין אים נישט פֿאַרגעסען, אים געבן, — וויפֿל מ'קען; ווייל ער קען נעמען נאָכמער ווי מ'גיט, און באַדאַרף אַזוי פֿיל צו האָבן, וואָס ס'האָט גאָר קיין שיעור נישט...

און די טאַטעס פֿון די ווייבע מענטשלאַך, האָבן אים גע־געבן; וואָס איינער האָט געקענט, און אויב אַפּילו נישט גע־קענט — האָט ער אויך געגעבן; וואָרים מיט אַ רעקרוט, איז אַ כּלל, טאָר מען נישט אָנהייבן, און בפֿרט — אַזאַ וואָוילניונג; ווייל אַ חוץ דעם, וואָס אַזעלכער קען צולייגן, אַז ס'זאָל באַלד זיין שווער אָוועקצוטראָגן, גיט מען נאָך איבער צוויי טעמים: ראשית, איז געוועגדט, אויב דער רעקרוט איז נאָך נישט גע־שטאָנען, מילא, איז דאָך נישט פֿאָראַן צו זאָגן; אַזעלכער גיט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נישט קיין חלוק וועמען: דעם דאָקטאָר, דעם שרייבער, דעם מעקלער, דעם טרעגער, יעדן איינעם, ווער ס'האָט נאָר אַ האַנט מיט אַ פּוס; און ס'איז אים אויך נישט צו פֿאַרדענקען, — ער וויל דאָך פֿריי ווערן; און והשנית, אַז ער איז שוין מיט מזל אַ באַפֿרייטער — מוז מען דאָך אויך געבן; וואָרים, ראשית, ווערט ער דאָך נאָר באַפֿרייט דאָרויף, דאָס אַזאַ בערילע זאָל גייז דינען פֿאַר אים, זיין זיין אָפּלייזער, זיין כּפּרה, און צווייטנס, — וועלכער רעקרוט, ווייסט איר דאָך, ווערט דאָס גלאַט אַזוי פֿריי, אויף גלאַט־

כשר, אָן שום גאָרנישט ?... (אַ ריכטיקער קאַליקע — נאָך ער־נער!) און האָט נישט מורא, אַז מ׳זאָל גיין ערגיץ אַ ברוס־טאָן וואו מ׳ברויכט נישט, און מ׳זאָל אים נעמען שלעפּן גאָר פון אָנהייב, נאָכאַמאָל די גאַנצע חתונה פון אויפסניי, אין דער גובערניע ווידער, דער גוטער יאָר ווייסט וואו...

נאָך האַלבע נאַכט, ווען די לאָדנס און די טירן ביי יענע אַלע גוטע מענטשלאַך, זיינען שוין געווען צוגעמאַכט פון אַ גוטע מינוט. איז בערילע מיט איינמאָל אַזוי ווי געבליבן שטיין אין מיטן שטעטל, איינער אַליין אויף אַ גאַנצע גאַס ,און אפשר אויך אויפן שטעטל, איינגעטונקט ביז איבערן קאָפּ אין דער בלאָטע,ביים פּייכטן דינעם רעגנדל. וואָס איז אים אַריינגעקראָכן ביז אין דער זיבעטער ריפּ; געשטאַנען מיט אַ ליידיקע קעשענע, מיט אַן אויס־געניכטערטן מאָגן, און מיט, נאָכמער — אַ טרוקענעם האַלז, און נישט ער האָט געהאַט וואו צו גיין, מיט וואָס צו גיין. און מיט וועמען צו גיין ; אָן חברה, — איז ער ביין געווען אויף זיך אַליין, דאָ געגעבן אין טאַטן אַריין די יונגען : וואָס האָבן אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש און געלאָזט אָן וועמען, און דאָ אַ שפּייגעטאָן אויפן גוטסקייט פון די אַלע ווייכע מענטשלאַך מיט זייערע גוטע ריידעלאַך :

— טפו זאָלן זיי ווערן מיט זייער געבן ; וואָס אים איז דאָ צוגעקומען דערפון אויפן לייב, — זאָל זיי דאָס צוקומען אויף דער נשמה...

און ער גיט אַ צעלאָז זיינע צוויי לאַנגע דאַרע פיס, נעמט ליינגן לעפל איבער די שמאָלע פאַרבלאָטיקטע געסלאַך, מאַכט שפּרייז, — שפּרייזט אַריבער אַ הייזל, אַ געסל, און איז איבער אַ רגע ביי לייזערן אין שיינקל :

— נישט דאָ געווען דער לאַנגער ?...

— נישט דאָ געווען דער קליינער ?...

— דער ברייטער ?...

— דער שמאָלער ?...

— דער קורצער ?...
— דער גראַבער ?....
ביי לייזערן איז שטיל ווי אין אַן אויער ; ער אַליין זיצט נאָך און קיפּיעט, הינטערן קאַסע־טיש ; דער לאָמפּ איז גוט אָרונטערגעדרייט, קוים־קוים ס'כאַפּט אַ בלישצל, אַז אין די ווינקלען פון דער אייגענער שטוב איז פינסטער, און אין דער אַנדערער איז וימש־חושך, — קען מען אָנטאַפּן די פינ־סטערניש ; אויפן טיש שטייען להכי געבראַטענע אַדערקעלאַר. וואָס בעטן זיך : מ'זאָל איבער זיי אַ ברכה מאַכן... און ס'האַרץ איז אים גוט אַוועק, בערילען, דאָך נעמט אים נישט קיין חשק צו עסן, — אַליין, — און ער גייט צוריק אַרויס. פאַרלייגט אין דרויסן די הענט, טראַכטנדיק: וואו זיי האָבן גע־קענט אַהינקומען, די חברה־לייט?... און לאָזט זיך ווי פריער, רגל'ען איבערן שטעטל, גיין, נישט קיין חלוק : וואו, און בלייבט באַלד שטיין נעבן בית־המדרש :
— אויב זיי זאָלן דאָ נישט זיין אויך, אויף תהלים, — ווייסט ער שוין נישט וואו זיי צו זוכן מער...
דאָ שלאָגט ער זיך אָן מיט דער נאָז האַרט אין דער עגלה, וועלכע דער בעל־עגלה האָט קענטיק אַוועקגעוואָרפן נאָך אַ פּאָר־שפּעטיקטע לויה, ווען ער האָט זיך געאיילט און צוגעכאַפּט די פערדלאַך זיינע, וואָס ער האָט אויסגעבאָרגט, אָדער באַדונגען מיט זיי אַרויסצופירן דעם בר־מנן, און זיך שוין געפּוילט אַוועקצו־שטעלן די עגלה אויפן ריכטיקן אָרט. — שטייט זי אַזוי ווי הפקר אין מיטן הויף, אַ ליידיקע, וואָס האָט פון זיך אויס־געשפּיגן דעם מת; און ער נעמט שעלטן, בערילע, אויף וואָס די וועלט שטייט:
— זיי זאָלן דאַרט צעברעכן הענט און־פיס, וואו זיי זיי־נען, די יונגען, אויב זיי האָבן אים צורעכט געמאַכט אַזאַ נאַכט, און נאָך וואָס פאַר אַ נאַכט, זיין נאַכט, — ווען ער ברויך זיך מאַרגן אין דער פרי שוין שטעלן... זיך אַרומדרייען איינער

אַליין הינטער די ווענט מיט אַ טרוקענעם האַלז, און אַפּילו דעם גאָרגל נישט באַנעצן, הייסט, ריכטיק: אַ גאַנץ יאָר שכור און פּורים — ניכטער...

בייזערהייט גייט ער פון דאָרטן אַוועק, און וואו אַ לאָדן, דערלאַנגט ער, מעשה עשו — אַ בריקע מיט דער פויסט, די שייבן זאָלן קלינגען; און אַז ראָס קלינגען פון די שייבן מאַכט אים באַזונדער פריילאַך, — נעמט ער זיך רייסן טירן, לאָדנס, פּרעגלען, שילדן, רייסן גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, פאַר היימלאָזקייט, כדי צו פאַרטרייבן די בימערע לאַנגווייליקייט; און ווער ווייסט, ווי ס׳שטעטל, וואָס האָט זיך איבערגעוועקט אין איין טויט־שרעק דורך אים, — וואָלט דאָ געווען אָפּגעשניטן, און אַרויס פון זיינע הענט, אויב ער וואָלט זיך צעהוליעט, ווען ס׳גיט אים נישט דאָ עמיץ אַ בריקע מיט דער האַנט איבער די פּלייצע, אַ האַנט — אַ לאַפּע, אַ גאַנץ ברעט און אַ געלעבטער הילכט־אָפּ געבן אים אַרום, אין דער פינסטערניש:

— אַ כאַליערע, מ׳האָט דאָך געמיינט: די הינט האָבן זיך ערגעץ פאַרשלעפּט, בעריל...

קוקט ער זיך אום און זעט: דעם לאַנגן שמואל.

זאָגט ער:

— מ׳ווייסט שוין די חכמות, שמואל׳כל...

אַרום אים שטייט, ריכטיקער: האַלט זיך ערשט אין אָפּשטעלן די גאַנצע חברה יונגען, וועלכע שלעפּן זיך דאָ אין דער בלאָטע, באָדן זיך אין איר, לאָזן אַראָפּ פּיס און ציען אַרויס; און יענע וואָס אין די לאַנגע קאַפּאָטעס האַלטן פאַרשאַרצט די פּאָלעס אין די הענט, אָדער פּלעסקען זיך מיט זיי איבער די וואַסערן: פּלאַפּ־כלאַפּ... פּלאַפּ־כלאַפּ...

און ס׳זעט דאָ עפּיס אויס, ווי דער עולם וואָלט זיך ערשט צוריקגעקערט פון הינטערשטאַטישן בית־עולם, וואו זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי דער לויה פון אַ היימישן מענטש, פון וועלכע ער אַליין, בעריל, האָט זיך פאַרלוירן, ווייל ער האָט

באדארפט אפשטעלן די עגלה אויפן בית־המדרש־הויף, פון דארטן, וואו ער האט איר גענומען, און מ'פרייט זיך דאס אזוי, ווען מ'האט אים צוריק באגעגנט...

בערילע האלט'ס נישט אוים :

— ואו [illegible]יגט איר ער[illegible]יץ [illegible]ז דר'ערד ?... א[illegible]א נאכט ווילט איר מיר צורעכט מאכן, פארן לייגענפירן ?... שיינע כלי־זמרים האב איך מיר דאס איינגעהאנדלט, נישטא וואס צו ריידן...

דער לאנגער לאזט אים נישט אויסריידן :

— דו שוויינ, בערילע ; דו רייד נישט ; מיר האבן דיך שוין ארומגעשיקט זוכן, וואו די וועלט האט אן עק...

און עטליכע יונגען אויף אמאל רעכענען אוים :

— ביים בלינדן מאיר...

— ביי די געלע צירל...

— שווארצע מירל...

— ביי הינדע, די טויבע...

— זעלדע דרויבע...

און שמואל צוריק איבער אלע :

— אודאי, א יונג הייבט זיך אויף, און גייט אוועק בעטלען איבער די הייזער, שיין נחת דערלעבט, נישטא וואס צו ריידן...

בערלען האט דאס גוט געקריינקט, און ווי ס'האט זיך אים נישט געגלוסט צו מאכן קיין חתונה, — האט ער זיי דאס אבער נישט געקענט פארשווייגן אויך.

— ווי ?... ס'זאל וואר זיין, דאס איר האט מיך גע־זוכט אין די אלע לעכער, — װאלט מיר נישט אויסגעקומען וועמען פון אייך צו כאפן ?... וועמען וועט איר איינריידן ?... דערציילן א מעשה ?... כ'בין דאך דארטן, ווי איר זאגט, — אליין געװען...

לאכט מען צווישן דער חברה, מ'כי־כיקעט זיך :

— זאָגט'ס אים שוין, וואו מ'איז געווען ; זאָגט'ס, און נעמט אים ניט די נשמה אַרויס ; זאָגט'ס אים...
— ביי די בלינדע צעלקע אויפן דאָרף...
— אַ שמעק־טאַז צי אַ מויד...
און מערערע שטימען :
— זאָגט'ס אים...
— זאָגט'ס אים...
— אַ, זיך אויסגעזוכט אַ מקום, אַ בראָך צו אייערע יאָרן...
— אַ פרישע אָנגעקומען ביי איר, — לאַכט מען.
— נו, און ביי אַזאַ לעז פאַרזעט מען אַ גוטן ברודער ? ...
חברה ריירט, אַרויס און אַריין אין דער בלאָטע. — מען מוז דאָך היינטיקע נאַכט בערלען צוליב, זיין אַ האַלבע שעה באַנאַנד — ביז מ'קומט־אָן צו לייזערן, וואָס האַלט דאָס שיינקל...

ס'איז שטיל ביי לייזערן. די שיינק איז צוגעמאַכט. די טיר־לאַך צוגעלענט אויף דער קייטל. און נישט בלויז אינווייניק נאָר אַרום, און אומעטום איז פינסטער, — כאָטש טאַפּ אַ וואַנט ! עמיץ קלאַפּט־אָן, און מ'ענטפערט נישט ; פון אויבן, וואו ס'ברויך עפּיס זיין אַ שטיקל הימל, קאַפּעט, האַט נאָר, ריכ־טיקער: נישט אויפגעהערט צו טריפן, און פאַרמאַוסן די וועלט ; ס'גייט פון דאָרטן, אַזוי ווי ס'האָט אָנגעהויבן גיין, — אַז שום איינזען און אַן אַ מאָס ; און דאָ שטייט מען איינגעטונקען אין דער נעציגקייט, וואָס צעברעכט יעדעס אבר און נעמט אַדורך ביז אין דער זיבעטער ריפּ ; די פיס שטייען מכלמורשט, אָבער גאָר נישט זיכער, און ס'דוכט זיך נאָר, ווי זיי זינקען, קריכן אַריין אין דער בלאָטע, אין דער צעקראַכענער ערד, און אַ מחשבה'־לע פאַרקריכט זיך צו ווענען : ווער ווייסט, אויב מ'וועט נישט אַזוי שטייענדיק, פאַרגיין אין איר ; צווערשט : ביז אי־בער די קני, נאָכדעם ביזן גאַרטל, און ביז שפּעט פאַרטאָגס — איבער די אויערן ; און אַז ס'וועט מיט אַלעם ווערן טאָג, —

מיט אלעם האבן פארגאנגען אין דער בלאָטע; מ׳וועט נע־
מען ארומזוכן דעם קייסער׳ס מענטשן, — וועט זיך טאָן חושך:
נישט קיין מלחמה, נישט געשאסן, נישט אוועק קיין אמעריקע.
און אזוי פיל זעלנער אויף איינמאל אוועקגעקומען... ווי אזוי?..
א שיטערע בלאָטע האָט אויפגעמאכט א מויל פון א קראָקאָדיל,
און זיי איינגעשלונגען.

א מאוסע געשיכטע: וואס ס׳קען זיך פארלויפן אין א
קליין אידיש שטעטל?...

עמיץ נעמט פויקן צו אים אין די טירלאָך. נאר פויס
היינט, פויק מארגן, — זיי עפענען זיך נישט; מיט יענעם׳ן
נעמט זיך נאָך א צווייטער צימבלען, העכער שויז, און א דריי־
טער: נאר הויך צו באַראַבאַנעווען, און נישט מ׳הערט און
נישט מ׳זעט וועמען; פארקערט: אויב ס׳האָט נאָך ערגיץ־וואו
אין דער שפעטער שעה געקאפעט א דרייער לעמפל ביי א
קראַנק קינד, מסתמא, — האָט מען עס דאָרט אויך, צוליב
מורא, ס׳זאָל נישט ברענגען צו שלעפן די יונגען אהער. —
איינגעדרייט ביז גאָר; און ס׳איז פינסטער ארום, חושך, דאָס
געסל ליגט אין הינער־פלעט: ס׳הערט זיך נאר דאס קלאפן
פון רעגן אויף שינדל־דעכער, און אזא דראַבנע סמאָקן מיט די
ליפן פון שלימאַקעס, וואס רירן זיך אין אזעלכע נעכט פון
זייערע הארטע און טרוקענע באַהאַלטעגישן...

— נישט אנדערש, ווי ער איז דאָרט איינגעשלאפן אין אז
אייביקן שלאף, לייזער, — זאָגט איינער — נאָך אזא קלאפן
מ׳זאָל שוין נישט הערן?...

— פאר א ווילדע דאָ געווען, — שפרינגט ארויס בערילע —
איז ער געזעסן אין שיינקל, זאָל ער שוין האָבן אזוי גיך אוועק־
גע׳פגר׳ט?...

— אזוי?... — שרייט עמיץ — זאָל ער זיין אזא הינטס
נאמנה, און נישט וועלן אריינלאזן?... זאָל מען אויפברעכן די

טירלאך !... וואס ברויך מען דא ווארטן אויף כבוד, און זיך מאַכן מיט אים אַ געבראַטנס ?...

— אודאי, אויסברעכן !... — שרייט שוין נאך עמיץ — אַז ער האָט ס׳קדחת ארויסצוקריכן פון אַ ווארים בעט, זאָלן מיר דעריבער דאַ שטיין און אַדורכגענומען ווערן ביזן ביין ?...

— אַ מכּה אויף אים ! — רודערט ערגיץ נאך ווער — ער וועט נישט באַציִיטנס זיין זיך צו לייגן שלאָפן, וועט ער ווען שוין האָבן די חברה אין דר׳ערד, באשטאט אין די פּולקן ?...

— ס׳וועט דאַ באַלד אַ רוח אין זייער גע׳פּגר׳טן פּגר אריין!

— שרייט בערילע, וועלכן ס׳רירט אפשר מער אַז פאַר אַלע. — אַז דאָס האָט גאָר קיין אידיש אדער נישט, ס׳זאָל באַרעכע־נען : מ׳שטייט דאַ... און אַזוי קענען ליגן מיט אַ קאַלטע לונג־און־לעבער אין בעט, אײַנגעדעקט מיט קישנס ווי אַ קראַנ־קער, — קריינקען זאָל ער ! אייגענע מענטשן, ס׳אַ העזה... אַ חוצפּה אביסל...

און די יונגען פאַרמעסטן זיך אויף די טירלאַך, פאַרלייגן הענט, שפּאַרן אונטער אַקסלען, פּלייצעס, ברייטביינערדיקע, גע־זונטע, און וועלכע ווארטן נאָר בלויז אַצינד, ביז בערילע, דער רבּי, גיט זיך אַ פּיעשטשע ווי אַ קליין קינד :

— טירעלע, טירעלע, מאַך דיך אוי־פּ־פּ־פּ־ף...

און די טירלאַך גייען זיך פאַנאַנדער, — פּאַפּירענע טיר־לאַך, גאָר נישט ווי זיי וואָלטן געווען פאַרקייטלט און פאַריגלט מיט אייזנס, נאָר צוגעבונדן מיט שטיקלאַך שטריקלאַך ; זיי שטייען אויפגעפּראַלט, גראָד ווי די שווארצע טירלאַך פון דער עגלה, פון וועלכע מ׳האָט נאָר־וואָס ארויסגערוקט די מיטה מיטן מת, און ס׳קוקט פון דאָרטן ארויס אַ פינסטער לאָך, אַ קבר... און פון גרויס צוטומלונג, קען זיין, וואָס זיי האָבן אפגעטאָן, די יונגען, אומבאַרעכנט, אומבאַלייגט, צי פאַר דער שווארצן גרוב אינווייניק, — שטייען זיי, אַזוי צוריקגעהאַלטן, אין איין אימה, אַנגעלאָדן מיט כח, דוכט זיך, און אַזוי דערשלאָגן...

און אין דער רגע אבער, אזוי ווי די טירלאד האבן זיך צע־נומען, האט שוין ביי לייזערן דארט, וואו ער איז געשלאפן, זיך באוויזן עפּיס א שיינדל, א ליכטיקייט, אזוי ווי מ׳וואלט מיט דער מינוט, דערפילנדיק דארט די שיינק איז דא הפקר — א שוועבעלע אנגעריבן; און גלייך דארויף באווייזט זיך ער, לייזער אליין, נישט אזוי מיט א צעקנייטשטע פּנים ווי א צעקנייטשטע בערדעלע — וועלכער איז נאך, א פּנים, פון פריער אויפגעוועז, און אלץ נישט קיין חשק געהאט ארויסצוגיין, מיינענדיק: ס׳וועט אים אזוי אפּגיין, די חברה וועט זען, מ׳ענטפערט נישט, וועלן זיי זיך מסתמא אפּטראגן; אצינד האט די ליכטיגקייט די חברה ווי מיט דער האנט אריינגענומען אין שיינקל, און זיי האבן זיך גלייך צעלייגט איבער די בענק:

— שיין... שיין... נישטא וואס צו זאגן... זייערס א מענטש, אן אייגענער, וואס זיי האבן אויפגעהויבן פון דר׳ערד, אזוי ווי מ׳הייבט אויף א שפּענדל, אים געמאכט פאר א לייט. — זאל לאזן שטיין א שעה צייט הינטער דער טיר, און קלאפּן... אויף דעם וואלטן זיי זיך, אסור, נישט געריכט...

שאקלט לייזער בהמה׳וואטע מיטן קאפּ, זיך מאכנדיק בלא־יודע:

— שיין... שיין... נישטא וואס צו זאגן; זיינע מענטשן, אז זיי זאלן קומען צו אים אויפברעכן די טירלאד נאך דער האל־בע נאכט ווי גנבים, — וואלט ער זיך אסוד קיינמאל נישט געריכט...

שטייט לייזער מכלמורשט אנגעכמורעט; חברה האלט אראפּגעלאזט די נעז;ביידע זיינען אנגעברוגזט, — כאטש גיי און ברענג כלי־זמרים, מ׳זאל זיי אויפשפּילן א ברוגזן קאנטער; ברוגז׳ערהייט זיצט מען ארום די טישן, און ברוגזערהייט דער־לאנגט לייזער די געגזלאך, דאס ביר; ברוגז׳ערהייט פּרעסט דאס חברה אויף, און רוימט ברוגז׳ערהייט אראפּ דעם בופעט;

און צווישנדערלאַנגען און אויפעסן, וואַרפט מען זיך אַדורך ווי אַ פּאָר פאַלק אין ברוגז׳ן :

— פּע, לייזער... די גאַנצע צייט געווען געטריי, ווען ס׳האָט נישט געזאָלט זיין : פאַר חצות, נאָך חצות, נישט קיין חלוק געווען : בייטאָג צי ביינאַכט, און ביים ערשטן קלאַפּ איז שוין אָפן געווען ס׳שיינקל... אַצינד אויף זיך גענומען אַ שטיקל הויט, וויל מען שוין מער פון קיינעם נישט וויסן, און נישט קענען...

און לייזער בלייבט, חלילה, אויך נישט שולדיק :

— פּע, חברה... די גאַנצע צייט זיך אַזוי לייטיש געהאַלטן, שיין אויפגעפירט, סטאַטעטשנע, און אין מיטנדרינען : אַ זאַ־וואַך ?... אויפגעבראָכן די טירן ?...

שפּרינגט בערילע אויף :

— וואָס, דו ביזט שוין קראַנק און געשוואָלן געווען צו וואַרטן, ביז מ׳וועט האָבן די חברה צעשיקט, און דערנאָך זיך לייגן שלאָפן ?... און שלאָפן באַדיי אַ גאַנץ יאָר, שוין מער נישט אויפשטיין, — מיינסטו : ס׳וואָלט עמיצן געאַרט ?...

— אַ איד, אַ חכם, — טוט עמיץ אויף — פריער, ר׳האָט גע־שאַרט ס׳גאָלד מיט ביידע הענט, אונז געמאָלקן ווי די כשר׳ע בהמה׳לאַך, איז געווען ריכטיק : בייטאָג, ביינאַכט, ווען ס׳זאָל נישט זיין... איצט, די גביר׳ישע יאַטלעך זיינען געוואָרן אויס־געכאַפּט, — ברויכט ער אונז צו האָבן אויף טויזנט שאָק כפּרות !..

— אַזוי ? — שטעלט חברה אויף מויל און אויערן, — וועט מען אים טאַקי געבן אַ מכה, נישט קיין געלד...

— הייסט, איר וועט נישט געבן ? — שטעלט זיך לייזער שטייף אַרויס, אַזוי ווי מ׳וואָלט אים אַנגעטראָטן אויפן סאַמע ריכטיקן אָרט, צוליב וואָס ער האָט זיך אַזוי געקווייַנקלט, און זיי לכתחילה נישט געוואָלט האָבן ביי זיך אַזוי שפּעט ביי־נאַכט, — זיך אָנגעפרעסן, אָנגעטרונקען און אָנגעקריגט מיט

מיר, יעקב משלם, איז דער טייטש: נעם אַרויס דעם בייטל און צייל...

נאָר דאָ ליגט חברה אַראָפּ די קעפּ, און מאַכט זיך גע־פּגר'ט; און נישט מ'קלערט גאָר נישט פון באַצאָלן, נאָר ס'רירט זיך באַלד קיינער נישט פון אָרט, און האָט נאָר נישט אין זינען אַוועקצוגיין; דער אייגענער אומאַרינטלאַכער מענטש וואָס מ'איז שוין ביים אויפברעכן די טירן, וועט מען אין איין וועג זיין, אַז מ'וועט נישט באַצאָלן פאַרן עסן אויך; און ליי־זער, כאָטש ר'האָט זיך ווען אמאָל געריכט דאַרויף, אַז דאָס וועט אים טרעפן, ווי ער זאָל זיך אַלץ נישט וועלן אויסהימן, — שטייט ער פונדעסטוועגן דערטיימנט, איינגעטונקען אין בלום, און קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן:

— גוואַלד געשריגן און גערופן, וואָס האָבן זיי זיך היינט דאָ אָנגעלייגט אויף זיינע יאָרן?... אים אָפּגעגעסן ביזן ביין, און לאַ־די וואָס מ'זעט נישט קיין גראָשן פאַר די אויגן, — האָבן זיי זיך נאָך צעלייגט ווי די בראַביעס איבער טישן און בייזק, און דער גוטער יאָר ווייסט: אויב זיי שלאָפן, אָדער מאַכן זיך אַזוי ווי זיי וואָלטן געשלאָפן; און אַצינד קומט אים נישט אַנדערש אויס נאָר ווי צו שטיין ביי זיי כאָטש די גאַנצע נאַכט און זיי היטן, זיין זייער שומר; ס'זאָל נישט דאָ, חלילה, עפּיס אַ גנבה'לע געשען ביי אים, מ'זאָל אַוועק'גנב'ענען, נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ יונג אַ רעקרוט, וואָס פּאַניע האָט אויף אים געלייגט אַן אויג, און וויל אים דורכאויס האָבן פאַר אַ זעלנער... נו, דענסטמאָל איז ער שוין באַקליט, נישטאָ וואָס צו ריידן, — פון וואַנעט וועט ער נעמען אָפּצוגעבן דעם קייסער אַ יונג פאַר אַ זעלנער, אַז סך הכל האָט ער גאַ־לע מיידן?...

און ער בעט זיך ביי זיי:

— גייטס אַהיים, גייטס אין גאַט'ס ד'רערד אַריין; איר האָט זיך אָנגעפרעסן, אָנגעטרונקען, אָנגעזויפן, — ווילט איר

מיך נאך ארויספירן אויפן אייז ?... ווארים, ס'פעלט מיר נישט מער, ווי דער „וואכמירזש" זאל אדורכגיין און אייך דא זען, — אזוי מאכט ער מיר צו די טירלאך, און כ'וועל מיך נישט קענען ארויסצאלן ביי אים, מיטן לעבן !...

און אז ער זעט, חברה הארכט אים ווי די קאץ : „וואו גייז, משוגענער, אין אזא נאכט, ס'איז אן עבירה א הונט ארויס־צוטרייבן !..." און מ'שנארכט מיט די נעז, מען מאכט זיך שנארכן — גיט לייזער, ווי ער טוט דאס אלעמאל אין אז עת צרה. — זיך א קער, חלילה נישט צו גאט, דעם גרויסן בורא עולם, ער זאל אים ארויסהעלפן, נאר צום ווייב זיינעם, וועלכע ברויכט אויך גארנישט אריינקומען אהער, נאר מאכט בלויז אוועק די טיר, איר קאפ זאל אריין, — און דער בלויזער קאפ פון לייזער'ס ווייב איז שוין גענוג און איבריק, ווען ער גיט זיך א צעבליפע און א גאס ארויס א מביל טרערן פון אירע אויגן :

— זיי זאלן נישט גיין אויף איר ברויט ; אז סך הכל האט זי נישט מער ווי די עטליכע טעג אין יאר, ווען ס'נע־מונג שטעלט זיך, ווארים א גאנץ יאר שטעקט סיי־ווי קיין הונט נישט אריין די נאז צו איר...

שטייט דענסטמאל בערילע אויף, שטעלט זיך אוועק ווי איינער, וואס מאכט זיך שכור, און מיט א שנויפלדיקע נאז, סטראשענדיק מיטן קליינעם פינגערל, — פרעגט ער :

— זאג נאר דו, לעקיש, וועסטו נאך לאזן שטיין און קלאפן, און זיך נישט אנרופן ?...

און ווען ער שווערט זיך, לייזער, מיט כל השבועות שבעולם : נישט... גייט ערשט חברה ארויס, און טראגט זיך אפ ; און אזוי ווי די טירלאך פארמאכן זיך גלייך הינטער זיי, ס'ווערט צוריק פינסטער ווי אין א זאק — שטייט מען און מ'קלערט נאך, וואס מ'זאל אים דא אפטאן לייזערן, ס'א שטיקל, און מ'קען זיך נישט שענקען פאר דער עולה...

— אויפהערן גיין צו אים אין שיינק אריין, וועט ער זיך

טאקי א סך מאכן דערפון, און זיך נעמען צום הארץ, אז דאס היי־יעריקע געמונג ליגט שוין ביי אים אין קעשענע; און נאכן צווייטן ונתנה־תוקף, אז זיי וועלן שוין באלד האבן אפּ־געקומען די ערשטע און שווערערע העלפט פון דער „סלוזש־בע", — וועט דער פּרישער עולם וויסן וואס ער האט זיי אפּ־געטאן ?

און בערילע טוט־אויף :

— ווייסט איר וואס, חברה ? דא, נישט ווייט פון דאנעט, אין סקווער, הינטן, מויערט בייניש גארבער א הייזל, — שטייט ציגל אנגעלייגט, איז דא ליים, זאל מען אים פאר־מויערן די טיר פון דער שיינק...

ווערט א גדולה, א שמחה :

— אזוי ווי זיי האבן ביינאכט נישט געקענט צו אים אריין, זאל ער בייטאג נישט קענען ארויס...

א וועט פאר א וועט...

חברה שפּרינגט פון דער הויט, און ס'ווערט זיי אזש ליב־טיק אין די אויגן; מ'צעטיילט זיך גלייך מיט דער מלאכה: ווער ס'זאל טראגן ליים, ציגל, מויערן...

און ס'ווערט לעבעדיק צווישן עולם, ס'קומט אויף זיי אז אויפריכטעניש, א לעבנ־דערהאלטעניש; מ'נעמט גלייך טראגן ליים, שלעפן ציגל, אין די קעשענעס, אין די פאלעס, אויפן קאפּ. מ'דערלאנגט־צו ווי איינער קען, — און מ'מויערט פלייסיק; באטש ס'איז פינסטער, ס'איז שווער אנצוטאפּן וואו מ'לייגט עפּיס אוועק פון דער האנט. — און מ'האט נישט דערצו נאך די געהעריקע כלים, ארבייט זיך פונדעסטוועגן גאנץ געשמאק; וואס קעלטער ס'איז, ארבייט זיך היימליכער, ווארימער, און מיט מער חשק; און ווען ס'האט אנגעהויבן צו גרויען אויף די שווער־אנגעכמורעטע הימלען פונם פיצעלע שטעטל, איז פאר די טירלאך פון לייזערס שיינקל געווען א פארטיקע וואנט

אויסגעמויערט, כאטש נישט אזוי מיט אלעם. אבער דאך א מויער
פון ליים מיט ציגל...

געצויגן האט זיך די קייט אויך אין דעם טאג פון יענעם פרי־
מארגן, ווען בעריל שייגעץ האט זיך איינגעפלאכטן אין איר,
און אפשר געווען דאס לעצטע רינגעלע אירס ; נאך אים זיי־
נען שוין כמעט קיין נומערן נישט געווען. און ס'האבן זיך געננר־
מען שטעלן „וויבארן“, — בלויז אידן ; גויים „וויבארן“
האבן זיך שוין נישט באדארפט שטעלן, ווייל ס'זייעריקע איז
שוין אויפן צעטל געווען גענוג. און ביי אידן האט זיך נאך
גאר נישט געהאט אנגעהויבן ; זיינען געשטאנען הינטער אים
לויטער ווייכע מענטשלאך, וויבארן, בני־יחידים, איינציקע שפיי־
זער, — קראנקע צרות, וועלכע האבן אויסגעזען אין זייער
נאקעטקייט, איינגעהילט אין די שווארצע כאלאטלאך, גאלע אויס־
געקראכענע קעפ, ברילעכלאך אויף די אויגן, איינגעפאלענע
צורות און בארוויסע פיס, ווי שאטנס פון מענטשן, אויסגע־
ווייקטע אין עסיק, זויערע, צעקנייטשטע לימענעס...
די קייט האט זיך נאך נישט געהאט אנגעהויבן צו באוועגן ;
דארטן אין יענער שטוב, וואו זי האט באדארפט אדורכציען, —
האט נאך עמיץ, א פנים, אויסגעפעלט, א גדול. און מ'איז דא
געשטאנען, געווארט, און געטראכט, אפווארטנדיק דעם אייגענעם
גורל, — ווי שלעכט ער זאל נישט זיין און זיך פינסטער גנזאלט
מאלן ; הינטן, אויפן הויף פונם „פאוויאט“ שטייען קופקעלאך.
איינגעדרייט און צוזאמען, די משפחה פון יעדן איינציקן יונגל באַ־
זונדער, וואס שטייט דא נאקעט אויסגעטאן ; זיי שטיין אומ־
געדולדיק, פארפינסטערט, און מ'זעט ווי פון איין קופקעלע קריכט
אוועק א אידענע, א צעבראכענע, אן איינגעשרומפענע, שטעלט זיך
גלייך מיט דער וואנט, און שאקלט זיך אין איר אריין, ווי א פרו־
מער איד ביי שמונה־עשרה :

— יושב בשמים, דו וואָס זיצסט אין הימל, און בין נישט ווערט צו מעלדן דיין נאָמען, זע: מ׳זאָל ביי מיר נישט צונעמען מיין בן יחיד, מיין איינציקן שפייזער; זיין טאַטן האָסטו נאָך מיט יאָרן צוריק אָוועקגעריסן פון מיר, און אַצינד, אויב דו זאָלסט אים נאָך אויך ביי מיר צונעמען, — אנא אני באָ, וואו וועל איך מיך אַהינטאָן, אַז אַלטע ווײסטע אַלמנה, אָן אַ קינד און אָן אַ רינד?...

אויפן הויף קומען אַלץ מער און די אידען מיט ווייבער; מיט יעדע רגע קומען זיי, די מאַמעס מיט זייערע קינדער. וועל־כע זיי פירן נאָך אַליין בידים, מיט די אייגענע הענט צו דער שחיטה; די יונגעלייטלאַך גייען אַרויף וואו זיי מוזן בעל־כרחה גיין, און די אַלע ווייבלאַך, טאַטע־מאַמעס, צעגייען זיך ביחידות אין די ווינקעלאַך, נעמען זיך אויסריידן די הערצער, זוכן זכות אָבות, זיך קלאָגן ס׳פּנים, וויינען, בעטן, תפלה־טאָן... דער גאַנ־צער הויף טוט תפלה... האַלט די אויגן צום הימל, און טרערן קייקלען זיך, פאַלן פאַר זיין כסא כבוד: מרת הרחמים התגלגלי עליהם...

איינע דערציילט:

— עפּיס פון אַ ווייסטן קאַליקע, אַ זון, וואָס איז אַ קאַליקע מבטן אמו, פון דער מוטערס בויך; זיין פאָטער נאָך איז אַ קאַליקע געווען, דער זיידע — אַ קאַליקע, דעריבער בעט זי, אַז דער זכות פון זיינע אבות אבותי, די קאַליקעס, זאָלן אים ביישטיין, און ער זאָל אויך נישט ווערן אַנגענומען און פאַרעכנט פאַר קיין גאַנצן און געזונטן מענטש...

נאָך איינע דערציילט:

— פון אַ מאַן, וואָס אויב מ׳זאָל אים ביי איר, חלילה, צונעמען, — אַזוי בלייבט זי מיט דריי קליינע ווערים, אויפן וואַסער, און האָט באַלד נישט פאַר זייערטוועגן אויפן ערשטן אָנ־בייסן; אויף דער ערשטער חיי־שעה... לכן, זאָל ער אין זכות פון די לעבעדיקע יתומים׳לאַך — ניצול ווערן פון זייערע

הענט, און קומען גלייך אַראָפּצושפּרינגען און אַראָפּצוטאַנצן פון אויבן, — פאַר אַלעמען אין די אויגן, מיט דער ישועה אויף דער האַנט; אַז אירע שונאים זאָלן ווערן צעזעצט און צעשפּרונגען, און זי מיט אירע קינדער זיך מעגן צעטאַנצן און צעזינגען...

און נאָך איינע, אַ מאַמע, קענטיק, דערציילט:

— עפּיס פון אַ קינד, וואָס זי האָט מיט טויטע אַנגסטן אויסגעבאָוועט, און דורך זיין חסד, פון פינף, — דעם איינעם ארויסגעריסן פונעם מלאך־המות'ס ציין; און אויב זי איז שטאַרקער געווען פאַר אים, און אים געקענט בייקומען, אַזוי מוז זי אויך די לייט דאָ קענען גובר זיין און אים אַרויסרייסן פון זייערע ציין...

דאָ האָט זיך עפּיס אַ צעפּלגעטאָן, די קייט זיך אומגעריכט געריִרט, און אים, בערילען, אַ לייכטן צי געטאָן מיט זיך; אַ רינגעלע האָט זיך דאָרט אויבן, פון פאָרנט, אָפּגעריסן, און שוין האָט זיך דאָ פון הינטן, אַן אַנדערער אַריינגעשטעלט; אַ מינוט, — און נאָך אַ רינגעלע איז אַוועק פון דער וועלט, הלך לעולמו; און ער האָט זיך אַזוי נאָכאַנאַנד גערוקט, בערילע, באַלד אויפגעהערט צו האָבן דאָס פענסטער פון הויף פאַר זיך, און צו זיינע אויערן זיינען שוין שוואַך צוגעקומען די תפילות און בקשות פון די לייט אונטן, — פאַר זיינע אויגן איז באַלד אָנגעקומען די שטוב, די שטוב מיט דער „פּריסוטסטווע", וואו מ'האָט באַהאַרכט און באַטאַפּט יעדן איינעם יונג; אים געמאָסטן און געוואויגן, — און ער, בערילע, וועלכער רוקט זיך כמעט צום שעכט־מעסער, גייט גלייך מיט אַלע אונטערן חלף — קוקט זיך אַזוי געלאָסן צו אָן די מינדסטע שרעק אָדער עפּיס מחשבה, — צו אַלעם; און עס הייבט אים שוין באַלד־אָן צו אַרן, קען נישט סובל זיין די משוגענע קונצן, ווי מ'קנייטשט און מ'קנעט די אויסגעדבר'טע יונגעלייטלאַך, מ'רייסט און מ'וויל אויסגלייכן זייערע קרומע אברים, און ער טראַכט זיך:

— ניין, ביי אים וועט דאָס נישט אָנגיין ; זאָגן מיט איין וואָרט : געזונט, און גייז...

ער שטייט שוין אויפן שוועל, אויסגעשטעלט שטייף די ברוסט צו דער שטוב, — ס'ערשטע רינגעלע, און אַ משוגעת, האָט זיך אים פאַרגלוסט אומצוקוקן, זען : אויב ער האָט זיך נישט אַזוי געדוקט, גערוקט, דער לעצטער שוין, און פון הינטן. הינטער אים, זאָל שוין נישט זיין קיינער, — די קייט זיך האָבן אויסגענומען מיט אַלעמען, ווי ביי אַ ברונעם מ'נעמט אַרויס די לעצטע קאַן וואַסער, און ס'בלייבט אַ ליידיקער גרוב, אַ טרוקענער ; און ס'קומט נישט אַנדערש אויס ווי די אַלע גרויסע לייט זאָלן נאָך אים, — זיך אויפהויבן פון די ערטער, זיך געבן די הענט און שוין צעגיין : „ס'איז נישט געבליבן מער קיין לעק אַרבייט...“ און דאָ דערזען די קייט, די אייגענע קייט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך מער קיינמאָל נישט באַדאַרפט אויסנעמען ; און מערקווערדיק : ווי די אייגענע יונגעליטלאַך, וועלכע זיינען פון פריער געשטאַנען אויפן הויף צוגעשפּאַרט צו די מויערן, — שטייען שוין איצט דאָ איינער הינטערן אַנדערן, אַזוי שווייגנדיק און געהאָרכזאַם, אויסגעטאָן נאַקעט, בלויז אָנגעהאַנגען די הוילע קאַפּאָטעס אויף די אַקסלען — און ער האָט דעריבער נישט געהערט ווי מ'רופט אים שוין צום צווייטן מאָל ביים טיש, נאָר דאָס דערפילט, ווען אַ פּאָר פעסטע הענט האָבן אים אַ שלעפּגעטאָן פאַרן אַקסל, און אַן זיין וויסן כמעט, אַרום אים אַרומגעאַרבייט, אַפּגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט ; דער דאָקטאָר איז צו אים צו, אַ ברייטביינערדיק מענטשל מיט אַ זילבערנעם שינעל, בלישטשענדיקע קנעפּ און אַ שמייכלדיק פּנים, — האָט אים דריי מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעפרעגט :

— דו ביזט געזונט ?

— דו ביזט געזונט ?

— דו ביזט געזונט ?

האט ער זיך געכאפט, בערילע, און אויסגעשריגן הויך, מיט א פול מויל:

— טאק טאטש־נא!

— און ס'פעלט דיר גארנישט?... — חדוש'ט זיך דער דאקטאר.

הייבט ער די אקסלען:

— גארנישט.

— און ס'האט דיר קיינמאל גארנישט וויגעטאן? — חדוש'ט זיך נאכמער דער דאקטאר.

הייבט ער, ווי פריער, די אקסלען, בערילע:

— ר'ווייסט נישט, אויב ר'האט געוואלט אמאל קראנק זיין. פאר דער צייט וואס ער געדענקט...

קוקן זיך איבער די אלע לייט ארומען טיש, און שמייכלען:

— א רעקרוט... און א אידישער דערצו, ווי קומט עס: ער זאל זיך נישט באקלאגן אויף עפים?... אויערן... אויגן... פינגער... ציין... און וואס נאך אלץ?.. וואס נאך?... איז ער נישט פונם איינגענעם טייג געקנאטן וואס אלע איבעריקע אידישע רעקרוטן?..

לייגט־צו דער דאקטאר ס'רערל צו זיין הארץ, נעמט עס גלייך אוועק, און קוקט אים אן ווי איינעם וואס לייקנט פאר אים, וויל זיך חכמ'מען, קליגן, עפים דא גאר ווען באהאלטן,

— און פארבעט זיין קאלעגע, דעם פוילישן דאקטאר, גיט אים דאס אייגענע רערל, וואס יענער לייגט אים צו צום הארץ, הארכט, און שאקלט־צו מיטן קאפ: „ריכטיק... ריכטיק..." לאזט פאלן א ווארט וואס ער פארשטייט נישט... און גיט באלד א זאג צום טיש, מיט א געפיל פון ערלאכקייט, ווי ער וואלט עס געטאן מיטן גאנצן הארץ צו א קראנקן, וואס האט זיך עס כשר פארדינט:

— נא איספיטאניא...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און ער בערילע, איז שוין מער נישטא; די קייט באַ־וועגט זיך ווייטער, וויקלט זיך אויפסניי. און גייט שוין אויך צו אנדרע מיט די לעצטע עטלאכע מענטשלאך. וואס ברויכן נאך דורכגיין אונטער דער פייערדיקער רוט פון דער אימה'דיקער „סאלדאטשינע"...

אין שפיטאַל

ס'גייט דער קליינשטעטלדיקער עטאפ. נישט אונטער אויס־געשטעלטע ביקסן, אין גלייכע, געציילטע און אפגעמאסטענע שורות, נאר ווי רעקרוטן גייען, — פריי, צעלאזן, א הייפל אידלאך, וואו צווישן וועלכע ס'זעט זיך ארויס דער היימי־שער וואוילער יונג, בערילע שייגעץ, וועלכער פאסט זיך אריין צווישן די טויטע, דערשלאגענע ברואים, ווי א דעקל צו א פייקע; מיט זיי איז איז דאס גוי־שטאקל, דער הינקעדיקער סטרוזש פון דער קאזע, וואס טראגט אונטער דער לייוונט אין היטל, — די פאפירן זייערע, וואו ס'איז אויסגעשריבן באריכות דער יחוס זייערער, אויף וואס יעדער איינער פון זיי גייט...

ס'שלעפט זיך די מחנה; ווער מיט א נייגעריקן בליק אויף די הייזער, מויערן, — אזוי ווי מ'וואלט צום ערשטן מאל געזען א גרויסע שטאט פאר די אויגן, און ס'וואלט אלץ, יעדע קלייניקייט, געווען א בייזער חדוש; מ'גייט איבער די לאנגע גאסן, מ'מאכט שפרייזן, מ'שטעלט פיס, אזוי ווי דערמיט געוואלט באווייזן, מ'איז נישט קיין קליינשטעטלדיקע, און אז מ'ווייסט ווי מ'האט צו גיין אויף א גרויסע גאס פון א גרויסער שטאט, אויב מ'וויל נאר — ס'זאל נישט נעמען קיין יאר, ביז מ'וועט איר אדורכ־גיין...

און עפיס פילט זיך דאך א מידעקייט, א שלעפעריגקייט, נאכאלעם, אינם גיין; ווי לאנג איז, דוכט זיך, ווי מ'האט זיך אריינגעזעצט אינם וואגאן, אנגעקוועטשט די ביינער אויף דער הארטער באנק: קוים, וואס מ'האט געכאפט א דרימל. איז שוין קיין נאכט נישט געווען, קיין שטעטל נישט געווען, נאר וואלד, פעלד און טאג, פרימארגנדיקער טאג; און נאכגיכער מ'האט צייט געהאט זיך צו באליינן ווי לאנג די וואגאנען וועלן

זיך נאָך אַזוי קוילערן מיט זיי, — האָט דער צוג זיי שוין אָנ־געפיפן: פיפ־פאַפ, זיי זאָלן זיך גיין זייער וועג... און איט־ליכער האָט גענומען זיין פעקל, ס'זעקל, ס'קלימעקל, און זיך געלאָזט איבער דער גרויסער גובערניע־שטאָט, פון וועלכער מ'דער־ציילט זיך אַן אַזוי פיל חדושים פאַר די לאַנגע ווינטער־נעכט, אין דער היים, אין שטעטל.

ס'איז נאָך גאָר פרי. דער הימל האָט גאָר נישט אַזאַ שיין פנים, ווי ס'דוכט זיך; וואָלקנס: צעריסענע, צעפליקטע, — אַ בלייכער מאַטער דורכלויף איז כמעט אַ זעלטנקייט; ס'איז נישט קיין ווינט, און דאָך ווייט נישט וואַרים; אַ סמוטנע קעלט פרעסט, אַן אומהיימלאַכע, די ערשטע אַסיענדיקע קעלטן. וואָס ברויכן, אַזוי צו זאָגן: אויסטראָגן דעם ווינטער... די דעכער פון די הייזער קוקן אַלע אַרונטער אַזוי מוטנע, קיל און טרוקן; נישטאָ קיין ראָסע; די טירן פון די קראָמען זיינען נאָך פאַרשלאָגן, און בלויז די שילדן איבער די געזעמסן ריידן מיט זייערע גראָבע באַשלאָגענע אותיות, דערציילן, זאָגן ברייטן־אויס, מאַכן הויך וויסן פון די רייכקייטן, אוצרות, וואָס ליגן דאָרט אינוועניק באַגראָבן...

דער עולם איז מיד, דערשלאָגן און די וואָוילע־יונגען לאָזן זיך הערן:

— מ'ברויך גיין אין שפּיטאָל אַריין! באַלד אַ שעה, און מער, ווי מ'דרייט זיך אַזוי אַרום, אַ גאַס אַריין, אַ גאַס אַרויס, אַרונטער, אַרויף, אַזוי ווי מ'וואָלט זיי אומישנע אַזוי אַרומ־געפירט ביים נאָז, זיי זאָלן אַ פנים, קיינמאָל נישט אָנקומען וואו מ'באַדאַרף...

דער גוי וואָס פירט זיי, וויל אויך אָפּקומען; די גאַנצע נאַכט, אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַן אָנזאָג פון שרייבער אינ־דערהיים, — נישט צו צומאַכן קיין אויג — איז ער טאַקי נישט געשלאָפן, גאָר געהיטן די ליים; איצט, וויל ער זיי אָפּ־געבן ווייטער, צוציילן אויפן שטיק — איינס און איינס.

איינס און צוויי, איינס און דריי, און זיך׳ גיין צולייגן, עפּיס עסן, און צוריקפאָרן אַהיים; וואָס האָט ער זיך נאָך דאָ מיט זיי אַרומצופירן?...

נישט צוגעלאָזט אין שפּיטאָל אַריין, האָבן אָבער די ווייכע יונגעלייטלאַך : זיי, די שלאָמויזן, וועלכע האָבן אויסגעזען אַזוי טויט, חרוב׳דיק, ווי אַזעלכע וואָס מעגן זיך ריכטן : מ׳זאָל זיי גאָר איינגיכן אַריינלייגן אין דר׳ערד אַריין. — האָבן דאָס אויפגעהאַלטן ס׳גאַנצע גלות ; זיי האָבן בלומרשט דער־ציילט, ווינסדיק פון פאַר אַ יאָרן, וואו זיי זיינען שוין אויך געוועזן, — אַז דאָס שפּיטאָל איז אַ חזקת ; אַז קוים גייט מען אַהין אַריין מיט איין פוס, איז מען שוין אינדרינען מיט ביי־דע ; און פון אַרויסקריגן זיך, ווי ס׳געשיקט זיך, מיט גוטן, — אין נישטאָ וואָס צו ריידן ; מ׳זיצט תּפיסה אַזוי לאַנג ביז מ׳שיקט אַליין אַרויס אַ צוגענומענעם אָדער אַ באַפרייטן . . . היינט-זשע, צו וואָס טויג זיי ווידער זיך איבערצוגעבן צום שוחט אין די הענט אַריין, גלאַט אַזוי, אַן אַלעמען?...

— צו וואָס זיינט איר ווידער, אויב אַזוי, אַהערגעקומען?...

— פרעגן די וואָוילע־יונגען גאַנץ ערנסט.

ברויכט איר וויסן זיין, דאָס מיט וועלכן פון די יונגע־לייטלאַך איז נישט באַלד פון דערהיים־אויס מיטגעפאָרן אויף דעם איינענעם צוג, אין דעם איינענעם וואַגאָן, דאָ אין דער גובערניע שטאָט אַריין : אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ שווער און אַ שוויגער, אַ ווייב צי סתם אַ קרוב, אַ גואל, — וועלכע האָבן דאָ ראשית, זיך אַ צעלאָזגעטאָן וואו מ׳באַדאַרף, אַ שמעקטאָן פריער, און זען :

— ווי ס׳האַלט?...

— און ווי ס׳שפּיטאָל זעט אויס?...

ערשט וואָס חברה קומט־אָן אויף אַ ראָג גאַס, וואו מ׳מאַכט פאַר זיי האַרט אונטער דער נאָז אויף אַ פּאָר טירלאַך פון אַ טשייניע ; און אַ אידל, איינגעבאַבלט איבערן קאָפּ אין אַ

פאַרטשיילע, מאַכט אַוועק דעם לאַדן, נעמט אויסקערן דעם נעכטיקן מושב, און, — חברה מאַכט עס פּול ; זיי צוזעצן זיך אַרום די טישלאַך, און נעמען אַלע, אָן אונטערשיד — גלייך זופּן הייסע טיי, וואָס די יונגעלייטלאַך הייסן אַרויפגעבן. — זופּן מיט אַזאַ ברען, שלינגען בריענדיק זיך, אַזוי הויך, אַז ס'זעט אויס, ווי בשכנות דאָ ערגיץ וואָלט אַ גאַנץ מניין באַדאַרפט אַזוי שווער צו שלאָפן, און כראָפּן מיט די העלזער... זיך דערוואַרימט די קישקעס, דערהאַלטן ס'ביסעלע חיות, לייגט מען ממילא אַראָפּ די קעפּ אויף די טישן, איי־איי, אַ שטיקעלע שלאָף פאַר די אויגן, — קומען־דאַ־אַן די טאַטעס, די מאַמעס, מיט אַ גדולה, מיט אַ שמחה :

— איי־איי... מ'קען שוין גיי־יי־יי־ן...

— מ'קען גיי־יי־יי־ן...

— ס'אַל־דאַ־ס גו־ט־ס־ס־ס...

און דער עולם רירט. אַלע אינאיינעם אויף דער קופּע, — אַ גאַנצע האַרמע : נאַר וואָס ביים טירל פון שפּיטאַל לאָזט מען נעבאַך אַדורך די רעקרוטן איינציקווייז, און צוגעציילטע... מ'לאָזט זיי אַריין אין אַזאַ גרויסע שטוב, אין אַ פּאַלאַטע, וואו אין וועלכע מ'האָט אַנגעטריבן יונגען, שקצים כל־ערליי און פון דער גאַנצער גובערניע ; ס'שטייט אַ יריד : אויף איין אָרט פאַרקויפט עמיץ אַ בייטעלע, דער אַנדערער פאַרהאַנדלט אַ מעסערל, אַ באַרשטעלע, אַ קעמעלע, ס'אַ־מסחר... אַ דריטער וויינט, קלאָגט ס'חורבן : מ'האָט אים ביינאַכט צוגע'גנב'עט די הויזן פון צוקאָפּנס, און ער גייט מחילה, אַרום. — איינגעהילט אין כאַלאַטל, מיט די גאַלע פּיס ; עמיץ שרייט גלאַט, רייסט זיך אויס דעם האַלז, און דאָ ווערט פּלוצלינג אַן אַנגעלויף : מ'שלאָגט זיך, מ'הרג'עט זיך, מ'טרעט זיך מיט די פּיס...

בערילע שטייט צעמישט :

— אַזאַ שפּיטאַל איז דאָס ?...

און נישט ווי ער האָט געמיינט, אַז מ׳וועט אים גלייך אַ געמטאָן, אָפּציען פון קאָפּ ביז צו די פיס, אַריינלייגן אין אַ בעטל, אַרומבינדן דעם קאָפּ מיט אַ נאַסע שמאַטע, געבן אַ מכה צו עסן מיט אַ גוטע קריינק, און אָנזאָגן: זיך נישט צו רירן פון אָרט, שאַ־שטיל... נישט פאַרבייגיין מיט אַ שווערן טריט...

ער האָט אויפגעמאַכט מויל און אויגן, בערילע, און ס׳האָט אים אמת׳דיק הנאה־געטאָן, וואָס ס׳שפּיטאָל איז נישט, לכתחילה געמאַכט געוואָרן פאַר די אַלע צרות־ופּרעניות, וואָס מוזן פריער אויפעסן גאַנצע פונטן ענגליש זאַלץ, שלינגען לימענעס. זיך אָנטאָן ארבע מיתות בית־דין, — נאָר פאַר אַזעלכע בערילאַך ווי פון זיינס גלייכן...

ער האָט זיך גלייך דערפילט ווי אַ פיש אין זיין היימישן וואַסער, און דורך איין האַלבע שעה שוין געווען אויסגעקאַכט, אַזוי ווי ר׳וואָלט זיך מיט איטלאַכן באַזונדער האָבן געקענט זייט יאָרן; נאָך אַביסל שפּעטער פרעגט מען זיך שוין אויס איינער ביים אַנדערן אויף וואָס מ׳גייט.

— אויף וואָס גייסטו ?...

— אויף וואָס גייסטו ?...

איטלאַכער גיט איבער בסוד־סודות זיין פּעקל ; און פּעקלאַך פעלן ב״ה נישט ; ס׳זיינען דאָ מכל המינים, צום אויסקלייבן זיך ; ווער ס׳האָט אַ שטייפע האַנט, אַ פליסטל אויפן פוס, אַ ווינקל, מרידן, אַ סקאַלקע אויפן אויג, אַ מרוח־אשר, אַ אָפּגעשניטענער פינגער, אַרויסגעפאַלענע ציין, אַלץ פרישגעבאַקענע קאַליקעס, צאַפּלדיקע, פון אונטער דער נאָדל אַוועק, פריש אויסגעפּיקט פון איי ; און פונדעסטוועגן באַהאַלט עס קיינער נישט; מ׳טראָגט זיך דערמיט אָפן אַרום...

— אויף וואָס, אַ שטייגער, גייט אַזוי בערילע ?...

— ער זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין בייזע „סלוּושבע“.

ווי ער ווייסט אויף וואס ; דער דאקטאר האט זיך באנא־
רישט, דאס אלץ...

גלייבט נישט חברה ; און מ'האלט אים פאר א פאלשן...

דערווייל גיט מען מיטאג אין שפיטאל ; יא זעלנער,
נישט זעלנער, — עסן מוז דערווייל פאניע געבן ; און חברה :
אידן, גוים, ציגיינער, דער רוח ווייסט זיי, — שטעלן זיך
אלע אויס אין איין ווייטע לייענג, האלטן אנגעגרייט די בלעכענע
שיסעלאך אין די הענט, און צוויי זעלנער גייען פאר זיי א דורך,
איינער האלט א ציבער געקעכטס, און דער צווייטער שעפט
אן מיט א גרויסן הילצערנעם קאכלעפל, און גיט איטלאכן
צוביסלאך אין די שיסעלאך ; די גוים עסן, פרעסן, — זיי
האבן דאס אינדערהיים אודאי פאר די אויגן נישט אנגעזען. און
די אידן, נעמטס אפילו אזא בערילע, אזא קאליע־געמאכטע נשמה,
צי נאך עפעס ערגערס, — גיבן זיי אויך אוועק זייערע חלקים
צו די שקצים, און נעמען דאס נישט צום מויל ; נישט ווייל זיי
זיינען פרומגעוואָרן מיט אמאל, אדער „בזשידזשען" זיך, קענען
חלילה נישט פארטראגן דעם ריח, ווי ס'קען עמיץ מיינען. נאר
פשוט :

— נאך צייט צו עסן פון קעסל ; די טריפה'נע „יוזשקע"
וועט נאך קריכן פון האלז, — וואס האט מען זיך דא
שוין אזוי צו איילן מיט איר ?...

מ'טראכט זיך :

— ווי לאנג מ'האט נאך נישט צוגעהאקט, אנגעשמירט מיט
שארע־זייף, און אריינגערוקט אין די סאלדאטסקע הויזן, ברויך
מען זיך נישט טריפה מאכן...

דערווייל ווערט פארנאכט. אין שפיטאל ווערט פריער טונקל. די
לאנגע אפגעקאלכטע ווענט פון דער „פאלאטע", ווערן קריינקלאך
בלייך ; אין די מערב'דיקע פענסטער רייסט זיך נאך די זון

דורך די קראַטעס, זעט זיך דער הימל ווי פון אַ תפיסה, אַ הימל — וואָס די זון פאַלט אַרונטער איבער אַ טונקעלן אויפגעוועלבטן באַלקן, אַ פּולע, אָנגעשוואָלענע, אַ בלוטיק־רויטע... פון ביידע זייטן, איבער דער גאַנצער לענג פון דער „פּאַלאַטע" — ווערן אָנזעענדיקער די נאַרעס. אויף וועלכע ס'צעלייגן זיך די יונגען, שקצים: וועלכער מיטן פּנים אַרויף, וואָס גלאָצט שטום מיט אָפענע אויגן צום באַלקן; וועלכער — מיטן פּנים אַראָפּ, אַז ר'זאָל אין ערגיץ נישט זיין, גאָר אָן פּנים; מיטן טונקלען זיך, שטילן זיך איין די צעהיצטע יונגען, ווערן אָפּגעקילט און אָפּגע־לאָשן פון דעם צעברענטן וואַויל־יונגערישקייט; יעדער ווערט מער איינגעהאַלטענער, באַנומענער, און דערפילט, לכל הפחות, דעם אומבאַוואוסטן שטומען גורל, וועלכן מ'האָט אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ שכור מיטן טרינקען — זיך געמאַכט פאַרגעסן מיטן הוליען. ארומה־ליען...

אין דער טונקלקייט נעמט זיך מיט אַמאָל אָנזען די ליכ־טיגקייט פון אַ קליין אייל־לעמפּל, וואָס איז אַזוי ווי געווען פאַר־געסן און פאַרזען ביים אָנזען פון טאָג; ס'לייכט־אויף אַזוי אָרים, קאַרג, פאַרן בילדל פון דער הייליקער מוטער, און די טראָפּנס ליכטיגקייט וועקן אַזוי פיל מונטערקייט, דרינגען טיף אַריין אין די הערצער צו די שקצים, און ציט זיי, ציט זיי, ס'זייניקע צו זיך; און זיי קומען אויך, איינציקע, אין צווייען. זאַמלען זיך איין, אַ גאַנצע גראָמאַדע, און לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני, — די פרומע פּויערשע שקצים, מיט גרויסע קעלבערנע אויגן און ווייסע פלאַקסענע קעפּ־האָר; די הערצער ווערן צוגעצויגן, באַהאַפטן איינס צום אַנדערן, און אַלע, — צו איר, צו דער הייליקער מאַמע; פאַר וועלכער אַלע בקשות ווערן אַרויסגעזאָגט מיט פּראָסטע, טרוקענע אָבער באַהאַרצטע קולות; פּויערשע קולות אפילו, — ברייטע ווי ס'פעלד פון וואַנעט זיי קומען, און פריי ווי דער וואַלד, אין וועלכן ס'צע־שפּרייט זיך.

באזשע ו'טראאיצי, ניע פאיענטי.
שווענטא מאריא, נאשא שווענטא...

פון די אנדערע שטובן, וואו ס'ליגן באמת קראנקע, קומט צו־קריכן א זעלנער, אן אפגעצערטער, מיט א געל פנים ווי א וואקס, הויט־און־ביין, אנגעטאן אין א כאלאט, — וועלכן מ'האלט און מ'פארגינט זיך אליץ נישט אפצושיקן אהיים, ביז ער וועט נישט מיט אלעם די פיס אויסציען : ס'ציט אים ס'געזאנג פון די שקצים, א פרעמד געזאנג, און דאך אזוי היימיש, נאנט, כמעט ווי אייגן : א ברודער פראוואסלאווגע פון דער מאמע־וואלגא, בייגט צו נ'קאפ צום אפגעפרעמדטן גאט, פונקט ווי די גראמאדע שקצים, וועלכע איז ערשט צוואנציק מייל פון דער היים, אלצאיינס ווי זי וואלט געוועז טויזנט, און טראכט :

— באטושקא וועט מוחל זיין, כ'בעט צו אן אנדערן גאט...

אויך דער אידישער עולם בלייבט נישט שולדיק ; אקעגנ־איבער, אויף מזרח זייט האבן זיי זיך צונויפגענומען, — די וואוילע יונגען האבן אוועקגעלייגט דאס יונגוואוילערישקייט זייערס אין א זייט, געווארן ביי זיך אזוי שפל, און די ווייכע יונגע־לייטלאך זיינען אויפגעשטאנען איבער זיי, אויפגעהויבן די קעפ ; איין בחור'ל גארטלט זיך דא באלד ארום מיט א פארטשיילקע, און נאכדעם ווי דער גאנצער עולם שאקלט זיך לאנג אין דער גלייכער וואנט אריין, — נעמט ער זאגן די הויכע שמונה־עשרה אויפן קול ; זאגט שיין, ציקלט זיך, כמעט ימים־נוראים'דיק, ווי געוואלט ארייגלייגן דעם פשט פון יעדן ווארט צו איטלאכן יונג אין מויל אריין, ער זאל אויך פילן א טעם, און וויסן פון א לעקאכל ; דער עולם יונגען, ווי פארגרעבט זיי זאלן נישט זיין, — לעקן די פינגער ; זיי פילן טאקי דאס זיסקייט פונם דאוו־נען דא, וואו זיי זיינען אינאיינעם אין שפיטאל, ווי די צונויפ־געטריבענע סטאדע ארומן פאסטוך, און כאפן נאכאנאנד אונטער מיט א ניגון :

— ברוך הוא וברוך שמ'ו, א־מ־ן !...

און פון דער אייגענער שטוב, וואו ס'איז געקומען צוקריכן דער פּראַוואָסלאַוונע גלויביקער, שלייכט זיך אויך אריין אַ אי־דישער זעלנער, אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, פאַרוואַגלט געוואָרן אַהער ערגיץ פון אַמסק, סיביר, אַפּקומען „סלוזשבע" אין אַ פּוילישע שטאָט; דער אידישער עולם איז אים פרעמד, ס'לשון זייערס ווייסט ער נישט, נאָר די אידישע תפילה איז אים גוט באַקאַנט; דער אייגענער אומעטיקער ניגון דאָ ווי דאָרט, — און קראַנקערהייט לייגט ער צו נ'קאָפּ, האָרכט זיך איין, און איז מיטן גאַנצן האַרץ מיט זיי, דער אייגענער איד, דער זעלבי־קער פון אומעטום, — איד...

ס'איז נאַכט, פינסטער און שטיל; אַלע זיינען פאַרשוווינדן און פאַרשוויגן; יענע יונגען, וועלכע ליגן אַנגעוואָרפן אויף די נאַרעס, זיינען אַפּגעווישט — און ס'זעען זיך בלויז פון זיי פאַר־שווימענע פלעקן; אין די פענסטער שמינקלען שטערנדלאַך, בלאַסע, נעבאַכדיקע, ציטערן אַזוי ווי מ'וואָלט זיי מיט אַ גרינגע האַנט לייכט צעשאָטן, מסכונ'דיק, און קענען ביים שוואַכסטן טרייסל זיך אויסגליטשן, אַראָפּפאַלן, נישט זיין מער, — ציטערן זיי, און ווילן פאַר זיך דערהאַלטן ס'חשוב'ע שטיקל אָרט; אַ שטערנדל ווי אַ שפּילקעקעפּל און וויל אויך זיין...

— בי—ם ב—א—ם!...

דער בענבען אין אַ שווערן גלאָק גיט זיך ערגיץ אַ טרייסל, און אַ צעלאָזענער קלינג גיט אַ רודער אויף די „פּאַלאַטע" פון עק־ביז־עק, אַדורך און אַדורך; לאָמפּן ווערן תיכף, ווי פאַר־עמיצנס כבוד־וועגן, — אָנגעצונדן, און די יונגען שטייען־אויף, נעמען לויפן, רייטן, פליען. ווי די שדים — ס'ברויכן זיך אָנהויבן די קאַמיסיעס; די דאָקטוירים זיינען אָנגעקומען, אין

זייערע העלע זילבערנע שינעלן, ווייסע בלאַנקנדיקע קנעפּ, — מאַכן זיי זיך גרייט אויפצונעמען די חולאים, יעדער איבער וועלכע ער איז געזעצט ; איינער : אויף אינערלאַכע קראַנקהייטן, ווי למשל : האַרץ, לעבער, לונגען, נירן, און דער אַנדערער אויף אויסערליכע : הענט, פיס, ציין ; ווער נאָך באַזונדער : אויף כראָנישע, אָנשטעקנדיקע, הויט־אויסשלאַג, פּאַרך, געלע זאַך... און פעלשערס אין ווייסע פאַרטוכער נעמען אָנרופן נעמען, וועל־כע מוזן שוין אַ פּנים, פון פריער זיין צוגעגרייט; ביי יעדע טיר פון איטלאַכן דאָקטאָר שטעלן זיך אַוועק די גערופענע, ווי די אומגערופענע, וואָס ווייסן בלויז לויט די קריינק, אַז זיי וועלן שפּע־טער אויך אָנקומען צום אייגענעם דאָקטאָר, און מ׳וויל דערוויילביי יענע וואָס גייען אריין און אַרויס, טאַפּן דעם דופק :

— ווי ס׳האַלט מיטן דאָקטאָר?...

— אַ הונט מיט ציין ?...

— אַ הונט מיט אויערן ?...

— באַגייט זיך שלעכט ?...

— נעמט גוט אויף ?...

— אַן איידעלער.

דאָס האַלט אַזוי אַז ביי איין דאָקטאָר מער, ביים אַנדערן וויניקער, לויט ווי וועלכער ס׳האָט חולאים, און אויך ווי ער גיט זיך די מי מיט זיי; קוקט זיך אויף איינעם נישט אום, און פאַרמאַ־טערט זיך צום טויט ביי אַ צווייטן; און אַז די קראַנקע אויפן צעטל נעמען זיך אוים, די דאָקטוירים גייען אַוועק — ווייסן שוין דערנאָכמאָל די רעקרוטן, זיינען זיך משער אין דעם באַנעמען זיך פון דאָקטאָר, — ווי ר׳האָט זיי אָנגעשריבן ; צום גוטן אָדער חלילה, — צום שלעכטן ; און סיי די ערשטע ווי די אַנדערע, נעמען לויפן ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז, און פרעגן נאָר :

— ווי אַזוי מ׳קען זיך איצט, גלייך אויף דער הייסער מי־גוט אַרויסקריגן ?... נישט מחמת, ווייל מ׳ברויכט נאָכער בלייבן די גאַנצע נאַכט איינגעווייקט אין שפּיטאָל, נאָר ווייל אין

דרויסן וואַרט אַצינד משפּחה, וואַרטן פריינד, טאַטע־מאַמע, שוואָגער־און־שוויגער, און סתם אַ וועלט מיט קרובים, וואָס חלשן צו וויסן: ווי ס'איז דערגאַנגען?... אויב גוט, — איז מה טוב, ברויך מען אָפּגעבן אַ שבח זיין ליבן נאָמען דערפאַר, און אַלאַ נישט, אויב ס'איז קאַליע געוואָרן, — ברויכט מען זיך דאָך פאַרגעווים גלייך גיין זעען מיטן מעקלער, ר'זאָל נאָך אין דער אייגענער נאַכט זען, למען השם, צו־צושמירן...

קומט מען צום „דניעוואַלני" וואָס זיצט ביי דער טיר, און האַק אין לעדער, און טרעז, — מ'גיט צו גילדן, פערציגערס, צוויי גילדן, און ער רירט זיך נישט.

— וואָס, ס'אַ נאַכעניש איז אויף דיר היינט מער פאַר אַלע מאָל?...

און ער:

— ר'האָט אַ שטרענגן אַנזאָג, קיינעם נישט אַרויסצולאָזן, ווייל ס'קומט צו אַ קאָמיסיע, מ'נעמט אָנרופן די קראַנקע. איז פון זיי קיין איינער אויף אַ רפואה נישטאָ אין שפּיטאָל...

לאַכט מען אפילו און מ'קראַצט זיך וואו ס'בייסט נישט.

— וואָס וועט מען דאָ טאָן?...

— זיך גיין לייגן שלאָפן, — זאָגט דער זעלנער.

— וואו? — שרייט מען איבער אים, — דו האָסט דען אָן אָרט: וואו?... אַז ס'קומט אוים צוויי רעקרוטן אויף יעדן שפּאַנג...

און ס'וואָלט געוועזן ביטער ווי גאַל, ווען נישט בערילע, וועל־כער פאַר'גנב'עט זיך באַלד אויפן בוידעם, אונטערן דאַך, מאַכט פון דאָרטן אויף ס'פענסטערל, און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן הויף; גליטשט זיך פּאַמעליך איבער דער רינע, ווי אַ קאַץ, קלעטערט אויף די שטיקער געזעמסן פון יעדן שטאָק באַזונדער, און איידער וואָס־ווען, קראַצט ער אוים אַ לייטער, און באַלד: גוטע ברידער, בערילעך, — גייען אויף איר אַראָפּ און אַרויף, ווי די מלאכים אויף יעקב אבינו'ס לייטער;

און די ווייכע יונגעלייטלאַך — אַ מכה! ס׳ברויכט אַ טובה — באַ־צאָלט׳ס! איז, ווער ס׳מאַכט אים אריין אין דער יד, — גייט אַרונטער; פאַרשטייט זיך, דאָס אין געלט גייט נישט; ביי אַ רעקרוט איז געלט בלאָטע: ער גיט, ווייל ער ווייסט: ר׳האָט אויף וואָס אַרויף צו געבן, — און אַז ס׳איז אַנגעגעבענע זאַכן, נישט מער ווי אויף באָרג; ווארים יענער מחותן, וואָס וועט אים שפּעטער ווענען אַנקריגן פאַר זיין טאָכטער מיט׳ן בלאָען בילעט, — וועט ער אים פון אַלעם אויפשטעלן אויפן צעטל; און בערילע, פאַר דעם אייגענעם געלט האָט ער שוין יענעם אויך אַ טובה געטאָן, — ר׳האָט אונטערגעשטעלט די פּליי־צע הינטער דעם הויכן פּאַרקאַן, ס׳זאָל לייכטער זיין זיך אַריבער־צוכאַפּן פון יענער זייט, אין גאַס אריין, ווייל ביים טירל שטייט ווידער אַ שמירה, און ס׳איז אַ פרישׁ קרייסינג:

— וואָס זיי שלייען זיך דאַ אַרום ביינאַכט, אויפן הויף?...

ארויסגעשיקט די יונגעלייטלאַך, לאָזט זיך אויך בערילע גיין איבער דער שטאָט מיט זיין עולם: בערילאַך, שמוליקלאַך, ברוכ׳לאַך, אַ שטייגער ווי פון דער היים, — דאָס שמאָלע פון אַלע קליינע שטעטלאַך, און פּונקט ווי דאָרטן, — איז ער דאַ אויך לעבעדיק, די גאַנצע וועלט זיין...

אַ רגע, — און מ׳שטעלט זיך אָפּ ביי אַ מאַסאַרניע, וועל־כע באַווייזט זיך ראַפּטום אין דער פינסטערקייט, און פאַרכאַפּט זיי אַזוי ווי געזונטע אויגן ביי אַ בלינדן אין חלום, און אַזוי ווי זיי וואָלטן ריכטיק געאַנט דערפון, נישט אַנדערש ווי פון הימל אַראָפּגעפּאַלן און געוואָרן צוגעשיקט...

— פּאַני רזשעזשניקו, אַ שטיקעלע קישקע, נאָר ס׳זאָל חלילה נישט זיין אַנגעפּילט מיט גרייפּלאַך...

דער קיילער דערזעט זיינע קונים, ווערט ער רויט, ס׳פּעטס נאָך אַמאָל אַזוי אַנגעשוואָלן אויף אים, פאַר גדולה; ער נעמט ציען די בייגל וואורשטן, שניידן גאַנצע פּריטשעס, וועלכע ער פאַרטיילט מיט אַ באַזונדערן חשק צו די יונגען...

— פריש ?...

— מ׳זאָל אַזוי לעבן, ס׳חזיר האָט נאָך היינט אין דער פרי געלעבט, — שווערט ער זיך.

די יונגען פרעסן, פּאַסמאַקעווען זיך :

— ס׳קוויטשעט טאַקי צווישן די ציין אין מויל, — לאַכן זיי.

ער לאָזט יעדן צו אַ שטיק, גיט אַ גוטע וואָג, און שמעלצט זיך גאָר פאַר נחת, צוקוקנדיק :

— פיינע חזיר, אַ ?...

ער וואָלט געזשויבט, געקענט אַנשיטן זעק געלט, ווען די אידעלאַך זאָלן אים וועלן אַ טובה־טאָן, און עסן זיין קישקע ; אָבער נאָשע זשידקי ניע יעדזאָם, זיינען זייער פּאַבאַזשנע, — ווערט זיין פנים איינגעטונקען אין אַזאַ איידעלן טרויער. — ווילן נישט הערן, און צום מויל נעמען...

— אַז אידן זאָלן וועלן עסן חזיר, וואָלטן זיי דאָך אַליין דערמיט געהאַנדלט, און דיך געהאַט אין דר׳ערד ?... — לאַכט מען פון אים.

דאָס פאַרשטייט ער נישט, דער גוישער קאָפּ...

שוין אָנגעפרעסן, זיך גוט אונטערגעהאַקט, אַז דער ריח האָט זיך שוין ביי יעדן געשפּאַרט פון האַלז, — קומט צום באַצאַלן, און דאָ קוקט זיך חברה איבער : וואָס זאָלן זיי ערגער זיין פאַר די פויערים־שקצים, כאַמעס, וואָס פרעסן אָפּ ביי אידן דיביינער בחנם, און לאַ־די וואָס זיי גיבן נישט קיין פרוטה, מעג ער נאָך רעכט גומל בענטשן, אויב ער גייט אַרויס בשן־ועין ; און זיי זיינען זיך מיישב : געלט ?... אַ גוטע קריינק אים אין בויך... דער לאַנגער האָט אַ בפירושן פסק : לעתות נקמה בגויים, אויב דו ביי מיר, איז אַ מצוה גדולה, אַז כ׳קען דיר אָפּטאָן ס׳איינענע און — וואָלאַי אין גאַס אַריין...

דער מאַסאַרזש ווערט רויט און טויט, און וויל ס׳געשיט אַזוי פלוצלינג, אומגעריכט, בלייבט ער שטיין פאַרנאַרט : „אַזוי

אײדל, אוטשטשיװי, און זיך אזױ מיאוס באַנעמען?..." און ניט באַלד, תּוך כּדי־דבור, א פאַל אַרױס אין גאַס אַרײַן מיט א גװאַלד, װי מ׳װאָלט אים געשאָכטן:

— זשידזשי, ראַ־בו־ש־ני־קי! ...

די יונגען לױפן פּרעטש איבער דער גאַס, און ער לױפט זײ נאָך: דאָס קומט אים אפילו נישט אַזױ גרינג־אָן, אַזאַ פעטן, נידעריקן קײלער־גױ, — אָבער זײַנע פעטע הענט, פעטע פיס אַרבײטן שװער און ביטער װי די בערישע לאַפּעס, און טראָגן דעם גראָבן גוף זײַנעם, אַזױ אײַנגעבױגן װי אױף רע־דער; דער קאָפּ זײַנער איז ערגיץ צװישן די פיס פאַרהאַקט, ס׳מױל איז ברײט צעשפּרײט, און ס׳האַלט דאָרט אין אײן אַרױס־שרײַען מיט א קול פון אַן עגלה־ערופה, א צװײט חזיר:

— זשידזשי, ראַבושניקי! ...

גראָד איז א גױיִשע גאַס, און גױים־היצלעס, אַז זײ הערן דאָס געשרײ כאַפּט יעדער אײנער װאָס ס׳קומט אים אונטער דער האַנט: א קאַפּיטע, א שטריק, א זעג, א האַק, און לאָזן זיך לױפן נאָך זײ איבער דער גאַנצער ברײט פון דער גאַס, מײנענדיק: מי־יודע, אױב די אידן האָבן דאָ נישט צעטראָגן דעם הילצערנעם גאַט, װאָס זײ האָבן שטײן בײם אַרײַנפאָר, ער זאָל אָפּהיטן די שטאָט פאַר פײַער...

און לױפנדיק מיט גרױס מסירת נפש, צוליב די עולה פונם געקריװדעטן גאָט, — שרײַען אַלע פון גרױס װײטאָג:

— זשידזשי, קאַטשע װיאַרע, נאַשעגאָ באָגאַ זאַמאַרדעװאַלי!...

ס׳קומט צום סוף, װאו די גאַס נעמט זיך אױס, ריכטיקער: צעפאַלט זיך אױף עטליכע אין אַלע זײַטן, און װאו מ׳װאָלט גראָד יאָ געקענט נעלם װערן, שטײט אױף יעדן ראָג א סטראַזש־ניק, און אַז זײ זעען: א גאַס יאָגט זיך נאָך נאָך א הײפל יונ־גען, א גאַנצע גאַס, — אַזױ גיבן זײ זיך א צעשטעל איבער דער גאַנצער ברײט פון איר, און שנײַדן פאַר זײ אָפּ דעם װעג; ציען נאָך מיט גרױס פּחד די פּיסטאַלעטן פון די בײטלען, װעל־

כע זיי שטרעקן אויס גלייך אויף די יונגען, מיינענדיק: ס׳זיי־נען גזלנים, וועלכע מ׳האָט אָנגעטריבן פון די וועגן, און שרייען אויס כמעט מיט א פארשטיקטן אָטעם:

— באַג ז׳וואמי, שטעלט זיך אָפּ, מ׳וועט שיסן אויף אייך...

זעען די יונגען ס׳איז נישט קיין שפּילכל, און אז זיי זיי־נען דאָ מאָוס אריינגעפאלן, נישט קיין גוט עסק, — פון פארענט די שטייפע אויסגעצויגענע הענט מיט די פינסטערע לעבער פון די שפּייערס, און פון הינטן: קאַפּיטעם מיט העק, זעגן מיט אייזנס אויף די פּלייצעס, — אזוי גיבן זיי זיך א שטעל־אָפּ אַלע ווי איינער, און אַלע אינאיינעם — א זעץ ארויס:

באַ־זשע צאַר־יא כראַ־ני,
סיל־ני דיער־זשאַוו־ני...

בלייבט שטיין ס׳ביסל גוים, ס׳גאַנצע געהינטעכטס, ווי אָפּ־געשמיסן, — מיט א גאַז, נישט האַבנדיק אין וועמען אריינצו־ווארפן זייערע אויסגערוטע שווערע הענט, און אויספּלומפּן פון זיך די נארישע רציחה; פּסח אלף, — מעג זיין מע! ...

ס׳פאלן אויך ביי די סטראַזשניקעס ארויס די פּיסטאַלעטן פון די הענט, — און זיי ווערן שטייף ווי די פלעקער, האלטן פאריסן די קעפּ, און גיבן אָפּ „טשעסט"; די יונגען האלטן צעשפּרייט די מיילער, און אזוי ווי צווישן זיי זיינען דאָ אַזעלכע וואָס העלפן ארויס דעם חזן ביים עמוד, און זינגען דאָס ביי יעדע גאַלעוועס אין קהל׳ס בית־המדרש, — נעמען זיי אַרינטלאַך דער־לאַנגען אין מיטן פון דער פינסטערע גאַס, אָן א הימל איבערן קאָפּ:

צאַרסט וואַי־נאַ, סלאַ־וואַ נאַם,
סמראַך וורא—גאַ—ם...

אָפּגעזונגען ווערן ווידער די סטראַזשניקעס פריילאַך, און קלאַפּן זיי אין די פּלייצעס אריין:

— וואַט, גאַ־וואַ־בראַנ־צי...

שרייט גוואַלט דער מאַסאַרוש:

— און ס'חזיר ?... ווער וועט מיר באַצאָלן פאַר די קיש־קע, וואָס זיי האָבן אויפגעפרעסן ?..

לאָבן די סטראַזשניקעס :

— נ'וואָס זאָל מען מיט זיי טאָן ?... זיי אפשניידן נ'בייטל ?... צונעמען ?... ווארים, ס'ווייסט עמיץ : אויב מ'שיקט זיי שוין מאָרגן נישט אוועק ?...

אַנדערע שטעלן אים ארויס א פייג :

— מ'האָט דאָך דיר שוין אָפּגעזוגגען פאַר דיין געלט, וואָס ווילסטו ?...

און נאָך אַנדערע :

— גיי אַהיים, און נאָך אַמאָל האָב נישט קיין עסקים מיט רעקרוטן...

די חזיר'שע קישקע ברענט אויפן הארץ ; מ'איז נאָכדערצו שטאַרק אָפּגעמאָכעט פון לויפן, און מ'ברויכט זיך אָפּרוען, — נאָך אזא שטיקל ארבייט מוז מען עפּיס טרינקען, אזוי זעצט מען זיך נאָכגיכער אוועק אין א שיינקל, אין דער גרויסע שטאָט פעלט די סחורה נישט ; איז נישט לייזער איז — חיים, יאָקל, גרונם, א חלוק : ווי דער בעל־דבר הייסט, און צי ער האָט א געלע באָרד, א שווארצע, אבי די שיינק האָט ס'איינענע פּנים, מ'באַקומט אין איר א גלעזל ביר כשר, און א ביסל בראַנפן פון אונטער דער פּאָלע אפיר, אויף טרפה, — וואָס ברויכט מען נאָכמער ?...

טרינקט מען. און אז ס'ווערט שפּעט, די גרויסע געשעפטן פאַרמאַכן זיך. אין גאָס ווערט פינסטער ווי אין א זאַק, שוין דווקא אין די גרויסע שטאָט, — נעם כאַטש און גיי אויף דער גלייכע וואַנט ארויף ; און דער שיינקער איז אויך נישט לייזער, — ער קען אפילו זיין נאָך א גרעסערער שמענדריק, נאָר אזוי ווי ער האָט צו זיי קיין שום חוב נישט, און אז ס'קומט נאַנט

צו האַלבע נאַכט, ווײל ער נישט אויסשטיין זייער נאַר, און הייסט זיי זאָלן זיך פּאַקן אין וועג אַריין; „הע, בע, מע, אַזוי פּרי?... ס׳טאָגט נאָך נישט?...“ קומט ער אַלץ אַרוים אויף ס׳זייניקע: „ס׳איז נישט דאָ ווי אין אַ קליין שטעטל, מ׳זאָל קענען זיצן ביזן גראָען טאָג, און זיך אָפּקויפן ס׳לעבן פאַר אַ גילדן ביי אַ סמראָזשניק“! ער שפּאַרט־צו ביידע טירלאַך פון דער שיינק, ס׳העלפט נישט קיין חכמות, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט פּאַרט ביי זיי צוגענומען די פּאָר גימעלעך פאַרן ביסל פּאַמיעס, און אַ ביסל אויך: יוצא צו זיין, נישט גראָב אָפּירצוקומען, און נאָך אַביסל, און אפשר גאָר אַ סך, ווייל ר׳האָט מורא זיי זאָלן אים נישט אָנבערעכן די ביינער, — לאָזט ער זיי נאָך אַזוי זיצן ביי צוגעלענטע טירלאַך, און פאַרלייגט נאָך אַלץ נישט דעם אייזערנעם פּרענט; אָבער אַז ס׳קומט צוועלף, דער זייגער קלינגט־אָפּ: אַ גוטע נאַכט, אַזוי מוז מען אויפשטיין און מוחל זיין, און ס׳קומט ביי זיי אוים ווי אָנגעשמיסן און פון דער באָד אַרויסגעטריבן...

אין גאַס איז פינסטער. זייער קראַטיש, אומעטום איז פאַרמאַכט, פאַרהאַמערט, — איז עס אינדערהיים, אַזוי האָט איטלאַכער באַזונדער, אפילו אַזאַ בערילע, זיין ערטעלע, וואו מ׳קען נאָך צו אַלע צרות, פאַרשטופּן אַ נאַכט; גיי, זוך דאָס אין אַ פרעמד אָרט, זוך סתם אין דער וועלט אַריין אַ מקום מנוחה, וואו נ׳קאָפּ אָוועקצולייגן, ס׳בינטל ביינער?... נאָר דאָס איז אויך בלאָטע, — אַ נאַש־בראָט טאָר בייגאַכט נישט שלאָפן; ביינאַכט, — זאָגט בערילע שייגעץ, — ברויכט מען אויפזיין, און זען עפּים אָוועקצוטאָן; ווען דען לעבט מען אין די יונגע יאָרן, — מיינט נאָך עמיץ, אודאי אַזאַ גאון ווי בערילע, — אויב נישט ביינאַכט?... ווען דען לעבט מען?...

און מ׳נעמט קודם־כל — גיין; טאַקי אַביסל פאַרקנאַקט, און מ׳גייט דאָך; פּעסט און שטיל; די פּים זיינען שווער ווי די העלצער, אָבער זיי האָרכן נאָך דערווייל וואָס דער קאָפּ באַפעלט,

— צו טראָגן דעם לאַ־עליכם׳דיקן גוף ; נישט מער, אז יענער פּאַרלירט אים אַ רגע, אַזוי גיט ער זיך אַ וואַקל, אַ טאַטשע...
און פון דעם שכרות איז מען נישטמער ווי פּאַרטיפּט, מחמת די אויגן קלעפּן זיך, זיינען שלעפעריק, און ס׳איז זיך צו ריכטן — ווי דער גוף וועט סוף־כל־סוף נישט וועלן האַרכן דעם קאָפּ, אין אים מורד זיין, און ווען ער וועט אפילו מעגן טויזנט מאָל הייסן גיין, — וועט מען אים האַרכן ווי די וואַנט, און זיך אוועק־לייגן אין מיטן גאַס, טויטע...

און מיט אַמאָל, ווי ס׳קומט אויף זיי אַן אויפריכטעניש : פון אַן אייבערשטן גאָרן אין אַ הויז, זעען זיי, — לייכט זיך, און נאָך אַזוי העל ; זיינען אַלע שטובן אָפּגעגאָסן מיט אַ ליכטיגקייט ; הערן זיך געלעכטערן, מיידלשע קולות ; אַ רימפּל אויף אַ באַס, אַ בלאָז אויף אַ טרומייט, און חברה שטעלט פּיס, אַז איין וואָרט, — אַרויף ; ס׳נעמט נישט קיין האַלבע מינוט, — איז מען אויבן, און מ׳זעט : אַ חתונה פאַר די אויגן ... פּיין ... מ׳ברויכט גאָר נישט בעסער... און די הויט וואָס איז געוועזן געריגצלט — ווערט צוריק גלאַטיק, די אויגן — ליכטיקער ; מ׳פרעגט : מה שמכם ?... זאָגן זיי : רעקרוטן... דערפרייט מען זיך : וואוילע געסט... זייער, זייער אַנגעלייגט.... אַ חתונה, אַקאָרשט נאָך דער חופּה, מ׳האַלט ביי טישן, און מ׳גיט זיי גלייך בענקלאָך :

— איר וועט מיטהאַלטן...

ווילן זיי נישט.

— פאַרוואָס נישט ?... רעקרוטן... ס׳וועט געגוג זיין צו פאַרטיילן נאָך אַזאַ עולם ווי ס׳איז דאָ...

— זיי זיינען נישט געקומען אָהער עסן, — זאָגן זיי, — נאָר גלאַט דורכשטופּן די נאַכט...

און אַ תירוץ מיט אַן אויסרייד, אַ ליגן מיט אַ וואָרטצייכן :

— זיי מוזן אויפזיין ; ס׳שטיקל שלאָף קען זיי שאַטן

צום עסק; נישטמער: אַביסל בראַנפן, אַ גלעזל ביר, אויב ס'איז דאַ — וואָלטן זיי זיך דערמיט נישט געקרעקסט...

נו, פעלט דאָס אויף אַ חתונה ?...

זיצט באַלד חברה ביי אַ גאַנצן שטאַף אַקעוויט, און אַרבייט מעשים ; און נישט מ'טרינקט, נאָר מ'גיסט אינזיך אַריין, און מ'וואַרפט אייגלאַך צו די שיינע מיידלאַך, וועלכע רייטלען זיך פאַרשעמט , — מ'שמועסט זיך אַדורך בגנבה, אויף שטום לשון :

— הער נאָר, דו, מיטן ווייסן שליפּל, וועסט קומען מאָרגן צוגיין נאָכמיטאָג, צי אַ לידיקע באַנק אין גאָרטן ?...

— און דו, מיטן גראָבן צעפּל, שמאָלן נעזל, וועסט גע־דענקען צו זיין מאָרגן אין שמאָלן געסל ?...

דערווייל רוקט זיך אַרויס די סעודה, די פיש ווערן אויס פיש, ס'פלייש נישט קיין פלייש, ס'קומט אַלץ אַזוי אַוועק, אַז מ'ווייסט אַפילו נישט וואו ; בלויז ס'צימעס וואָס מאַכט נאָך באַ'טעם'ט ס'מויל ; דער מאַרשאַלעק נעמט גראַמען, און ס'כאַפּן זיך שוין אויפן אָרט האַפּקעס, — די אַלטע ווייבער קענען שוין נישט איינזיצן, זיי באַקומען דאָס, ווי הייסט עס דאָרטן — אויפן זיצ־פלייש, און מיט די לידיקע מיילער, אָן ציין, איינגעפאַלענע באַקן, נעמען זיי זיך דרייען האַלטנדיק ביי די הענט, ווי די פוסטע פליגל פון ווינטמילן, אין וועלכע מ'ברויכט שוין לאַנג האָבן אַרויסגענומען די שטיינער פון אינעווייניק, די גע־דערים...

מחותנים באַקומען היץ, און נעמען צו קלאַפּן מיט די הענט ; כלי־זמרים האָבן שוין צום איבריקן אַלץ פאַרפיקט פון די טישן אַראָפּ, געזען צום קאָפּ דאָס פעסל ביר, און זיך אָנגעלייגט יעדער איינער פון זיי אַ באַנדע, — אַז ער קען שוין באַלד נעמען שפּילן אויף זיין אייגענעם קעמל־פויק; דער פידלער נעמט אויפ־געלייגט „סטראַען", און ווען ער ציט אויס דעם ערשטן נשראַ־מענעם טאָן, פאַרט אַריבער מיט דער גאַנצער לענג פון סמיטשיק,

פון אויבן ביז אַרונטער, — גיט אים שוין ס'באַגלייט דער מאַר־
שאַלעק מיט אַזאַ אין ערד לאַנגן, שאַ־אַ־אַ —

ס'ווערט אַ גראַטשקע מיט דער מינוט ; מ'זעט גאַרנישט
ווי געשיקט די טישן קריגן פיס, און טראָגן זיך אַפּ מיט גוטן,
אָדער מ'נעמט ביי זיי ס'אונטערפירן פון שטוב אַרויס : די שטובן
זיינען צוריק ליידיק, און דער עולם אידן, ווייבער, וואָס איז פריי־
ער געווען באַזונדער, — מישט זיך אויס ; דער חתן איז שוין
איצט אין איין שטוב מיט דער כלה, און מיט אים ווידער,
— אַלע אירע מיידלאַך ; די פּנים'ער רייטלען זיך ביי אַלע,
די באַקן פלאַמען ; עלטערע אידן אין אַטלאַסענע יובעצעס,
נעמען זיך פאַר די גאַרטלען און דרייען זיך, דרייען זיך, גאַר
הויך, מעלה למעלה ; ווייבער — פאַר די הענט, וויגן זיך, וויגן
זיך, ווי מ'וואָלט זיי איינגעשלעפערט; און די כלי־זמרים שפּילן
שטיל, איינגעהאַלטן דאָס שלעפעריקע, כשר'דיקע, הייליקע, צי־
טערדיקע : ראַ־ראַ־ראַ... ראַ־ראַ־ראַ — — —

אויפן בוידעם, פיי־גע־לע,
שלאָפט דער רויטער ה־אַ־אַ־ן !
קנעט די קליפּה אַ טייגעלע,
און שדים ציילן מ־אַ־אַ־ן ! ..

אַזוי הוידען זיי זיך, וויגן זיך, און פאַרגייען ווי די שלע־
פעריקע וואָס קענען נישט איינשלאָפן און נישטמער אויך אויפזיין;
די קני ברעכן זיך ביי זיי איין, די לייבער לאָזן זיך אַראָפּ, טוקן זיך,
ווי אונטערגעטונקען זיך, און גלייכן זיך צוריק אויס; פאַלן־איין,
דוכט זיך, צום ליגן, און די פיס שטעלן זיי צוריק אַוועק...

און דאַ גיבן די יונגען מיט איינמאָל אַ שווים אַרויס, און
זיך אַ צעלאָז מיט פייער איבער דער שטוב; אויפגעלייגט איז
מען, אַ כוס'ע אין קאָפּ האָט מען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין :
„דזשימזשי... דזשימזשי... נישט אין האַרץ זיך שלאָגן, און
נישט — ס'פּנים קלאָגן ?..״ די בעסטע טענצער פון דער היים,
— באַווייזט מען טאַקי וואָס מ'קען : אַ קאַזאַצקע, אַ קאַ־

מארעסקע, א האפ־טשי־טשאק... א ראַכ־טשאכ־טשאק... הו־הא! הו־הא! ווי אויף א פויערשע חתונה אין א שיינק; די יונגען, אַלע מיטן אויג — שדים, דרייען זיך, שטעלן זיך אויף די קעפּ, גייען דאַ אויפן באלקן, גליטשן זיך אויף די הענט, שווימען אויף די בייכער, אזש בַיי די אידן פאלן־איין די הערצער; בעטן באַלד אזוי, טאַנצנדיק, מיט די שכור׳ע פנים׳ער, אזוי ווי אָרימע ציגיינער, אז די ווייבער גיסן טרערן מיט די אויגן...

מ׳טאַנצט, ביז די אידן, ווייבער, מיידלאַך, קוקן זיך אַרום: חתן־כלה זיינען אַנטקומען געוואָרן, די פארבאַרגענע האַנט פון די אונטערפירערס האָט שוין אָפּגעדרייט אַן עסק, געמאַכט א גראַטש, און נישט מער נישט וועניקער, ווי אַוועקגע׳גנב׳עט פון דער חתונה דעם חתן מיט דער כלה, — אזוי נעמען זיי זיך איינציקווייז אַרויסשאַרן פון שטוב ווי איבריקע, מיט א פאַרשעמט שמייכע־לע אויף די ליפּעלאַך, און מ׳לאָזט אזוי די יונגען טאַנצן פאר די ליידיקע ווענט — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — און ווען זיי קוקן זיך אַרום, די יונגען, טאַנצט שוין אין דרויסן...

אין עטליכע טעג אַרום האָט מען בשעת אזא אַנגעלויף אין שפּי־טאַל, ווי ס׳מאַכט זיך בשעת די דאָקטוירים קומען אַננעמען, צווישן אַנדערע נעמען, ווי:

— חיים מאַפּס.

— איציק קלאַפּס.

— חייקל טרעפּער.

— צדוק שלעפּער.

אויך אָנגערופן:

— בעריל קלאַק...

און ביים גאַנצן רעדל וואָס האָט זיך געפּאַקט אויף דער טיר, נישט ווי דאָרטן אין דער היים, אין „פּאַוויאַט“, מ׳איז געשטאַ־

נען גליך, ס'האט זיך געצויגן די קיים מיט גלאנץ, מיט הרחבה, נאר להבדיל ווי אין באד, — אזוי האט ער זיך אויך געפאקט, גע־קראכן אויף דער טיר...

אינוועניק, צום דאקטאר, האט מען זיי אריינגענומען — א שטיק דרייסיק יונגען אויף א מאל, צווישן וועלכע ער, בערילע, איז דאס מאל אויך מיט מזל געווען, און זיי קודם געהייסן אלע־מען זיך אויסטאן; דער דאקטאר, שוין אין א ווייס פארטוך, מיט א גלאט אויסגעראזירט פנים, זיצט ווי קיינמאל נישט, — ביים טיש, אויף וועלכן עס שטייט א גלעזערנער סלאי מיט וואַ־טע, און ס'ליגן רערלאך, ביינדלאך, דאקטארישע שטעבערס און גלעטערס; און באלד ווי די יונגעו בלייבן נאר שטיין מוטער־נאקעט, אזוי גייט ער אפיר, און, — אן איינפאל פון א דאקטאר, — צעשטעלט זיי אין שרענגעס, זיבן־אכט אין א שרענגע, און נעמט רעגירן מיט זיי; איין שרענגע הייסט ער לויפן: איינס, צוויי דריי, — און בשעת די איינע לויפט גליך און מיט טאקט אויף דער גלייכער וואנט, הייסט ער א צווייטע זיך זעצן ארויף און אראפ, אויפהייבן און אראפלאזן, אין איין אטעם; א דריטע ווידער נעמט זיך, אויף זיי קוקנדיק, — בייגן ביז אין דער העלפט, און מאכן דערביי מיט די הענט, זיך אויסציען אין די לענג און אין דער ברייט...

און אזוי ווי חברה ארבייט פלייסיק און מיט געשמאק, אזוי דוכט זיך ווי ס'וואלטן דא נאר נישט געווען קיין חולאים אין א שפיטאל, נאר ערגיץ אין א פשוט חדר, וואו דער דאקטאר איז נישט מער ווי א גוטער רבי פון די קונצן, און קוקט זיך צו מיט גרוים הנאה, ווי געשיקט זיי מאכן דאס די חכמות...

באלד אבער זעט מען, ס'איז א דאקטאר ווייל ער נעמט גליך דאס רערל, און אזוי גיך ווי די ערשטע שרענגע איז אפגעגאנגען אמאל פופצן הינ־און־צוריק אויף דער וואנט, — שטעלט ער איר אפ, און נעמט ארומגיין דערמיט פון הארץ צו הארץ, ביי איטלאכן יונג באזונדער; טוט ביי דעם א האַרך, א שמעק, א שניפּ, —

ביי איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ פּנים: ווי ער וואָלט גע־וואָלט אויפכאַפּן דאָס אַנשטרענגען זיך פון האַרץ, נאָכן לויפן; ס׳טרעפט: דאָס ביי וועלכן גיט ער בלויז ליכט אַ האַרך, און ביי וועלכן מער, און נאָך ביי וועלכן — בלייבט ער שוין אינגאַנצן שטיין, אַזוי ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ באמת קראַנקן, און פרעגט זיך אוים מיטליידיק:

— ווי לאַנג ר׳ליידט שוין?...

— און צו ר׳האָט אַנפאַלן?...

און קערט זיך אום צום שרייבער, וועלכער שטייט גרייט מיט די פאַפּירן פון איטלאַכן יונג באַזונדער, — גיט אים עפּיס אַ זאָג, וואָס יענער פאַרשרייבט אויפן יונגס חשבון: און נאָכדעם ווי ער האָט שוין די דאָזיקע באַהאַרכט, גיט ער איר איבער די אַרבייט פון אַ צווייטע, — וועלכע זעצט זיך אַרויף און אַראָפּ, און נעמט זיך ווידער יענע באַהאַרכן, באַטאַפּן, באַ־קוקן, און הייסט איר ווידער לויפן הין־און־צוריק; פאַרטווישט צווישן זיי די מלאכה: יענע וואָס בייגט און ברעכט זיך, — הייסט ער זיך זעצן אַרויף און אַראָפּ, צי פאַרקערט: די וואָס לויפן הין־און־צוריק, הייסט ער זיך אומבייטן מיט יענערס אַרבייט, און ער אַליין, דער דאָקטאָר, שטייט צווישן זיי, זוכט צו דערגיין ס׳האַרץ, וויל איינשטעלן דעם אָטעם, ביי איינעם מער און פאַר־אינטערעסירטער, דעם אַנדערן ווייניקער און גלייכגילטיקער, — ביז ער קומט צו בערילען, און גיט אים אַ האַרך צום האַרץ, אַ טאַפּ־אַן ס׳פּנים, די שווערע מוסקולן אויף זיינע הענט, פרעגט ער זיך מיט אַ שמייכל:

— ווי אַלט ער איז?... און מיט וואָס ר׳האָט זיך פאַר־נומען?...

זאָגט ער אים:

— דאָס ווייסטו אַליין, ווי אַלט מ׳איז, מ׳שטייט צו די זעלנער!... אפשר מיינט ער: מ׳האָט אים, אויף זיין שיין פּנים קוקנדיק, — גערופן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער?...

נאָר אַז דער דאָקטאָר פרעגט אים :

— צי ער איז נישט אַמאָל קראַנק געווען ?...

הייבט ער, בערילע, מיט די אַקסלען :

— ער ווייסט גאָר באַלד נישט פון אַזאַ זאַך, ווי קראַנק זיין...

שמייכלט דער דאָקטאָר :

— ווייסט נישט, צי וואָס דער דאָקטאָר האָט דיך דאָ אַהער געשיקט ?...

הייבט ער די אַקסלען :

— וואָס ווייסט ער ?...

שמייכלט דער דאָקטאָר, און קלאַפּט אים גוטמוטיק אין דער פּלייצע אַריין :

— ער מעג זיך שוין צוריק אַנטאָן, און גאָר נישט איבער־קלערן, ווייל ער וועט אָן שום ספק זיין פריי...

און אויף צומאָרגנס, איז ער שוין, בערילע, אויסגעשריבן פון שפּיטאָל...

א זעלנער

ס'איז שוין געווען שפעט אויפן הערבסט, הערבסטלאך־שפעט; די בלאטעס זיינען געווארן וואס א מאל טיפער, און געפערלאכער; מ'וואלט שוין באלד נישט געקענט מער, אויב ס'זאל נאך געווען אזוי טריפן, קאפיען, — אריבערגיין א גאס, נאר ס'גאנצע גליק: וואס די ווינטלאך האבן באצייטנס אנגעהויבן אנקומען, שניידיקע, בייסיקע, און אויפגעפרעסן די בלאטעס, זיך גאר נישט געקענט זאט־עסן מיט זיי; און די ערד פלעגט שוין בלייבן נאך יעדע נאכט מיט אזא הארטלאכע שאל איבערגעצויגן, א דינע הויט אפילו, וואס פלעגט אויפצומארגנס פלאצן, ווייל אונטער דער הויט, אונטער די פעלץ, — איז נאך געווען גענוג שיטערס און געדיכטס, אין וועלכע מ'האט זיך געקענט באדן ביז איבערן גארטל, און וואס דער איינציקער מלאך־המות זייערער האט נאר געקענט זיין א פראסט, א פייערדיקע פראסט; דערווייל האבן זיך די מענטשן געהאלפן, און אין דעם זכות פון די ווינטן זיך גיכער געקענט אריבערכאפן ערגיץ וואו, וואו מ'האט באדארפט זייער גענייטיק האבן.. און פלעגט א וואגן דורכן שטעטל זיך פארביישלעפן, האבן שוין די פערד זיך געהאט צו באלעקן, א שווארצע קאפ אויסצוריכטן, און געווארן גיט אויסגעריסן, — געמוזט אזוי ציען מיט די זייטן, אזש די קעפ זיינען גאר וואו אוועק פון די געשפאנען, און דער בעל־עגלה, דאס פייערל האט זיך גאר צעריסן, שעלטנדיק:

— כ'וועל נאך דא דער'הרג'ענען די פערד איבער די בלאטעס; כ'זאל געווען וויסן: מ'קען דא אזוי איינגעזינקען ווער'ן — וואלט איך בעסער געווען אנגעלייגט נאך אמאל אזוי פיל וועג, און אוועק צו דער זעג מיטן קלאץ, אדער מיט דער תבואה אין מיל, מיט אן אנדערן וועג...

און ס׳פארבלייבט שוין אין דער בלאטע א „קאליע" פון צוויי לאנגע טיפע שניטן, וועלכע פארגייען זיך שוין מער נישט פון שיטערקייט, נאר בלייבן אזוי ווי אויסגעשניטן מיט א שארף מעסער, — פון הארטע רודע...

אויך דער הימל איבערן שטעטל איז שוין ווייט נישט מער דער זעלביקער ; ער האט געקריגן אזא אומפארענדערלאכע מראה פון גראען שפינוועבס, איינ־און־די זעלביקע קאליר פאר אלע טעג דורכאנאנד : גרא־וואלקנדיק, א נישט — גרא־באפלעקט מיט ווייס, וואלקנדיק צעריסן, ווי צעווארפן מיט אפגעבראכענע שטיקער מארמאר...

דער היי־יאריקער ליאס אין שטעטל איז שוין אזוי גוט ווי געווען טויט, אפגעשטארבן, און געלעגן א בר־מנן מיט די פיס צו דער טיר, וועלכן מ׳האט נאר באדארפט זיין רעכטס טאן, אויסנעמען א גרוב און אוועקטראגן אים באגראבן ; דער עולם האט שוין געהאט פארגעסן אין זיינע ליידן און פריידן, אוועקגעווארפן, ווער ס׳האט געקענט — זיינע „פעקלאך", און וועמען ס׳איז שוין נעבאך אויסגעקומען זיך מיט זיי צו האלטן ביזן גרוב אריין, — יענע האבן זיך געסטארעט ווי ווייט מעגלאך דאס צו פארגלעטן ; ווייל, אויף וויפיל ס׳איז פריער געווען א מעלה צום נעמונג, איז עס אצינד אויסגעקומען א חסרון צו א שדוך ; ווארים, אויב א טאטע האט געקענט מיטגעבן זיין טאכטער א קיילעכדיקן טויזנטער, — האט ער געזוכט אזא יונג, וואס זאל זיך דווקא נישט האבן אנגעטאן צום טויט, ביים ארויסקריגן דעם בלאען אדער ווייסן בילעט, נאר מער דורך מזל, פאר געלט ; און די אלע יונגעלייט, בחורים, וואס האבן זיך ארומגעטראגן מיט די בלאע און ווייסע בילעטן אין די קעשע־נעס, — האבן זיך אויסגעשטראנצט ווי די פאנעס, געווארן גאנ־צע צעלייגערס ; די בחורים ווי די בחורים, נאר ביי זייערע טאטע־מאמעס איז שוין גארנישט געווען מיט וואס זיך אויסצוקויפן ; זיי האבן זיך איינגעשאצט דעם בלאען בילעט, נאכמער ווי דעם

וויסן, — מי־יודע, וואָס פאַר אַ כלות ס'קומט זיי דאָ דער־פאַר!... אויב נישט מיט גילדערנע קרוינען אויף די קעפּ!...

אין שטאָט איז שוין צוריק געווען שטיל, ווי קודם מתן־תורה, פאַרן נעמונג; גאַנצע פּאַרטיעס פון די צוגענומענע רעקרוטן האָט מען שוין פון לאַנג געהאַט משלח געווען אין דר'ערד־אַריין, — העט־ווייט צעשיקט איבער גרויס־רוסלאַנד; מגלגול געוואָרן אין אַזעלכע שטעט און דערפער, און צווישן אַזעלכע אומות, וואָס נישט זיי, נאָר זייערע עלטער־זיידעס האָבן אפילו פון זיי נישט געוואוסט צו חלומ'ען; איטלאַכן טאָג בענוי, האָט דער צוג זיך אַנגענומען און אָנגעפילט מיט אַ הויפן יונגען, רעק־רוטן, — און געלאָפן מיט זיי פון מערב אויף מזרח, זיך אויסגעדרייט צווישן דרום און צפון, אַהין־און־אַהער, אַהער־און־אַהין, זיך געדרייט און געשלענגט, און אין יעדער שטאָט וואָס אויפן וועג, — עפּים אויסגעשפּיגן ,פּאַרלוירן, און נאָכדעם גע־קומען צוריק אויפן אייגענעם אָרט, אויפן אַלטן, — ליידיק, און זיך דאָ ווייטער אָנגענומען מיט זיי, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, פּונקט ווי ס'איז דער פאַל מיט אַ צעבער ביי אַ ברונען, וואו ס'ראָד הערט נישט אויף זיך צו דרייען, גייט אַלץ אינאיינעם אַראָפּ און אַרויף, נעמט זיך אָן מיט וואַסער און ליידיקט זיך אויס, אָן אויפהער; נאָר אויב אַ ברונען נעמט זיך אויס, מכל שכן: רעקרוטן, האָט זיך דער קוואַל פון יונגען, שקצים אָפּגערעט, — אודאי אויסגעשעפּט; און ס'איז פון דעם גאַנצן ים נישט מער געבליבן ווי אַ קליין .רעשטל, אַ יתר־הפּלטה, איינער און איי־נער, — אָפּגעציילט, און פון פיל איינציקע, נאָכאַלעם, — אַ היבש אָרנטלאַך ביסל, אַ גאַנצער באַרג, שיינע עטליכע מנינים; מיט די דאָזיקע אַ פּנים, איז ס'אָפּגעבן זיי פאַר זעלנער נישט אַזוי גלאַטיק צוגעגאַנגען; און מ'האָט זיך נישט ווייניק געמוטשעט מיט זיי; זיי אומגעוואָרפן פון דער „פּריסוטסטוועַ" אין שפּיטאָל, פון שפּיטאָל אין גובערניע, און פון דאָרטן נאָך ווייטער, — וואו מ'האָט אין ערגיץ נישט געקענט אַדורכקומען, האָבן ווענן זיי

אַ באַשטימטע רעה, זיך אַרומגעקריגט און אַרומגעריסן ביי די קעפּ, און נאָך אַלע חלוקי־דעות, דרינגען און אַריינלערנען אין עסק, אַז מ׳איז שוין ביי וועלכן געקומען צו אַ הסכם, ס׳הייסט: אַלע שערי־רחמים זיינען שוין געווען אָפּגעשלאָסען, און מ׳האָט פאַר דעם יונג נישט מער אין ערגיץ געקענט אָנשפּאַרן, און אים אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער, — אַזוי איז דאָס אַרויסגעקומען העט אַרום די פּוילישע „ווילי׳ע“, „נאַווי־דאָק“ צייט, און האָבן זיך דאָס איצט אַרומגעדרייט אין שטאָט, געהייסן פון די פאַר־שפּעטיגטע, און געוואַרט אויפן לעצטן עטאַפּ, וועלכער וועט זיי, גאָכדעם ווי זיי וועלן זיך האָבן אויפגעקליבן ביז איינעם פון די ווייטע לעבער, שפּיטעלער, — סוף־כל־סוף קומען צונעמען; און אַזוי ווי ס׳איז שוין צו דער צייט געווען גוט קאַלט, האָט מען דאָרט וואו מ׳ברויך שטאַרק איבערגעקלערט, ס׳זאָל זיך ווער פון די יונגען דאָ נישט פאַרגלוסטן אַריינצוליינגן אין בעט, — און זיי אַרויס־געגעבן פון „טשעכהויז“ אַזעלכע גראָבע ווייסע שטיוועלעס מיט לאַנגע הויכע כאַליעוועס איבער די קניע, און מיט ברייטע, קיילעכדיק־אָפּגעשנימענע שפּיצן, גאַנצע יאַפּעס; ווייסע פעלצ־לאַך, קורלאַטע, וואָס פון הינטן האָבן זיי אויף זיך געהאַט אַ געזונט רוי פעל, נישט קיין אויסגעאַרבייטס, — וואָס האָט נישקשה׳דיק געוואַרימט; נאָר וואָס פון אויבן איז אויף דעם געווען אַזעלכע שטינקענדיקע קודלעס, וואָס האָבן גע־אויר׳ט אויף אַ מייל פון דערווייטנס, פון זיך אַרויסגעגעבן אַזאַ מין געסראָכע, וואָס האָט אָפּגעדרייט די נאָז; דעם קאָפּ האָט מען, צוליב דרך ארץ, — צוגעטיילט אַ פּאַפּאַכע, אַזאַ גרויס היטל פון שעפּסענע פעל, גראָ־געפלעקט, אָדער: ווייס אויף שוואַרץ, אַלצאיינס; די דאָזיקע היטלען זיינען געווען אַזוי ברייט, אַז זיי זיינען אויפן גרעסטן קאָפּ נישט בלויז טיף געזעסן, נאָר געלעגן איבער די אויערן, און דערמיט געמאַכט פאַר גרייטע קאַצאַפּעס...

די דאָזיקע צונעגומענע לייט, האָבן זיך אַזוי אַרומגעדרייט,

ארורכשווארצט זיך פאר די אויגן, דא־דארט, איינציקע, אין צווייען, געווארט טאקי אויפן לעצטן עטאפ וואס זאל זיי קומען צונעמען, און דערווייל ביז ווען־וואס נאך אמאל צו וויסנ־געמאן: זיי זיינען נאך נישט מיט אלעם אוועקגע׳פגר׳ט; אזוי, גייען זיי זיך טאקי געלאסן, ווי זיי וואלטן גארנישט געהאט מער צו טאן מיט די שטאט, נאר מיט יענע מקומות וואו מ׳איז באשטימט אוועקצוגיין, און וועגן וועלכע מ׳שמועסט זיך טאקי גאנץ ברייט אדורך:

— וואו גייסטו?

— קיין אמור!

— און דו?...

— טיפלים!

— דער?

— אין אסטראכאן!

— יענער?

— סאמארקאנד!

און ווען די איינגעהויקערטע אידעלאך דרייען זיך אין גאס, בלאזן זיך אויף די נעגל, — און זייערע ווייבער שטייען אויף די בענקלאך און פארקלעפן די שפארעס מיט די לעבער מיט ליים, — מאכט זיך, אז די יונגען גייען דענסטמאל ארוים פון די כלים, זיינען שטארק אויפגערוימט, און ס׳לאזט זיך הערן דאס געשריי זייערס, א שטיל ווייט גערויש ערגיץ אויף א גאס, דוכט זיך: עפּיס אזוי פרעמד און נאכאלעם — אזוי היימיש, באקאנט, נאר וואס ס׳אויער איז שוין אפגעוווינט פון צו הערן דאס; ס׳געהער כאפט נישט דערווייל ריכטיק אויף דעם קלאנג, נארט זיך אווילע אפ, נאר אזוי גיך ווי ס׳געשריי שטארקט זיך, כאפט מען זיך סוף־כל־סוף אין די איינציקע געציילטע יונגען וואס שלאנדרעווען ארום, און מ׳געדענקט אזוי ווי אין חלום: ס׳איז נאך עפּיס־וואס געבליבן אין שטאט, א העקעלע, א קליין טראפּעלע פון א גרוים וואסערל. וואס ס׳זומערל

האט שוין מיט אלעם געהאט אויסגעטריקנט, און נאר וואס איז מיטנדרינען, ווען ס'איז שוין דוכט זיך, אוים מיט אלעם, גאר־גאר, קומט א רעגן און לעבט עס צוריק אויף, און עס נעמט רייסן ווי עפים רעכטס. — די טאטרעס פון ברעג, אראפטראגן ס'היי פון די לאנקעס, די תבואה פון די פעלדער, — אט דאס קליינע איבערגעבליבענע טראפעלע פונם אוועקגעקומענעם וואסערל, ס'ארא כח ס'האט, — ווי ס'לעצטע רעשטל פון דער גאנצגרויסער מחנה רעקרוטן, וועלכע איז שוין פון א גוטע מינוט געלעגן ערגיץ איינגעקוועטשט, און געטאפט א וואנט אויף „סלוושבע"...

און די אייגענע ווייבער, אידן, נעמען גיך אראפלויפן, זיך פארשטעקן אין די טויערן, — איילנדיק פארמאכן די טירן פון די קראמען, ווי אמאל אין די רעכטע גוטע צייטן פון נעמונג... זיי ווייסן:

— ס'זיינען נאכווייען... און אפשר די לעצטע נאכווייען פונם נעמונג, וואס גוסס'ט שוין צום איבריקן, און וועט באלד אפשטארבן מיט אלעמען...

אין דער שפעטער צייט איז בעריל שייגעץ געקומען אהיים; באטש ער האט געקענט קומען מיט דער ערשטער מינוט, אזוי ווי מ'האט אים געהאט אויסגעשריבן פון שפיטאל, נאר אין דעם וואס ער איז נישט געפארן אהיים, איז אים א שטיק שולדיק געווען די שטאט, וואס האט זיך ארייגעלייגט ווי א נישטגוטס, אים צוגעהאלטן מיט צוואנגען, און דוקא נישט ארויסגעלאזט; אזא טבע, א פנים, האבן שוין אלע גרויסע שטעט, וועלכע ווארפן אן אייג אויף א מענטש, אדער דער מענטש ווארפט אן אויג אויף זיי, ווערן זיי אזוי צוגעלאזט איינער צום אנדערן, אז ס'קומט זיי שווער־אן, מיט סכנות־נפשות — זיך צו צעשיידן; פונקט ווי מיט א שלעכט ווייב, א שלאק, א צרה, א מרשעת,

— ביי וועלכע דו קענסט שפּייען מיט דער גאַל, ביז דו וועסט אָנקומען צו איר; זי וועט דיר ווייזן טויזנט חנ'דעלאַך, מינעלאַך. ווײַזען: פּיסעלאַך, הענטעלאַך, און קוים האָט זי דיך שוין אין אירע לאַפּקעלאַך, — געזעגן דיך, ברודערל, וואָרים דו וועסט מער נישט אַזוי גיך אַרויס פון אירע נעגעלאַך, ווי לאַנג זי וועט נאָך פילן אין דיר אַ גאַנץ אבר'ל...

געקומען בערילע, און זיך ראשית, אַוועק ווייזן פאַרן טאַטן, דעם „וואָויסקע נאַטשאַלניק", וואָס רופט זיך דער טאַטע פון אַלע זעלנער, — אַזוי האָט ער אויף אים אַ שטעל־אויף געגעבן, דער ליכטיקער טאַטע, אַ פּאָר אויגן, איינצושלינגען: „וואו האָט מען זיך דאָס אַרומגעשלייעט ביז אַצינד?..." „וואָס איז דיר אַ נפקא־מינא"?... — האָט אים בערילע אָנגעקוקט, — „כ'בין עפּיס דיין מענטש?..." „אויב נישט מיין מענטש", — האָט דער „וואָויסקע נאַטשאַלניק" געלאַכט — „וועל איך דיך מאַכן פאַר מיין מענטש!"... און אים גלייך געבעטן מטריח זיין אין „טשעכהויז", וואו מ'האָט מלביש ערומים געווען, פון קאָפּ ביז צו די פיס; אָנגעטאָן די ווייסע שטיוועלעס, דאָס ווייסע פעלצל מיט דער הויכער פּאַפּאַכע, און גלייך אַריינגעזעצט אין קאַזאַרמע: „דאָ, ברודערל, ליג איינגעלייגט"... נישט חלילה אונטער קיין „אַדוואָקאַד", נאָר אַ „דניעוואַלני" פאַרן טיר איז דאָך געשטאַנען, און אַרויסגיין האָט מען, אַליץ איינס, ווי פון אַ תפסה, — נישט געקענט; איז ער געבליבן זיצן, בערילע, און געווען אַזוי צוטומלט אין דער ערשטער רגע, ווייל ר'האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אַזאַ פּאַלקע, ר'זאָל אַזאַ סוף איינעמען, און באַלד, זיך אויסניכטערנדיק, — אַ ברייטן שפּיי־געטאָן: „וואָס, האָב איך מיר דען אַמאָל איינגערעדט נישט צו גיין דינען"?... ס'האָט אים נישט מער ווי פאַרדראָסן: וואָס מ'האָט אים דאָ אַזוי שיין איינגעוויקט, — ער איז גאָרנישט געווען איינגעוועגט ר'זאָל באַדאַרפן זיצן ווי אַ פויגל אין אַ שטייגל; מיט דעם איינעם, וואָס ס'איז בלויז געבליבן אַן אונטערשיד פון אים ביז אַ קרימינאַלניק, וואָס ער האָט

געמעגט בריוח זיצן נעבן פענסטערל, און קוקן איז דרויסן, זען אומגעשטערט — ארים אפגעשניטן פעלד, פארווייקט־בלאטיק פעלד און וואר־נישט־וואו א הייזל; ווייט ארויס־צו, ביים וועג — א שלאג־באן, שינעס, אויף וועלכע ס'האט נישט גערוט, און א צוג איז אלע ווײלע אדורכגעלאפן; אמאל: א לאנגער, צו־גויפגעהעקלט פון א סך רויטע וואגאנען, וואס האט זיך אזוי שלעפעריק געשלעפט און אמאל — א קורצער, אבער דערפאר פון פיינע עמאלירטע וואגאנען, וואס האט אזוי שנעל פארביינע־שוועבט...

קוקנדיק אזוי אויף די צוגן, האט ער זיך געטראכט:

— דאס איינער פון זיי, נישט קיין חלוק: אויב ס'וועט זיין אזא גיכער, א שוועבנדיקער, צי א רויטער, א שלעפעריקער, — וועט ער אים אלצאיינס, ווען־ס'איז אמאל אוועקשלעפן אין דר'ערד אריין; און ס'גייט אים דען אין לעבן: אויב ר'וועט גיין מיטן שלעפער, און אנקומען אויפן ארט מיט א חודש־צוויי שפעטער, אז מער דינען ווי די צייט זיינע איז אין פיעבאטע, דריי יאר, — וועט ער נישט...

ס'איז אים געווען זייער אומהיימלאר, און זענדיק דורכן פענסטער, ווי ס'ווערט טאג, ס'ווערט נאכט, און ער איז דא אלץ אליין מיט זיך, אין סאמע ראַנדע מיטן שטאט, און אזוי ווייט אוועק פון איר, נישט קיין חלוק: א האלבע וויארסט צי דריי טויזנט מייל, אויסגעקוקט, מ'זאל אים וואס גיכער אוועקשיקן; זעלטן ס'איז דא צוגעקומען עפים א קלאנג, סיי ס'האט אויס־געבראכן א שריפה און מ'האט גענומען קלינגען אויף דעם איינ־ציקן גוואלד־גלאק, וואס הענגט דא הינטער דער שטאט, הארט פאר דער קאזארמע, צוזאמען צו רופן די „סטראזשאקעס" וועלכע וואוינען דא צעווארפן אין די קליינע איינגעביקטע הייזלאך; ווייטער מער האט ער שוין פון דער שטאט נישט געוואוסט, איר נישט אנגעקערט גאר, געווען מער איר מענטש, ר'זאל זיך קענען נאכגעבן עפים צו וואס א שטייגער, ס'שמעקט אמאל אז, און

מ׳קען נאָר רק קריגן אין שטאָט ; ער איז שוין נישט מער געווען ביי זיך, ס׳זאָל אים בכלל מעגן אָנשמעקן צו עפּיס אַנ־דערש, וואָס ס׳איז נישטאָ דאָ אויפן צעטל; כאָטש ס׳איז דאָ געווען פון אַלעם גוטן, נישט געפעלט פון קיין פייגל־מילך, ווייל מ׳האָט צונעטראָגן אַהער פון די בעסטע מעדנים, און ער וואָלט זיך אפילו געקענט אויסביטן, אין דער אייגענע קאַזאַרמע, אַ הינדעלע געפּרעגלט אויף פּוטער ; נאָר ווייל דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט קאָסטן גוט געלט — און אויף דעם איז ער, לא עליכם געווען קראַנק, טויט חרוב אויף דער קעשענע ; אַזוי האָט ער קיין ברירה נישט געהאַט, און געמוזט לעבן מיטן קייסערס קעסט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שפּאַרע פּאַרציע שוואַרץ־ראַזוואָגי־ברויט יעדן אינדערפרי, מיט הייס־געקאָכטע וואַסער, — „קיפּיאַטאָק" ; טיי, אויף צו פאַרבריען ס׳וואַסער, האָט שוין ביי „קאַזנאַ" אודאי נישט אויסגעטראָגן, אַדער דאָס געזוכט איינצושפּאָרן ; האָבן אַ צעלאָזענע קישקע, און וועלן צוגעבן טיי פאַר דרייסיק מיליאָן זעלנער?... ער איז געוואָרן אַ שותף מיט אַ קליין הילצערן לעפעלע, וואָס ער האָט מיט אַלע אַנדערע צוגלייך געהאַט שטעקן אין דער באַלעווע, — צו אַ גרויסן ציבער מיט קרופּע, שיטערן באָרשט, קרויט מיט אַר־ביס, אַרום וועלכן ס׳האָבן זיך אַרומגעזעצט אַ שטיק חברה־לייט צען אויף אַמאָל ; יעדער איינער טונקט־איין זיין לעפעלע און שעפּט פון ציבער גלייך אין מויל אַריין, — און מחמת ס׳איז הייס, ס׳עסן בריט, קאַכעדיק, און די נשמה גייט פריער גוט אַיים. ביז מ׳דערלעבט שוין צו זען דאָס טייערע מאכל, אַזוי האָט מען נישט קיין געדולד צו וואַרטן ביז ס׳וועט זיך אָפּ־קילן, — און מ׳נעמט כאַפּן, שלינגען, זיך בריען די צונגען, ס׳מויל, אויפן הייסן; נישט, מ׳וויל עסן, נאָר גערן איינגעשלינגען דעם ציבער־קרויט מיט די אויגן... און אַ שטיק, ווייל ס׳איז זיי אויך אַ שאָד ס׳זאָל עטוואָס אַוועקקומען, קאַליע ווערן, — האָבן זיי בשעת־מעשה, ווי זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרומן

ציבער, אריבערגעבויגן די קעפ איבער אים, ווי די קעלבעלאך איבער דער קאריטע, און וואס ס׳האט זיך פאר הייסקייט, — צוריק ארויסגעגאסן ביי זיי פון די מיילער, און געכליניעט, — גארנישט, חלילה, געגאנגען לאיבד, פארפאלן, און פארגאסן גע־ווארן אויף דער ערד צי ערגיץ־אנדערש־וואו, נאר צוריקגעקומען צום פריערדיקן, צום אורקוואל ,אין ציבער; און דער ציבער האט געהאט די אייגענע מעלה וואס א קוואל, א שפרודל, וועלכער איז נאר פון אויבנ־אויף אזוי קינציג אויסגעארבייט ווי א בעקן פון א פאנטאן, אז פון דעם וואס ער שפריצט־ארויס, שלאגט ארויס פון זיין טיפעניש, — ווערט חלילה, קיין איינציקער טראפן נישט פארלוירן ; און וואס די לייט באווייזן נישט אויסצו־שעפן מיט זייערע לעפל, הענט און מיילער, — קומט עס צו־ריק, מסתמא אויפן אייגענעם ארט, און דאס פארמינערן זיך פון קוואל ווערט פאר א לאנגע צייט נישט אנזעענדיק ; נאר אויב א קוואל נעמט זיך אויס, וועט זיך א ציבער מיט קרויט, און נאכדערצו ביי אזעלכע זולל־וסובא׳ס, — נישט אויסנעמען? ...

עטליכע מאל האט ער זיך געפרואווט, ווי ער, בערילע, ארויס־צוקריגן מיט קונצן פון דארטן, אבער זיינע קונצן האבן זיך אלעמאל אנגעשלאגן אין דער גלייכער וואנט ; און איינמאל, ווען ער האט שוין אינגאנצן געהאט אויפגעמאכט ס׳פענסטערל, געוועז מיט איין פוס פון יענער זייט, — האט אים אנגע־כאפט א „טשאסאוואי" אויף וועלכן ער האט זיך גארנישט נעריכט, יענער זאל פון דרויסן שטיין, — און אויסגעשריגן :

— שטיי ! אויב דו רירסט דיך, שיס איך...

און בערילע איז ווייטער געבליבן איינגעווייקט...

פארנאכט איז „פאוויערקע". ארום ניינע א זייגער מאכט מען צום דריטן מאל די קונץ, און דענסטמאל, ווילסטו : מאך די ברכה, לייען קריאת־שמע, א נישט קענסטו זיך בחרפתינו אויסציען אויף דער קויקע, אום קריאת־שמע געלייענט, און גאנץ שיין ליגן ; שלאפן איז געווענט, — אויב ס׳נעמט דיך א שלאף

פאַר די אויגן, וועט דיר קיינער נישט שטערן, צומאַלט נישט איבערוועקן, און אויב נישט, — מוזטו אויך ליגן, ליגן אין דער פינסטער און קוקן: ווי איבער דער גרויסער קאַזאַרמע ליגן אויף די קויקעס אויסגעלייגט די יונגען, איינער נעבן אנדערן, איבערגעדעקט מיט די קאָלדרעס, און טראַכטן, — דאָס ביי לייטן הייבט זיך ערשט איצט־אָן דער טאָג, און דאָ מוז מען שוין ליגן איינגעלייגט, נישט גראָד ווייל ס'איז שוין נאַכט, נאָר ווייל מען הייסט: ס'זאָל זיין נאַכט... און דאָס איז אויך גוט, אַז מ'קען נאָכדערוויילע אַזוי ליגן איינגעלייגט, פאַרבראַקט ווי אַ הערינג אין פאַס, און זיך נאָך אויסרוען ס'בינטל ביי־נער, — וואָרים היינט־מאָרגן, ווייסט יעדער, אַז מ'וועט נאָר אַרויסשיקן אין די פּולקן, וועט מען שוין דאָרטן נישט וויסן מער פון דעם פאַרגעניגן און האָבן דעם תענוג, נאָר אין מיטן דער האַלבער נאַכט, זיך וועניק אַנגעלאָפן איבערן טאָג, וועט מען קלאָפּן אַ טרעוואָגע: „ווסטאַ־וואַי“!... און ווידער טרייבן, וואַרפן, יאָגן, אַרויסיאָגן פון זיך די קישקעס מיט די געדערים...

אין עטליכע טעג אַרום באַווייזט זיך אין קאַזאַרמע דער סטאַרשי, און פרעגט אויס ביי איטלאָכן באַזונדער:

— וויפיל פאַר הויזן ער האָט?... לייבלאַך?... העמ־דער?... שפּענצערס?... און נאָך פון אַלע איבריקע זאַכן, וואָס אַ זעלנער איז אָן זיי גאָר קיין זעלנער נישט...

און אַז ס'קומט צו בערילען, הייבט ער מיט די אַקסלען:

— ר'האָט גאָרנישט...

— נישט קיין העמד?...

— ניין...

— אַ לייבל?...

— ניין...

— אַ קוילער גאָרן?...

— ניין...

— א נאדל־פאדים ?...

— ניין...

— א באַרשטל צו די שטיוול ?...

— ניין...

— א פידעלע שוכוואקס ?...

— ניין...

שמעקט עם נישט דעם סטאַרשי...

— עפּיס אזעלנער, אַז אַלעם ?... וואס ביזטו פון א שטיין ארוים ?... האסט נישט קיינעם וואס דו זאלסט אנגיין ?...

זאגט ער, בערילע :

— כ׳וואלט געקענט ארויס אויף דער שטאט, וואלט איך פון אַלעם געהאט...

לאזט ער אים ארוים, בתנאי־זה :

— ער זאל זיך איבערמאַרגן אינדערפרי צושטעלן אויפן באַן, שוין מיטן קעסטל זאכן אינאייינעם, ווייל ער גייט אוועק מיט דער לעצטער פּאַרטיע ; און פאר נישט פאלגן אים, — וועט ער פאר דאס שפעטער גיין אויף „דיסציפּלינארני באטאליאָן“...

מ׳רעדט : צושטעלן, איז צושטעלן ; איז אויף בערילעס גנב׳ישע נאמנות מער געווען צו זעצן ווי אויף די הארבסטע שבועה פון ערליכסטן איד ; און אז מ׳האט פאר אים אויפגעמאכט די טיר, — ער זאל מעגן גיין פראנק און פריי וואו ס׳הארץ זיינס גלוסט, האט ער זיך אזוי געפילט, בערילע, ווי מ׳וואלט אים אראפּגענומען קייטן פון די הענט מיט די פיס און באפרייט פון א תפיסה, אין וועלכע ער איז שוין אפגעזעסן צען יאר ; מיטן ערשטן טריט געדענקט צו גיין, וואס ד׳ווארעט, — א היים, נאר וואו האט א הונט א היים ? איז ער אריין צו לייזערן אין שיינקל, שוין אין זעלנערשן אנטוכי, מיטן ווייסן פעלצל, און אויפגערוימטערהייט דערלאנגט איבערן טיש :

— נו ?... ווער איז א יונג ?... געמיינט : שוין !... אוים בערילע שייגעץ !... גע׳פּגר׳ט, און גענעבן די הינט

אויפצופּרעסן !... בע־כע, לייזערניו, — זיך גענומען קושן מיט אים, — די שטאָט איז נאָך נישט מיינע פּטור... כ'גיי טאַקי אוועק דינגען, אָבער דריי יאָר איז נישט קיין סך... ס'לויפט אַדורך ווי אַ טאָג... און אַז כ'וועל קומען אַהיים, — אַך און וויי וועט זיין צו זיי...

לייזער האָט אים געלאָזט לויפן ס'מויל, ווייסנדיק : ס'אַ משוגענע שעה, ער רעדט פון היץ, — און באַלד טאַקי ווי ער האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט, ממילא שוין געווען אַן אַנ־דערער מענטש, און דערשפּירט דעם עול פונם בידנעם קעסטל, אַז וועלכן ער קען זיך באַלד נישט ווייזן מאָרגן אויפן באַן, און אוועק איבער די הייזער פון די רייכע, נגיד'ישע הייזער, וועל־כע'ס זינדעלאַך האָבן שוין געהאַט אָפּגעטאַנצט, און מיט מזל ליגן זייערע ווייסע און בלויע בילעטן אין די קעשע־נעס, און זיך פאַר זיי געקלאַגט ס'פּנים :

— אַ ?... איר זעט : בערילע ?... ווי מ'האָט אים צום קאָפּ געזען ?... איז געווען אַ ליגן, וואָס ר'האָט צופריער גע־זאָגט : דאָס זייערע זינדעלאַך וועט מען נאָך דאָס יאָר אויפשפּילן **אַ מזל טוב, און אים,בערילען, פירן לעזאזל ; ער וועט גיין אין** דער אדמה אריין, ליגן ניין איילן טיף אין דר'ערד, און קאָפּן קאָרמאָפּל מיט דער נאָז...

און אידן, גבירים, גוטע הערצער — האָט ביי זיי גובר גע־ווען ס'געפיל פון רחמנות, וואָס קען, נעבאָך, אַ שטיין רירן : אַן אָרימער יונג... נישט קיין טאַטע, קיין מאַמע, וואָס זאָל זיך אויף אים אומקוקן... און אפשר דערפאַר, ווייל מ'האָט זיך געטראַכט : ס'וועט אַ סך געזינטער זיין דעם בחור וואָס פריער צו פּטר'ן פון שטאָט, און אים בעסער האָבן אין יאַקוטסק, ווי ר'זאָל זיך דאָ אַרומדרייען, האָט איטלאַכער אויסגעקראַצט, נישט אויף קיין געלעכטער, וואָס ר'האָט געקענט : אַ העמד, אַ פּאָר גאַטקעס, אַ טלית־קטן מיט כשר'ע ציצית און צונויפגע־שטעלט איינס־צוויי אַ קעסטל זאַכן אויפן וועג אַרויס,—וועמען גוטס־

גינט, אז דעם רייכסטן זעלנער׳ס קעסטל האט געמעגט א כפרה גיין... ס׳האט נישט געפעלט דערין פון א טאוועלע נאדלען, עטליכע קוילערלאך גארן, צוויי בערשטלאך צו די שטיוול, מיט א גאנץ פונט שמירעכטס... דזשעגעכטס... שטינקעכטס... קלע־פאכטס...

געהאט ס׳קעסטל, איז ער אוועק א שמעקטאן צו די חברה: פארט א מאל א לאנגער שמואל געווען, א קליינער ברוכ׳ל, דער רוח ווייסט זיי... מ׳ברויך האבן א קאפ אויף רעדער, זיי אלע צו געדענקען!... וואו זיינען זיי אצינד?... מ׳וואלט זיי נייטיק באדארפט אויפזוכן, נאר וואו זוכט מען זיי?... וואו גראבט מען זיי אוים?...

ערשט, ס׳איז געקומען פארנאכט, האט ער זיי געפאקט, און נאך אלע אויף א מאל, און גאנץ צופעליק, אומגעריכט, אז — ס׳איז נשתומם צו ווערן ווי אזוי; און ווען מ׳זאל אים פריער געווען קומען דאס זאגן, וואלט ער יענעם געווים אנגעשפיגן אין פנים... פארבייגייענדיק דאס בית־המדרש, וואו ער איז לכתחילה אריין א טאפטאן דעם דופק ביי א איד, א גביר, — דערזעט ער זיי פלוצ־לינג, — זיינע לייט: דעם לאנגען שמואל, דעם קליינעם ברוכ׳ל, און די איבריקע, — העז... ווי קומען זיין אהער?... איז די מעשה: זיי זיינען געקומען צו מנחה מיט אלע בעל־הבית׳ישע יונ־געלייטלאך, זיך ארומגעגארטלט מיט פארטשיילקעלאך, איבערגע־קערט, געווארן גאנצע צדיקים, — און די היץ האט אים באשלאגן:

— הע?... אזעלכע פייגל זיינען זיי?... — זיך גע־קריינקט, — ווי דאס שטעקט אזוי די שמדקייט אין דער יראה: ערשט נעכטן געקראכן צו שיקסעס, — קריכן זאלן זיי שוין אויף אלע פיר; געפרעסן טרפה׳נע קאלבאס, און אצינד, גייט עס זיך פאר־ענטפערן פאר גאט, זיך גערעכט מאכן פאר לייטן, — מ׳זאל קענען ארייננכאפן א פעטע מויד מיט א סך געלט...

די יונגען זיינען געווארן רויט און טויט; געזוכט א גרוב מיט די אויגן, אויב ס׳האט זיך דא נישט פאר זיי אויפגעטאכט;

עטליכע האבן אריינגענומען די פולע פויסטן אין מויל אריין, זיך פשוט געוואלט אויפעסן.

— שווייג גזלן, רוצח איינער, מאך נישט פול ס'בית־המדרש...

— פארשיט נישט די גרייפלאך...

און נאר אנדערע, וואס האבן מורא געהאט אז דער יונג זאל זיך דורכדעם וואס מ'וועט זיך וואשן צו אים, נאכגיכער נישט וועלן פארשווייגן, ווערן נאכמער צעלאזן, און נעמען אויסזאגן פון חדר, וואס ס'טויג נישט צום עסק; אזוי האבן זיי דאס קליגער־געמאכט, און נישט געקוקט דארויף, וואס ער רייסט זיך, נאר מ'כלומרשט זיך ארומגעכאפט ווי מיט א גאנצע מציאה, כדי אים צו פארמישן דעם קאפ, פארשטופן ס'מויל, פארריידן די ציין, און ארום — ווי ער וואלט זיי גארנישט געהאט אזוי שיין באגראבן פאר אן עולם מענטשן — מיט אפענע מיילער:

— עי, בערילע, וואו ביזטו דאס ערגיץ געווען ?... מ'האט דאך געמיינט: דו ביזט שוין, דער גוטער יאר ווייסט, — באלד אפגעקומען די ערשטע העלפט פון דער „סלוזשבע“!...

און נאך אנדערע:

— זע נאר, בערילע, ווי שיין מ'האט דיך אויסגעקליידט!... קוק דיך נאר איין אין א שפיגעלע, דו ביזט נישט קיין בעלן צו זען, — אויב דו וועסט דיך דערקענען ?...

און דאס האט זיי אפגעגאלטן, די יונגען...

בערילען וואס האט נישט געוואוסט קיין פותר, קיין חלום, — האט גענומען ווערגן אין האלז.

— נישט לאנג אזוי גיין אנגעטאן אין די סובות, אין ווייסן; מארגן איז שוין מיין באגרעבעניש, — ניי איך אוועק.

— גו, וועט מען נישט טרינקען ? — איז איינער ארויס־געשפרונגען, זעענדיק: ר'האט גע'פועל'ט, ס'האט געראטן דעם יונג צו פארמאכן ס'מויל.

— און ווי פארשטייט איר ? — האט זיך בערילע אויפגע־

כאַפּט — אוועקלאָזן אַזאַ נאַכט מיטן בלויזן רויך פון אַ פּאַפּיראָסל ?... נישט געבליבן שוין מער קיין בראַנפן, קיין מעט, קיין ווײַן מיט ביר ביי לייזערן ?...

— מיטן שענסטן בזיון !... — האָבן זיך די אַנדערע צעשריגן.

— פאַרוואָס דאָס נישט ?...

— ווער זאָל וויסן : דו גייסט שוין מאָרגן אוועק ?...

— ס'זאָל אויף דיר אַזוי גיך קומען אַזאַ אויסכאַפּעניש !...

און באַלד אינם זעלביקן אוונט, תיכף נאָך מעריב, איז חברה געזעסן, שוין צוליב זיין כבוד־וועגן, — ביי לייזערן אין שיינקל ; וואָרים נישט בערילע, וואָס זאָל זיין אַזאַ מוראַ־מורנה, — וואָלטן זיי געוויס מער צו לייזערן אין שיינקל נישט אַריינגעשמעקט ; וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, ווען זיי זיינען שוין מער נישט קיין רעקרוטן, נאָר לייטישע בחורים, וואָס שטייען אין וואָזשנע שדוכים,—זיך אוועקזעצן אין אַ קנייפּיע?... מ'האָט געטרונקען, אָבער ס'איז שוין ווייט נישט געווען דאָס אַמאָליקע טרינקען ; ס'איז געווען בעל־כרחי, — מיט גענייט אין זיך אַריינגעגאָסן; מ'איז גיכער געזעסן אין געהאַקטע וואונדן , פאַר אַ ריין אַפּקומעניש — דער קאָפּ איז גאָר פול געווען מיט די כלות, מיט די מיידן וואָס מ'האָט געזען; און ס'האַרץ האָט גע־חלש'ט צו די ברייטע פּיס, גראָבע פליישיקע הענט, שווערע זיסע ציצן, רויטע קני... זיי ווייסן, די יונגען, דעם סוד: דאָס אַזוי ווי מ'גייט נאָר אַרויס פון דער „פּריסוטסטווע“ מיטן בלעטל אין דער האַנט, — אַזוי ברויכט מען כאַפּן וואָס ס'קומט אונטער, אָדער ריכטיקער: זיך גיכער לאָזן אויפכאַפּן ; וואָרים, מיטן יונג איז דאָ דער אייגענער דין, ווי, מ'זאָל אָנכאַפּן — מיט אַ בייגל ; אַ בייגל, ווען זי גייט אַרויס פון אויוון אַ הייסע, מיט די פאַרב, — האָט זי בעלנים אויף זיך, און מ'כאַפּט איר, אפילו זיך בריענדיק ; און קוים בלייבט זי ליגן ביז אויף צו

מאַרגנס, ווען זי ווערט אַלט, איינגעדאַרט — וועט זיך קיינער נישט צורירן צו איר, צוטאַן די האַנט...

דעם לאַנגן שמואל, באַזונדער, איז גאָר געלעגן אין קאָפּ די מויד, וואָס דער שדכן האָט אים געשלעפּט, זען; אַ וואויל מיידל, מ׳קען נישט זאָגן, — מיט אַ פּאַרבל אין די בעקעלאַך, אַ צעפּל, און אַז איינגעשנירט פּיסקעלע, וואָס האָט טויזנט חנ׳עז. און בעט זיך גאָר קושן; ס׳מיידל איז אים פון דער ערשטע רגע געפעלן געוואָרן, און באַלד איינגערוימט דעם שדכן אַ סוד אין אויער: „צוגעטראָפן...“ נאָר וואָס דער פּאָטער זיינער, אַז אומגליק, — האָט זיך אָוועקגעשטעלט: „טויזנט רובל!...“ און רירט זיך נישט, אַ שטיין: „ס׳טאָר נישט פעלן קיין שוה־פּרוטה... אַ יונג מיט אַ בלאָען בילעט, און נישט געבליבן מיט קיין מום, — וועט ער אָפּגעבן פאַר ווייניקער?“... אָבער ביי זיך ווייסט ער, דער לאַנגער, דאָס דער פּאָטער וועט נישט זיין אַזאַ רוצח; און דאָס אויב ער אַליין וועט נאָר באַשטיין, וועט שוין דער שדוך איבער קיין געלט זיך נישט צעגיין...

און אַז ער האָט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזלאַך, האָט ער שוין גאָר נישט געדענקט, — ער איז ביי לייזערן אין שיינקל, נאָר געמיינט: ביים מחותן אויף תנאים... אין שטוב זיצן מחותנים... סתם אידן... די גוטע ברידער — אַ מכה; עפּיס אַריינגעמען וואוילע יונגען, שקצים, צווישן לייטישע אידן, אידן מיט בערד?... אין דער אַנדערע שטוב, זעט ער, אַז מ׳מאַכט אויף די טיר, — ס׳מיידל, זיין כלה; זי זיצט אין אַ בלאָ זיידן קליידל, מיט שלייפלאַך, ממזר׳יש; זיין מאַמע שמעלצט זיך גאָר, און טוט איר אַז אירע בריליאַנטענע קעפּלאַך, וואָס זי האָט געלאָזט איבערמאַכן פון אירע, און ער קוקט פאַר דאָס אויס צו קריגן פון מחותן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענע קייט, און אַ שווערע קייט, וואָס זאָל האָבן די וואָג, און קענען פירן באַטש אַ הונט אויף איר...

אין דרויסן איז געווען נאכט, נישט קיין גאנץ טונקעלע, — די לבנה האט געשיינט, א ווייס זילבערן פרעסטעלע, און ס׳איז דאך געווען פינסטער; חברה שקצים וואס אין די ווייסע פעלצלאך, ווייסע שטיוול, האבן זיך ארומגעבלאנקעט ווי די שדים, און אנגעשראקן... וויסנדיק: ס׳איז זייער לעצטע נאכט דא אין שטעטל, און אז מארגן גייען זיי שוין אוועק ביז איינעם, — האבן זיי זיך צוזאמענגעקליבן, געגאנגען צונויפגעפארטע, און זיך געקליבן איבערצולאזן א לעצט־געלט; אבער דערצו מוז מען פריער באנעצן די ליפן, א נישט — הייבט זיך עס באלד נישט אן: ווייל זיך קיין האנט נישט רירן, און די פיס זיינען ווי די שטיקער אייז, געפרוירן; מ׳קראצט אוים וואו א גראשן, און מ׳נעמט צוביסלאך, טאקי נאר צוביסלאך, און מ׳גייט דער־נאך ארוים בכבוד גדול, — אנגעטראטן אויף א קארק. הייסט שוין ביי זיי שכור; און אנהייבן הייבט זיך דאס גע־וויינטלאך אן ביי א איד, וואס מ׳ווארפט אים לכתחילה אראפ ס׳היטל פון קאפ: איז דער איד א חכם, און פארשטייט: ס׳היטל איז נישט מער ווי א צוטשעפעניש, — כאפט ער ס׳היטל אן איין ווארט, אדער רעכנט זיך: א כפרה ס׳היטל וואס ר׳האט ארייגעלייגט אין עסק, און ווישט זיך אפ ס׳מויל, גייט זיך זיין וועג, ווי קיינמאל גאר נישט, און טראכט זיך: זאלן זיי קומען אויף אנדערע הענט... זעען די שקצים, זיי האבן נישט אנגעטראפן, אזוי דערלויבן זיי זיך שוין שפעטער מער, און דעם צווייטן איד וואס קומט זיי אקעגן, זיינען זיי מכבד מיט א לייג פון א שטעקן, — איז דא ווידער די איינענע מעשה: דער איד זעט מיט וועמען ער האט צו טאן, און מיט וועמען ער ברויך זיך גיין שטעלן, — אזוי שרייבט ער זיך אונטער קבלתי מיט ביידע הענט, און אנטלויפט נאכגיכער, מורא־האבנדיק: אויב ס׳איז געווען ווייניק, זאל מען אים נישט דערלייגן נאך... דערנאך, אז ס׳האט זיי ווייטער נישט אפגעגאלטן, נעמען זיי זיך שוין חוצפה׳דיק־פארשייט אויפפירן. — און דאס מאכט,

אַז וואו אַ איד, גייט ער גלייך אַראָפּ פּאַר זיי פון טראָטואַר; און וועלכער קרעמער ס'איז קלוג — שפּאָרט ער־צו פריער די טיר־לאָך פון זיין קראָם; זיינען דאָך אָבער צווישן אידן קרעמער, פאַראַן אויך שלעק, וואָס ווילן זיין ביי זיך תקיף און אָפּנהאַלטן די קראָם, — אַזוי האָט אַזעלכער גלייך די חברה ביי זיך, אינוויינ׳ק; פּאַקט זיך חברה אריין און מ'פרעגט נישט קיין שאלות, נאָר מ'לייגט גלייך אָן טענות־ומענות, — אין די קעשענעס אריין: פון ציקערלאָך, לעקעכלאָך, קאַרמעלקעס, פּאַפּיראָסן, וואָס ס'לאָזט זיך...

הייבט דער קרעמער אויף אַ גוואַלט, לכתחילה: אַ שיינע זאַך, צוערשט אַ וואַוילער, און דערנאָך אַז מ'פירט אים אין באָד אריין, — שרייט ער; און אויף אים קוקנדיק, שרייט אויך ס'ווייב; שרייען די קינדער, שרייען אַלע פון קליין ביז גרויס; און אומעטום וואו מ'הערט דאָס געשריי, פאַרהאַקט מען די קראָמען אויף די פרענטן, מ'שליסט־אָפּ די טויערן, מ'לויפט זיך באַהאַלטן אין די בעטן, אין די שיינק, וואו מ'קען, ווייל מ'ווייסט:

— ס'איז זייער שוואַרצער סוף געקומען...

דערגרייכן אויך די געשרייען צו לייזערן, — לאָזט מען שטיין די גלעזער ביר, און מ'בלייבט זיצן ווי אָפּגעמאַכט; און איידער־וואָס, איידער־ווען, מ'ווייסט נאָך נישט וואָס ס'טוט זיך דאָרט אַזעלכעס, שטייט שוין אויף בערילע ווי אַ לייב:

— חברה, מ'טאָר נישט שלאָפן!... מ'ברויך זיי אַנלער־נען... אַ רוח אין זייערע ממזר'שע הערצער. — איך בין אויך אַ זעלנער!...

אָבער חברה זיצט, צוגעקלעפּט; די געשרייען וועקן נישט מער, פאַרפרישן נישט די אויגן, — מ'זאָל אויפשטיין גרויס, שטאַרק, ווי־ווען מ'איז געווען אַ רעקרוט, אַ הפקר־יונג, קיינעמס־נישט; איין בערילע פלאַמט, און ער געדענקט נישט, ווייסט נישט, צי חברה איז מיט אים, — ער ציט אַהין, ס'טראָגט אים, ס'הייבט

אים, די הענט ווי די באַלן גאַנצע; און אַז ער פאַלט אריין צווישן די שקצים, און נעמט שלאָגן, פליט זיי נאָר פונקען פאַר די אויגן; א באַרג שקצים, — קען ער זיך דען אַן עצה געבן ?...
דאַ א פליק, דאָרט א קלאַפּ, א זעץ, א שאָס, א ריס, א בריקע, א באַכע, אָבער ס׳געהינטעכץ איז אַזוי גרויס, אַז ס׳בלייבט נאָך גענוג איבער, וואָס זיין האַנט קומט נישט אָן צו זיי,—אַזוי באַניצט ער זיך מיט אַזאַ פאַרטל וואָס ביי א גרויס געשלעג, ווען מ׳איז איינער אַליין, און ער זוכט נישט אוועקצו׳הרג׳ענען זיי, אָדער אַפּהיימען וועלכן ס׳איז אויפ׳ן טויט, — נאָר מיטן שלאָגן מער אויף זיי אָנצואוואַרפן אַן אימה; און געשיקט, ווי איינגעאַר־בייט דערין — כאַפּט ער א שייגעץ נאָך א שייגעץ ביים קאָפּ, און טוט אים נישט מער, — ווי א האַק אריין אין א פענסטער: איז נישט בלויז דער קאָפּ אין דר׳ערד, וועלכן דער שייגעץ פאַר־שפּאַרט שוין אַזוי גיך ארויסצוקריגן פון דאָרטן—נאָר דער קלונג, דער הילך פונם אויסגעבראָכענעם פענסטער, אין וועלכן ס׳שיטן זיך אויס די שייבן, דאָס פאַרטומלט די אַנדערע, וואָס זיינען נאָך דערווייל שטייף ביי זיך; קעפּ פליען אין די פענסטער, און זיי ווידער קלינגען מיט צעפּלאַצטע שייבן, שטיקער גלאָז. — און נאָכדערצו, אַז זיי זעען: ס׳אַנאַייגענער, א זעלנער מיט א ווייס פעלצל, און ווייסע שטיוול, מיט א „פּאַפּאַכע" אויפן קאָפּ, — שלאָגט, באַגרייפן זיי באַלד נישט ס׳זאָל דאָס גאָר קענען גע־מאָלט זיין אין דער וועלט: איינער זאָל דאָס טאָן...נאָר מיינען ס׳מוזן אודאי זיין א סך זייערע וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן, — און ס׳קומט אויף זיי א צעמישונג, א בהלה, און זיי ווערן ווי אָפּ־געווישט פון דער ערד...

אויף צו מאָרגנס איז שוין בעריל שייגעץ געווען מיטן קעסטל אויפן וואָקזאַל; געשטאַנען ווי קיינמאָל גאָרנישט, — איינ־איינעם מיט די שקצים; וועלכע ער האָט בלויז מיט א נאַכט

צוריק אַזוי צעמזיקט — און מיט זיי צוגלייך אַפּגעוואָרט דעם צוג, וואָס האָט זיי געברויכט איינמאָל פּאָר אַלעמאָל קומען אַוועקגעמען ביז איינעם פון שטאָט ; פאָרן אַראָפּגיין צום באַן איז ער נאָך פריער אַריין צו לייזערן, זיך צעקושט מיט דער שיינק, און שוין דערפון נישט מער געקענט איינשטיין אויף די פיס...

אויפן וואָקזאַל האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צונויפקומען חברה, אים ס׳באַגלייט געבן, און דאָס האָט אים זייער געפרייט, בערילע: „ווען ווייסט מען פון אַ גוטן ברודער, אויב נישט אין אַזאַ צייט?...“ נאָר ווען ר׳האָט געזען די אַלע איבריקע, צוגענומענע, וואָס אין די ווייסע פּעלצלאַך, ווי זיי האָבן זיך דאָס אַזוי אַוועקגעזעצט במנוחה אויף די קעסטלאַך, מיט אַ קאַלטע לונג־און־לעבער, אַפּוואַרטן דעם צוג, — הוילע שקצים, רויע פּנים׳ער, וועלכע מ׳האָט צו־נויפגעשלעפּט און אָנגעברענגט פון די דערפער, און נישט גע־וואוסט מער ווי די קי, די שטאַל און ס׳פערד, און ער איינער, דער איינציקער איד צווישן זיי, — איז אים דאָס גע־גאַנגען אין נאָז אַריין : „הע, ווי קומט ער, טאַקי אַ יונג, אַ משומד, אַ קעלבאַס, אַ כל־בו, נאָר ס׳אַרא גלייכן צווישן זיי מיט אים“?...

און אויב ער איז געווען אַ יונג, אַ כוואַט, בערילע, וואָס האָט קיין מורא נישט געהאַט צו גיין דעם טייוול אין די אויגן, — איז אים פּלוצלינג נישט גוט געוואָרן פאַר צרות, זעענ־דיק : מיט וועמען ער וועט ברויכן זיין צוזאַמען עטליכע יאָר, און באַלד איבערגעקלערט : אויב אַזעלכער איינער, וואָס איז אפשר מיט אַ יאָר פריער אַוועק דינען, וועט נישט איצט, ביי זיין אָנקומען, — אויפרייטן אויף אים, ווערן איבער אים דער גאַנצער דעה־זאָגער, און וועלן נאָכזוכן חסרונות : „דו שטייסט נישט גלייך, גייסט קרום, האַלסט נ׳קאָפּ צו הויך, צו נידריק, די ברוסט איז ביי דיר אַריינגעפאַלן, אָדער — צופיל אַרויס“!... — און ס׳האָט אים גענומען דרייען אינווייניק, די פיס געוואָרן ווי אונטערגעהאַקט; אין קאָפּ, וואָס איז אים סיי־ווי געווען גרויס און

אויפגעלאָפן, — האָבן זיך די רויטע וואַגאָנען פון די שלעפּצוגן, וועלכע זיינען געווען אָוועקגעשטעלט אויף די זייטיקע ליניעס, — אויסגעמישט אינאיינעם, און ס'איז אויסגעקומען ווי זיי וואָלטן געלעגן אָנגעוואָרפן אין די הויפנס, מיט די רעדער קאַפּויר, טירן־פענסטער אויסגעריסן, און צוזאַמענגעדרייט ווי נאָך אַ שווערן צוזאַמענברוך, פון וועלכן ער מיט די איבריקע וואָס זיצן דאָ אַזוי במנוחה אויף די קעסטלאַך, — האָבן זיך נאָר ווי דורך אַ נס געראַטעוועט ס'לעבן, און אַרוים גאַנץ...

די יונגען האָבן געשפּירט די שווערקייט זיינע, און אים אויסגערעדט:

— מ'שיקט דיך נאָך דערווייל נישט אַוועק אויף קאַטאָרגע אין סיביר, — דו זאָלסט ברויכן זיין צוגעקאַוועט צו אַ טאַטש־קע?...

— מ'האָט נאָך, טאַמער קענסטו ווּיסן, אַוועקגעשיקט אַזעל־כע פיינע יונגעליים ווי דו ביזט ,און זיי זיינען גאַרנישט אַזוי געשטאַנען, — די קעפּ אַראָפּגעהאַקט ?...

— דאָך נישט מער ווי דריי יאָר ; און דאָס איז ער דאָך אַלץ ביי דיר ווערט, דער קייסער, — זאָלסט עס אים אַוועקגעבן, דו עסט זיין ברויט ?...

דער צוג איז אָנגעקומען, די שקצים האָבן זיך גענומען דראַפּען אין די וואַגאָנען, און ס'איז אים אויך אויסגעקומען אַרויפצוגיין אויף די טרעפּלאַך, — האָט ער געשפּירט, ווי די קני ברעכן זיך אים אונטער, בייגן זיך איין; געפילט, אַ שטיי־נער : ווי אַ פּאַר'משפּט'ער צו דער תּליה, — ווען ער גייט אַרויף אויפן בענקל, וועלכעס מ'וועט אים באַלד אַפּירנעמען פון אונטער די פיס, און זיי וועלן זיך נעמען צאַפּלען, אויסציען לאַנג־ערך, און וועלן מיט אַלע כּחות דערגרייכן, אָנשפּאַרן אין עפּיס, אַז דער שטריק אויפן האַלז זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק איינ־ציען, און אַפּרייסן דעם קאָפּ...

און דאָ האָט ער זיך אָנגענומען מיט כּח, דערכאַפּט, געוואָרן

מיט איינמאָל לעבעדיק, געוואָלט זיין ברייטהאַרציק, ווייזן זיין בריה׳שקייט, אַז ער לאַכט פון דער וועלט, און גייט אַוועק, ווי ר׳האָט זיך תמיד אָפּירגענומען, — ס׳זאָל וועטערן, כאָטש אין האַלז האָבן אים געוואָרגן די טרערן; און ער האָט אַראָפּ־געכאַפּט די פּאַפּאַכע, גענומען פאָכן מיט איר ווי מיט אַ גאַנצן פוטערנעם לאַפּן, און שרייען מיט אַ הייזעריק קול:

— פּראַשטשייטע !... בלייבט געזונט !... פּראַשטשיי־טע !...

און געפילט: ס׳האָט זיך עפּיס ביי אים אונטערגעריסן; ער האָט אַקוקגעטאָן און געזען: ער אַליין שטייט אויפן וואַגאָן, און אונטן זיינען אַלע גוטע ברידער, מיט וועלכע ר׳האָט זיך געקושט ווי טייבעלאַך מיט די מיילער, — אַזוי האָט אים אַ בייז געפיל אַדורכגענומען, פּונקט ווי זיי וואָלטן אים שולדיק געווען, וואָס ער גייט אַוועק; און ס׳האָט אים גענומען ברענען, קאָכן, זידן אויפן האַרץ:

— הע ?... אַזוי טוען גוטע ברידער ?... פירן אַן איינגע־נעם אין באָד אַריין ?... אַליין בלייבט מען איבער אין דער היים, און אים לאָזט מען אַוועקגיין ?...

נישט באַדענקט זיך, אַז ר׳האָט זיך אַליין פאַרזען, בידים,

— אַוועקגעקוילעט, און גענומען שאַרן מיט די הענט איבער זייערע קעפּ, לייגן ברעטער צווישן די אייגענע גוטע ברידער זיי־נע, וועלכע זיינען אים געקומען ס׳באַגלייט געבן:

— אין דר׳ערד אַריין מיטן קאָפּ, גוטע ברידער; אַ גר־טער ברודער זאָל מער נישט געדאַכט ווערן; מ׳זאָל אים גאָר נישט קענען, זיך פריער לאָזן כ׳קאָפּ אָפּהאַקן, איידער זיך אָפּ־געבן מיט אים...

מעשה'לאך

דער טאַטע.

דער אַלטער רבי איז געווען אַ גרויסער רבי, און אַ גרויסער טאַ־טע; ער האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, פאַר וועלכע ער וואָלט ס'לעבן אַוועקגעגעבן; אין די אַמאָליקע יאָרן, אַז זי איז אים נעבאַך קראַנק געוואָרן — ווען איז זי נישט קראַנק געוואָרן? געפאָרן צו גוטע אידן, און נישט געוואָלט שטעלן אויף זיך אַליין, אויף זיין גרויסן כח, נאָר געלאָפן אַנקלאַפּן אין די טירן פון רביים:

— בעט, אידן, צדיקים, פאַר מיין קינדס געזונט; זי איז מיר נעבאַך זייער קראַנק, און ברויך האָבן אַ רפואה פון זיין ליבן נאָמען...

אידן, און אַזוינע אידן וואָס זיינען געווען נאָענט צו אים, האָבן זיך גע'חידוש'ט, און דאָס גאַרנישט געקענט פאַרשטיין:

— אַזוי פיל חולאים ווערן דורך אייך געהאָלפן, רבי, און פאַר אייער אייגן קינדס געזונט ברויכט איר לויפן מיילן־ווענגס בעטן אין אַנדערע, ווען אפילו מלכות'דיקע־הייפן?...

האָט דער רבי געזאָגט:

— פאַר אַנדערע כ'שטעל מיך איין, און בכל אמצי כח אפילו, — האָב איך אַלץ נישט וואָס אַנצואווערן; און ביי מיין קינד — האָב איך מורא... דאָך אַן אייגן פיצל קינד... אפשר אַמאָל נכשל געוואָרן ביי אַ תפלה, אַ פּגימה, דאָך נישט־מער ווי אַ זינ־דיקער מענטש, און מ'זאָל מיר דאָס נעמען אויפן חשבון, בשעת כ'גיי צו בעטן פאַר איר?...

דעם רבינס טאָכטער, איז, ווי אַזאַ אויסגעקריינקטע צרה, — געווען אַ בלייכע, אַן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים; אַ סך געקריינקט, פון איר געבוירנ־טאָג־אָן, און דאָס קלענסטע ווינטעלע פלעגט

איר גלייך פארשאטן; ווען ס'האט דערפרישט און דערקוויקט, איז עס פאר איר געווען א בייזער ווינט, האבן אירע בלייכע בע־קעלאך זיך גלייך גענומען רייטלען, גליען פון היץ, און שפּילנדיק שוין פארווארפן ס'קעפל ווי א געשאכטן הינדעלע.

— שוין!... אוים קינד... זי איז חרוב... פארביי...

דאס האט פיל צער פארשאפט דעם אלטן רבין, און אים צע־בראכן ווי א שארבן; אלע יארן — האט ער זיך נאר באקלאגט, דער רבי, — האב איך מיט איר געהאט צו טאן, שוין צופיל געהאט צו טאן מיט איר, און שטארק מורא געהאט, ער זאל נישט ליידן צוליב במול־תורה...

ווארים, דער רבי האט געקענט, ווער ווייסט, ווי זיין פארטאג אין די עולומות העליונים, און אזוי גיך ווי דאס קינדעלע, זיין קינד, האט געוויזן א קרום מינעלע, — איז ער איבער א רגע שוין געווען אוים רבי, און געווארן א טאטע; דער פשוטער ציטערי־קער טאטע, וואס האט מורא פאר זיין ברעקל קינד; און זיך גלייך אפרייסן פון אלע, כאטש א טאפטאן איר קעפעלע, צולייגן די ליפן, פאטערלאך זייגן די היץ פון איר הייסן גליענדיקן שטערן, און זיך אליין ווען בארואיקן:

— ס'וועט דיר, חלילה, קיין שום שלעכטס נישט געשען, מיין קינד...

א גרויסער רבי, און א הייסער טאטע:

— מ'האט נישט געקענט וויסן ביי אים, וואו ער הערט אויף צו זיין דער טאטע, און איז — רבי...

א גרויסער רבי, — האט ער זיך בלינד געמאכט די אויגן ביים חלבן ליכטל אין די לאנגע ווינטער־נעכט איבער די שווערע ספרים, ביי זיך אין זיין יחוד־שטיבל; א הייסער טאטע, — ווייל אין מיטן בעסטן, אז ער האט אויפגעהויבן די ברעמען, און געזען ווי דאס קליינע פיצל טעכטערל האט זיך ערגיץ פארשטאכן, א

קלאָפּגעטאָן אין פּיסל, — איז ער גלייך געוואָרן מבולבל, און אַרויס תיכּף צום קינד, שוין גאַרנישט ווי קיין איד אַ רבי, נאָר ווי יעדער איינער פּשוט־דערשראָקענער טאַטע, און נישט גע־קענט אָפּשטיין איבערצופרעגן:

— וואו האָסטו דיר אַ קלאַפּגעטאָן, מיין קינד?...

— ס'טוט דיר גוט וויי?...

מקורבים האָבן טאַקי שטאַרק מורא געהאַט דערפאַר, וואָס ער פאַלט אַזוי כּהרף־עין ביי זיך אַראָפּ; געוואָלט פון אים מער שטאַרקייט, גבורה, — און ער האָט זיך ביי זיי געבעטן:

— וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ'בין פאָרט מער טאַטע, ווי — רבי?...

אָדער:

— כ'בין אַ רבי צו אידן, און אַ טאַטע צו מיין קינד, נישט מער...

זיין טאָכטער האָט זיך זייער שווער געבאָוועט, און מ'האָט באַ־שיינפּערלאַך געזען, דאָס זי שטייט נישט אָנגעשפּאַרט אויפן שטאַרקן רבין, נאָר רק אויפן שוואַכינקן, פּיצינקן טאַטן, וואָס האָט אפשר גאָר צופעליק געהאַט אַזאַ צעשטראַלט פּנים, ליכ־טיקע אויגן... געזעסן און געלערנט... געווען רבי ביי אידן...

זי איז שווערלאַך, ווי אַ מסוכּנדיק ביימעלע פון דר'ערד אַרויס־געוואַקסן, דאָס קינד; און ווי אַ יונג ציטריק ביימעלע עס אָפּגעהיטן פאַר שלעכטע ווינטן, רעגנס, בליצן און דונערן...

און צוקוקנדיק ווי פון קליינעם מיידעלע ווערט אַ דערוואַקסן מיידל; די בעקלאַך נעמען זיך רייטלען, ווי די צייטיקע קאַרשן; און ס'הערצעלע ציטערן ווי ביי אַ יונג שוועלבעלע — אַזוי האָט ס'האַרץ ביי אים אָנגעהויבן צו לאַכן מיט אַ טיפע זעלטענע פרייד:

— ווי זאָגט איר, אידן?... בטול תורה?... אפשר טאַקי

נישט גלייך געוועז: כ׳בין אַזוי אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און זיך אָפּגעריסן פון לערנען, — וואָס איז אָבער ווערט, אידן, דער מענטש, דער מענטש, וואָס כ׳האָב דורכדעם אַרויסגעבראַכט?

ווער רעדט, אַז דער רבי האָט דערלעבט, זיין טאָכטער זאָל שטיין אין שדוכים, — איז שוין גאָרנישט געווען קיין גלייכן צו אים; האָבן יעדן איינעם געקענט קומען טרערן אין די אויגן, צוזעענדיק, ווי זיינע אויגן זיינען פּיל; אַז שדכנים האָבן אָנגעהויבן קומען, האָט ער אפילו איבערגעכאַפּט די מאָס, זיך גאָרנישט באַנומען ווי קיין איד, אַ צדיק, נאָר זיך אויסגעביטן ווי אַ קלוגער סוחר:

— איר חתן מוז זיין מגזע רביים...

— דער טאַטע — אַ גביר... אַ נגיד.. אַן אדיר...

ווייניק?...

— מוז ער אים קענען מיטגעבן אַזאַ עשירות, דאָס אפילו ווען ער זאָל זיצן און לערנען כל־ימו און עסן פונם גרייטן, זאָל נאָך אַלץ בלייבן פאַר אייניקלאַך...

און אַז מ׳האָט אים געגעבן אָנצוגעהערן דעם רבין, ס׳איז נישט שיין אַזוי, — האָט ער מיט דער לאַכנדיקער פרייד וואָס אין זיינע אויגן, אַרויסגעקוואָלן:

— אַז עסן חזיר, זאָל רינען איבערן מויל; ממה נפשך: טאָמער נעמט מען טאַקי אַזוי אויפן צימבל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַר בטול תורה, וואָס ער האָט זיך אַזוי אָפּט אָוועקגעריסן פון לערנען צוליב איר, — זאָל ער כאָטש וויסן, אַז ס׳קינד זיינס האָט עפּיס דערפאַר?...

און ער האָט טאַקי אויסגענומען אַ שדוך פאַר איר, אַזוי ווי ר׳האָט נאָר אַליין געוואָלט; אַן אייגענער חסיד, אַ רייכער איד, אַ בין־תורה, — האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַ גאַנץ דאָרף

מיט צוויי מילן, אַ וואַסער־זעג, אפשר הונדערט בהמות און טייכן לעבעדיקע פיש...

דער רבי מאַכט מיט מזל חתונה, — ליידיקן זיך אויס שטעט; ווערן גאַנצע שטעט ליידיק ווי די ניס; און זייערע אידעלאַך פאָרן זיך פרייען מיטן טאַטן, זייער רבין...

וואָכן פריער, אזוי גיך ווי דער זמן־חתונה איז געוואָרן אָפּגע־שמיסט, אין אַ מזל'דיקע שעה, — האָבן אידן, וואָס זיינען לכתחילה געווען אויף שבת ביים טיש, זיך שוין פאַרהאַלטן, און מער נישט אהיימגעפאָרן, צוריק; מיט יעדן טאָג האָט זיך די חתונה אָנגעהויבן מער פילן, האָט אַלץ מער די שטאָט באַקומען אַ יום־טוב'דיק פּנים; נייע פּנימער פון אידן, האָבן זיך גענומען אהערווייזן, — וואָס זיינען אָנגעקומען צופוס און מיט בריקעס פון אָרעם און אָרום; ס'זיינען געווען אַזעלכע אידן, וואָס האָבן אין רבין נישט שטאַרק געמעגט האַלטן, און געקומען מער צום טאַטן, וואָס וועט זיך פרייען — ער גיט אויס זיין איינציקע טאָכ־טער, ביי וועלכע ער האָט אזוי פיל צער געהאַט, און זיך אזוי פיל אָנגעליטן...

די חתונה איז געווען אַ שטיק ירידי; אַ שמחה צווישן הימל און ערד; מיט אַ מעת־לעת צוריק איז שוין נישט געווען וואו זיך אהינצוטאָן אין שטאָט, האָבן אידן באַזעצט וואו אַ ליי־דיק שטיקל ערד, געשלאָפן אין די גערטנער, אין די סערער, אויף די פעלדער...

אויף דער נאַכט איז דער גאַנץ גרויסער עולם אריין אין די קליינע שמאָלע געסלאַך, — פון שטובן איז געווען אָפּגערעדט, נאָר אפילו דער מאַרק און די אייגענע געסלאַך איז מיט זיי ענג געווען; דער רבי, ווי אַ העלער ליכטיקער זייל, האָט ערגיץ

אויף א שמאָל באַרגיק געסעלע, נעבן דער אַלטע איינגעביקטע שול, געפירט זיין טאַכטער צו דער חופה, — האָט מען ברוב־עם געהוליעט, איבער אַלע געסלאַך זיך געפרייט, ארומגענומען ביי די גאַרטלען און געטאַנצט; און אַזוי ווי אין חלום געהערט די פידלען אַרויסוויינען דעם גאַנצן צער פונם קינד'ס גרויסן טאַטן; און ווי די בעסער האָבן געברומט, — געוואָלט פאַרשרייען זיינע ווייטאָקן...

ס'האָט זיך געוויגט דער עולם, ברייט צעוויגט, ווי א בריי־טער ים, וואָס ציט זיך פון אייביק ביז אייביק צום ברעג: אידן. האָבן זיך געקאָפּעט אין א זיסע שכרות, מיט א העל צער־גאָסענע פרייד אין די ביינער, זיך געשטופּט, שטייענדיק־גייענ־דיק, — אויף איין אָרט; און קיינער האָט נישט געקענט זען די ליכטיגקייט פון די הייזער, וואָס האָבן ממש געלויכטן פון גרויס היימליכקייט און לוסטיגקייט...

ערגיץ־וואו האָבן זיך אפילו יאָ אדורכגעריסן קולות; אידן, איינציקע, געציילטע, — האָבן אין די אַטלעסענע קאַפּאָטעס, מיט פאַרשווימענע פּנים'ער, זיך אַרויפגעכאַפּט צו די אַנדערע אויף די אַקסלען, און עפּיס געוואָרנט, ווי פאַר עפּיס געוועזן אָנ־געשראָקן:

— אידן, ווי קומט, ס'זאָל זיין אזוי ענג?...

— טאָקי א גרויסער עולם אָנגעקומען, זיינען נישט גע־נוג ברייט די פעלדער, און אַלע וועגן אַרום?...

— מ'האָט דאָך שוין באַלד די הייזלאַך אויף א גאַנצן תחום שבת פון שטאָט אַרויסגעשטופּט, און ס'ווערט אַלץ נישט גערעמער...

אָבער פון טיפן עונג און ריינעם נחת, האָט מען נישט גע־שפּירט די יסורים, ווי מ'טרעט זיך מיט די פיס, און מ'שטיקט, מ'נעמט זיך די אויגן פון קאָפּ אַרויס; נישט געהערט דאָס קרעכצן

פון אַ סך אידן, וואָס זיינען נעפאַלן פון די פיס, און געבליבן ליגן צעטראָטענע, צוקוועטשטע, מיט טויטע פאַר'חלש'טע פּנים'־ער...

ערשט דער גראָער טאָג האָט אַלעמען די אויגן געעפנט. די קלע־פּיקע שלעפּעריגקייט פון די ביינער ארויסגעצויגן, און מ'האָט געזען ווי אין אַלע געסלאַך, אויף די וועגן, גערטנער, — ליגן אידן פאַר'חלש'ט, ווי נאָך אַ שווערע הריגה, אַ בלוטיקע שחיטה, קוים וואָס זיי האָבן געזשיפּעט...

און די איבעריקע, וואָס זיינען יאָ שטיין געבליבן, זיך גע־האַלטן אויף די פיס — האָבן אויך קיין זייטן נישט געהאַט; קיין פּיס נישט געהאַט, קיין ביינער, און די פּנים'ער זיינען ביי זיי געווען בלאָ, אונטערגעשלאָגן, די שטערנס — מיט אויפגעלאָפענע ביילן, אויך נישט ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ חתונה, נאָר ארויס פון אַ געשלעג, פון אַ ביטער געשלעג...

מ'האָט גענומען לויפן, זיך פרעגן אויפן רבין:

— וואו איז דער רבי ?...

— דער רבי !...

דער רבי איז נישטאָ...

ער איז איבער אַ נאַכט געוואָרן איינגעשרומפּן, קליין, זיצט און האַלט די אויגן צוגעמאַכט ווי אַ שוואַלב אויף אַ ביטערע קעלט...

מ'איז צו אים צוגעשטאַנען, גענומען פרעגן:

— וואָס ער זאָגט דערויף ?...

האָט ער פאַר'צער'ט זיך אַנגערופן:

— כ'בין געשטראָפט געוואָרן, אידן, ווייל כ'האָב באַדאַרפט זיין מער רבי און ווייניקער טאַטע...

— און דער חורבן, רבי ?..

— פון וואַנעט האָט זיך דער חורבן גענומען ?...

— דאָס האָט די סטרא אחרא, וואָס איז צו מיר אויף דער חתונה געקומען, ס׳ענגשאַפּט אָנגעמאַכט, איר זאָלט זיך דורסן...

די מקורבים, וואָס האָבן אים פריער געוואָרנט, האָבן זיך ווידער גאָרנישט געחדושט, — זיי האָבן זיך אויף דעם גערירכט:
— ס׳איז אים געקומען פאַר בטול־תורה...

דער בוים.

ס'האט געלעבט א איד אויפן דארף; נישט עפיס קיין פראסטער איד, א ישוב'ניק, אן ארענדאר, — דער דאזיקער איד האט ווייט גע'שם'ט, געווען מפרסים, און זיין נאמען האט העל גע־לויכטן אין די ארומיקע שטעט, אויפן געגנט.

נאך גאר א יונגער איד, און שוין א גרויסער בן־תורה, א למדן; די גמרא האט זיך קיינמאל נישט צוגעמאכט פאר זיינע אויגן; ער האט פון איר גייענדיק ארויסגעלערנט; זיין געדאנק האט שטענדיק געזוכט אויף די פארפלאנטערטע וועגן, און די אויגן האבן יעדע רגע אויפגעלויכטן פון די נייע דראבנע שטעזקעלאך, וואס האבן זיך פאר אים אנטפלעקט; ער איז געבליבן טיילמאל שטיין פאר הויכע בערג, געפערלאכע טאלן, — אבער נישט מער ווי איין ווײלע געשטאנען, און זיי באלד מיט א ליכטיקן שמייכל איבערגעשטיגן...

נישט די גליטשיקע הויכקייטן פון די בערג, און נישט די שרעקנדיקע טיפקייטן פון די טאלן, — האבן אים געקענט אפ־האלטן; זיין קאפ האט זיך כסדר באוואויגן, ווי אן אומרו באוואוויגן, און דער שטערן, — זיך געווייסט מיט א לבנה־ווייס־קייט; די גאנצע וואגיקע שווערקייט פון אלע זיינע יארן לערנען — האבן די קנייטשן אויפגעהאלטן, צוזאמענגעפרעסט; פון זיינע אויגן האט ארויסגעפלאמט די העלע ליכטיגקייט פון יענע ספרים, וואס ער האט טאג און נאכט אין זיך ארייגגע־זויגן, און געווען דערמיט אנגעזאפט ווי א שוואם מיט רעגנ־וואסער...

דאס הויז וואו דער איד האט געוואוינט, איז געשטאנען ביים וואסער; אין וואסער האבן די פענסטער זיך געשפיגלט, און אים געוויזן די ליכטיקע שמייכלען וואס שפילן אויף זיין פנים;

די ליבטיקע שמייכלען, וועלכע גליטשן זיך אראפ מיט דער איי־גענער לייכטקייט פון אויפקניפן די שווערסטע קניפן אין די אלטע כתבים פון די פארגעלבטע בלעטער.

מ׳האט אים געקענט צווישן גוטע אידן, און געוואוסט פון אים; און גוטע אידן, גרויסע לומדים ומופלגים — זיינען בסתר געפארן צו אים, געקומען צעטראגענע און נאכגיכער ארויס — הייטערע, מיט גרינגע געמיטער, און שיינענדיקע פנים׳ער..

דער איד האט בלויז א קוק געטאן, איין קוק, אריינגעטאן זיינע ליכטיקע אויגן אין ספר, — און ס׳איז שוין איבער א רגע אזוי גרינג געווען פארענטפערט, אזוי ווי ס׳וואלט גאר קיינמאל קיין שאלה נישט געווען אויף יענעם ארט; דער איד האט נישט געוואוסט פון קיין קרומע וועגן, — אלע וועגן זיינען פאר איר געווען גלייך; אלע וועגן ווי די שפיגלען: גלאט, קלאר, און פאלירט...

מ׳האט דעם איד געוואלט ארויסקריגן פון דארף; שטעט האבן זיך איבער אים געשלאגן, ארומגעריסן, — איטלאכע באזונדער אים געוואלט אנקריגן, אבער דער איד, דער למדן, האט נישט געוואלט, אז שטעט זאלן זיך איבער אים רייסן, זיך ווערן שונאים, האט ער זיי פארגלייכט דערמיט, — וואס ער איז אין דארף געבליבן...

מיטן דארף האט דער איד געלעבט; מיט די פעלדער פון דארף, מיטן וואסער, מיט די וועגן, און מיט די וועלדער; — ער איז נישט געקומען אהער, זיך לכתחילה באזעצט, — נאר זיין מאמע האט אים אויפן דארף געהאט, און אויפן זעלביקן דארף האט ער נאטס וועלט דערזען, די ליכטיקע וועלט, נאטס...

אינאיינעם מיט דער מוטערס מילך אויך איינגעזאפט אין זיך די זאפטיגקייט פון די וועלדער און טייכן ,און זיין נשמה

האָט באַלד יונגערהייט אָנגעהויבן זינגען אינאײנעם מיט די פֿייגל, וואָס ערוואַכן זומער אין די נעסטן; שפּעטער, אַז זײַן נשמה האָט אָנגעהויבן פֿליען, און זײַן געמיט — אַרומגעשוועבט אינם אויבער־העולם, — האָט זי באַקומען איר קוואַל, דעם אײביקן קוואַל, אין דער גרויסער שטוב מיט די פֿולע אַלמערס ספֿרים, אין וועלכע דער טאַטע האָט נאָך פֿריער פֿאַר אים, געלערנט...

דער איד איז געווען אַזוי אָנגעקניפּט און צונעבונדן מיט אַלע זײַנע אבֿרים אינם דאָרף, אַז דאָס דאָרף איז כּמעט געווען זײַן צווייטע מוטער; די מוטער־ערד האָט אים געלעקט די פֿיס, זיך געבענטשט אין זײַנע טריט, און געוואָרן פֿרוכט־באַר, מעוברת, וואו ער איז געטראָטן; די ערד, דאָס גראָז פֿון דער ערד, די שפּראָצונגען אירע, געוויקסן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעצויגן צום הימל, און אַלע ליכטיקע ביימער, — זײַנען גע־ווען געבענטשט, און געטראָגן גאָלדענע קרוינען פֿון זײַנע ברכות...

די פֿייגל וואָס האָבן אַרומגעהיפּט איבער די לאַנגע, פֿעטע בייטן און קערנער געפּיקט, אַפֿילו די שרצים ורמשים, אַלטע דער־צאַרנטע קראָען, — זיי אַלע האָבן אים אויפֿגעהויבן, הויך אויפֿ־געהויבן, ער זאָל זײַן העכער פֿון דער ערד; ער זאָל גיין, ווײַל ר'האָט עס געמוזט, — אויף דער ערד, און זײַן העכער פֿון איר...

און אַז אידן זײַנען צו אים געקומען, אים געבעטן רחמים, ער זאָל מיט זיי מיטגיין אין זייערע שטעט אַרײַן, וואו זײַן לערנען וועט נישט זײַן פֿאַר די הימלען בלויז, נאָר אידישע הערצער וועלן זיך דערקוויקן דערמיט; שווערע געמיטער זיך דערפֿרייען, ווערן יום־טובֿ'דיקער, לעבעדיקער, — אַזוי האָט ער אויפֿגעהויבן בלויז דעם קאָפּ, און די ליכטיקע שמייכלען, וואָס האָבן געלויכטן ביים פֿאַרענטפֿערן אַלע שווערסטע קשיות, — זײַנען טונקעלער געוואָרן:

— ווי קענט איר וועלן, אַז דער בוים זאָל אײַך געבן פּירות,

אידן, — ווען איר וועט אים אפשניידן פון דער ערד ?... איך בין אזוי ווי דער בוים, וואס האט שטעקן זיינע ווארצלען אין דר'ערד, און פון דער דאזיקער ערד שלאגט אין מיר דער קוואל, דער באר מים...

אזוי האט דער איד געלערנט...

איז ער ארויסגעקומען פאר זיין טיר, — האט זיך אנטפלעקט פאר אים די ברייטע וועלט, די טיפע וועלט, האבן אנגעהויבן זינגען אלע זיינע גלידער ; איז ער געגאנגען צווישן די פעל־דער, — האבן אלע ווינטן איבער אים זיך געשלאגן, און גע־וואלט פריער גלעטן די פאלעס פון זיין קלייד; און ער האט גע־בליט אויף דער ערד, דער איד, ווי עס בליען דיביימער, און אין זיך געהאט—ווי אלץ וואס ס'לעבט און וואקסט אויף דער ערד, — זיינע צייטן ; צייטן, ווען מ'האט גאר נישט געקענט ארייננקוקן אין זיין פנים, ווען אלע פארבן פון בוים, גראז און פלאנץ — האבן זיך געביטן אין זיינע באקן ; און צייטן, ווען דאס געוויין פון די פעלדער האט אראפגעוויינט פון אים; מ'האט אין די טיפע זארגן אויף זיין שטערן, געשפירט דעם צער פון וועלקן, פון אונטערגיין...

מ'האט געזען : ווי דער איד האט מיטגעלעבט, מיטגעלאכט און מיטגעוויינט מיט דער געבורט און מיט דעם אונטערגיין פון אלעם, וואס האט געלעבט אין די פארשידענע צייטן ; ווי זיין גוף האט זיך געטרייסלט פון די ווינטן אין הערבסט, און זיך געבאדן אין רחבות פון די בלאע הימלען אין זומער...

בלאע הימלען, וויינענדיקע רעגנס — דאס איז געווען זיין חיות ; דאס האט אים דערפרייט און געברענגט זארגן ; אויפגע־הויבן און אראפגעווארפן ; און אזוי ווי די פייגל האבן געזונגען. — האט עס ארויסגעזונגען ביי אים, נאר מיט אנדערע קולות,

מיט אידישע קולות... און אין די קולות האט מען געקענט הערן אלע נגונים...

אזוי האט דער איד געלערנט, געזען די וועלט, די וועלט וואס איז געווען אין זיינע אויגן — בלאָע הימלען, געבירטיגע ערד.

און אין מיטן בליען, ווען דער הימל האט אזוי מילד געלויכטן איבער זיין קאָפּ, און דער איד איז ארום בעשיינען די וועלט, און די ערד זיך בענשן מיט טויזנט ברכות פון זיינע טריט — האט ער דערשפּירט: ווי זיינע וואָרצלען ווערן אפּגעשניטן פון דער ערד; ער האט דערשפּירט, דער בוים, ווי די שארפע זייט פון דער האק איז געקומען, און שניידט איבער די וואָרצלען וואס האבן זיך אזוי שיין געהאט פארשפּרייט אין דער ערד...

און דאס איז געווען זיין ווייב, וועלכע האט זיך מיט איינמאָל אוועקגעשטעלט ביי דער טיר, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, — און אז ער האט אויפגעהויבן זיינע קלארע אויגן צו איר, האט זי געזאָגט:

— כ׳וויל דו זאָלסט מיט מיר אוועק פון דאָרף...

ס׳ערשטע מאָל האט זיך אים אויסגעוויזן גאר פרעמד איר קול, און אז נישט זיין ווייב, די קלוגע, וואויל־געלערנטע, הימל־ליכטיקע, — זאָגט דאס אים; און שפּעטער, אז זי האט אים שוין אנגעהויבן צו באַגעגענען אפטער מיט דער אייגענער בקשה:

— כ׳וויל, דו זאָלסט מיט מיר אוועק פון דאָרף...

האט ער שוין אנגעהויבן אריינגיין מיט איר אין א שמועס:

— אוועק, זאָגסטו ?... ווי קען איך אוועק ?... וואו וועל איך קענען לעבן, אז כ׳וועל נישט האבן ס׳דאָרף ?... די ערד אויפן דאָרף ?...

האט זי להכי געשוויגן, און שווייגנדיק ס׳איריקע עקשנות׳־דיק געמאנט:

— ב׳וויל אוועק... זאלסט מיט מיר דורכאוים אוועק...

— און ס׳דארף אליין? — האט ער אלץ גע׳טענה׳ט — די ליכטיקע שטובן ביים וואסער, וואס טונקן זיך אונטער פסח־צייט ביזן קנעכל?... די גאנצע תורה וואס איז אפגעלערנט גע־ווארן, און שוועבט פון דורות איבערן הויז, וועלכע האבן גע־לעבט פאר מיר, און מיך געלאזן נאך זיי אויפן דארף?... די תורה׳ס, די פארוואגלטע נגונים, וועלן דאך בלייבן אן א תקון; וועסט מיך צונעמען פון דארף, וואו די גוטע און בייזע ווינטן דערפרייען און מאכן מיך טרויעריק — פון וואס וועל איך ערגיץ אנדערש־וואו ווערן דערפרייט און טרויעריק?... אין ווע־מען וועלן די אלע פארשפרייטע נגונים פון דורות געפינען זייער תקון?...

האט זי אויפגעהערט ריידן, דאס ווייב, אבער ארומגע־גאנגען שוין נאכדעם אן אנדערע, נישט מער די אייגענע; און דער איד, ווי ער האט געזען אז זיין ווייב ווערט אן אנדערע, איז נישט מער די אייגענע — האט ער געקלערט: ס׳ווייב קומט פון דער פרעמד, און פון דער שטאט דערצו, פון וואנען זאל זי וויסן, אז ער איז א בוים דא, א בוים וואס וואקסט אין דר׳ערד?.. א בוים פון זיינע אבות אבותיהם...

א יונג ווייב... א שיין ווייב... זי קען טאקי דערפרייען מיט איר גוט הארץ... אין אירע אויגן פאר׳גנב׳עט זיך אמאל די בלייבקייט פון דער לבנה, און דאס גלוסטן איר׳ס, איז גלייך ווי דאס גלוסטן צו דער ערד, וואס האט געטראגן און געבוירן... זי איז געווען דאס חלק־שני פון דער ערד... ביידע האבן זיי אים געגעבן זאפט צום לעבן... און זי האט דאך צוזאמען מיט אים אין דער ערד זיך געבענטשט... מיט זיין לערנען ערשט ווי פון דער ערד זיך געקוויקט, און וואס, נישט געקענט פארשטיין —

איז איר צער דאָ אַזוי גרויס?... און וואָס רייסט איר האַרץ און גייט אויס ?...

האָט זי אים דערציילט :

— אַ שאָטן גייט מיר נאָך פון שלאָס... אַ טונקעלער שאָטן פון אַלטן פּריץ'ס זון... און ער וועט איר שלעכטס טאָן... זי האָט מורא פאַר אים..

און איר צער האָט אים דערהויבן, דעם איד, ביז צו וויטאַק ; און ער איז נאָכדעם נאָך שטאַרקער געוואָרן צוגעבונדן צו דער ערד פונם זעלביקן דאָרף ; און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די ערד ווערט ביי אים אַרויסגעריסן פון אונטער די פיס, זי גליטשט זיך אַוועק, — געדיכטער איז געווען איר האָניק, בע'־טעם'טער איר זיסקייט, פעטער איר גאָב, און ליכטיקער איר ראיה...

ווי אַ מוטער וואָס ווייסט און זעט, ווען איר קראַנק קינד גייט שטאַרבן, — די ליבע וואַקסט איר מעלות דערפון, אַזוי האָט ער אין די לעצטע טעג אויך געזען ס'דאָרף, ריכטיקער : אין די ערד פונם דאָרף, — אַלע גוטע מעלות, ווען ס'האָט זיך באַדאַרפט אָפּטאָן פון אים...

ס'דאָרף, פאַרן שיידן זיך, פאַרן געזעגענען, צו נעילה, איז שוין גאָר אַן אַנדער דאָרף געווען ; אַ העל ליכטיקס, פון גאָט באַשטראַלטעס, גן־עדן דאָרף, — אַ דאָרף אין די עולמות העליונים, וואו די צדיקים גייען אַרום נאָכן לערנען פון גן־עדן, מיט די גילדערנע קרוינען אויף די קעפּ, זיינען נהנה מזיו־השכינה... טוען זיך אָפּרוען אין לויטערן ליכט פון די פעלדער..·פון שבת־רו... זיך אָפּ'טוב'לען אין די קלאָרע קוואַלן פון די וואַסערלאַך...

— כ'וויל, דו זאָלסט מיט מיר גיכער אַוועק — האָט זי אים אָפּגעשטעלט — דער שאָטן גייט מיר נאָך... מיין ליבּ רייצט אים... מיינע אויגן געפעלן אים...

און ער איז ארוים פון וואָרעז חלום, זיך ערשט איינגע־קוקט אין אירע אויגן, דערזען אין זיי דעם גרויסן פחד, די מורא פאַר איר ווייבלאַכקייט, פאַר איר כשר'ע צניעות'דיקע ריינלאַכקייט, איז ער אוועק פון דאָרף, און איז גרוים אבלות נעגאַנגען מיט איר צו דער שטאָט.

נאָר אויב עס איז מקוים געוואָרן די בקשה פון די מענטשן, ער זאָל צו זיי קומען — האָט ער אָנגעהויבן דאָרן נאָך גיכער ווי ער איז געקומען; טריקענען די זאַפטן אין זיינע ביינער, ווי ביי אַן אָפּגעשניטענעם בוים, מ'שניידט אים איבער די וואָרצ־לען...

שרעק.

ס'האָט געפּאַנעוועט אַ מגפה, ר"ל; אַרום אין די שטעטלאַך איז ס'חורבן געווען גרויס; האָט עס אָוועקגעריסן מאַמעס פון זייגנדיקע קינדער, חתנים פון כלות...

געמאַכט לעבעדיקע לעבער אין די הייזער...

דאָ אין שטאָט, וואו דער רבי איז געזעסן, איז לעת־עתה געווען שטיל; דער צדיק האָט זיך איינגערעדט:

— ער וועט איר אין דער שטאָט נישט אַריינלאָזן, די מגפה...

איז, ווער ס'האָט געוואָלט, געווען אַ מאמין בדברו, און זיך געטרייסט מיט האַרץ־חלשות; און ווער נישט — אַרומגע־גאַנגען אַן אַ קאָפּ...

אַליין האָט דער רבי זיך אויך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף קיין נסים, און געבראַכן עולמות; געהייסן בלאָזן שופר... צינדן ליכט אויף די קברים... און אָנגעזאָגט דעם גבאי:

— חלילה אַ שלעכטע בשורה, זאָל מען אים תיכף קומען אָנ־זאָגן...

און דאָס אַלץ איז דערווייל געווען גוט, אַז די מגפה האָט קיין שליטה נישט געהאַט איבער קיינעם אין שטאָט...

מ'האָט געהאַט מנוחה פון איר...

דער רבי איז טאַקי געשטאַנען ווי אַ ריז, אַ גבור, אויפ־געשטעלט די פּלייצעם:

— עלי ועל צוארי; ס'זאָל דאָס מיר שאַטן, וואָס ס'וועט דער שטאָט שאַטן...

כאָטש ס'איז נאָר געווען געזאָגט, האָבן שוין פונדעסטוועגן די מקורבים זיינע געהאַט גרויס תרעימות אויף אים:

— ער ברויך זיך נישט וועלן מקריב זיין דער ערשטער;

איטלאכס ילידיאשה איז טייער, אפילו א הדיוט — זיינען אבער דאך קיין סך גוטע אידן אזעלכע נישטא...

ס'האבן אבער אנגעהויבן אנקומען ידיעות, איינע ערגער פאר די אנדערע:

— די מגפה גייט...

— זי איז שוין ארום, אין די דערפער...

— דאס שטעטל קארטשעט זיך שוין כמעט אין אירע ארימס און וועט, קוקנדיק, — אוועקפאלן...

האט דער רבי געהאט גרויס שברת הלב, און איז זיך מיישב, גייט ארויס הינטער די שטאט, צוויי־דריי ביימלאך זיינען פאראן, און האט זיך בדעה אוועקצושטעלן אויס'טענה'ן מיט גאט־ברוך־הוא, — אזוי זעט ער דא, ווי צווישן אנדערע וואס גייען אריין אין שטאט, גייט זיך אויך דער מלאך המות; האט ער אים גלייך אנגעכאפט ביי די האנט, דעם בחור, און אפגעשטעלט:

— וואו גייסטו?...

— אין שטאט אריין! — זאגט דער מלאך המות.

— אסור מיר, אויב כ'וועל דיך אריינלאזן! — שטעלט זיך אים דער רבי אין וועג.

— כ'מוז אריינגיין!... — זאגט דער מלאך המות.

— האסט דיר דאס גארנישט וואס איינצורייידן! — טענה'ט דער רבי.

— דו ביזט טאקי גרויס, — ווערט דער מלאך המות ביי זיך געפאלן, און קענסט זיך מיר אקעגנשטעלן, — איך האב אבער אן אנזאג און בין געשיקט פון נאך א גרעסערן פאר דיר...

שטייט דער רבי שטאל און אייזן:

— יענער קען טאקי זיין גרויס ביי זיך, אבער ביי מיר אין שטאט בין איך נאך גרעסער; האט מיר אפילו קדשא ברוך־הוא, אויך קיין דעה נישט צו זאגן...

זעט דער מלאך המות, ער האלט שמאל, — דער רבי שטייט

אים א בײַן אין האלז, אזוי נעמט ער ארויס א כתב און ווײַזט שווארץ אויף ווײַס:

— זע, כ'האב א כתב צו גײן דא הרג'ענען דרײַצן מענטשן; און ס'וועט דיר גארנישט העלפן וואס דו שטײַסט מיר אין דער וועג, — איך מוז זײ אוועקנעמען ס'לעבן...

טראכט דער רבי:

— א כתב?... און דרײַצן מענטשן, סך־הכל — לוינט זיך אפשר נישט אקעגנצושטעלן דעם בית־דין של־מעלה, און אנמאכן דארטן א יריד אין הימל...

באשטײט דער רבי, און זאגט צו אים:

— גוט, כ'וועל דיך ארײַנלאזן, נאר דו מוזט מיר צו־שווערן, אז דו וועסט נישט מער צונעמען פון שטאט ווי די דרײַצן מענטשן וואס דו האסט אויפן כתב...

זאגט דער מלאך־המות:

— אז כ'האב נישט מער אויפן כתב, וועל איך דאס גײן טאן בלויז מיט מײַן רשות...

גײט ער ארײַן מיט אײן וועג, און דער רבי — מיט אן אנ־דערן: הינטער דער שטאט, ער קומט, — הערט ער שוין ס'גוואלד:

— די מגפה איז דא...

ער האט געבעדט גוט געוואוסט, און געהאט בטחון...

מ'לויפט אים אנטקעגן:

— ר' ברוכל אסתר'ס איז אוועקגעפאלן...

— שלום לײבלס איז שוין נישטא; ס'האט קײן רגע נישט געדויערט; מיטן אויג — שווארץ געווארן ווי קויל..

דער רבי וויל נישט הערן; פארמאכט זיך ביחידות, און לאזט נישט מער קײנעם־צו צו זיך; מ'האקט אים ארײַן אין די ווענט, מ'שלאגט־אפ די טירן:

— ראטעווע...

— די שטאט גײט אונטער...

איז ער מבטל יענעם :

— די שטאָט גייט נאָך נישט אונטער..

ער איז דאָך א בטוח ; האַלט אים, דעם בחור, ביים וואָרט..

— הייסט ?... אַזאַ חורבן ?... מ'איז נישט זיכער : מ'שטייט־אויף צי מ'וועט נאָך לעבן אויף דער נאַכט ; און אַז מ'לייגט זיך — צי מען וועט נאָך אויפשטיין בייטאָג...

פרעגט ער, זאָל לעבן :

— וויפל קברים ס'זיינען שוין געוואָרן אויפגעשיט ?...

זאָגט מען אים :

— זיבן, דערווייל, נישטמער, נאָר א האַלבע שטאָט ליגט אין בעט, און די אַנדערע האַלבע איז אויף דער אייגענער מצידה...

זאָגט ער, זאָל לעבן :

— גוט... זיבן מתים.. מ'זאָל אים אריינבאַפּילן פון איט־לאַכן מת באַזונדער...

און אַליין, נעמט ער א שטיק קרייד אין דער האַנט אריין, און שרייבט אויף אויף דער וואַנט :

— זיבן...

מ'שרייט :

— אַכט !...

שרייבט ער :

— אַכט !

מ'שרייט :

— ניין !...

ניין...

— צען !..

צען...

— עלף.

עלף.

— צוועלף !

צוועלף.

ס'קומט צום דרייצנטן מת, גיט ער א געשריי:
— שטיי!...

און מאכט־אויף ס'פענסטער, ווייזט זיך צום ערשטן מאל, זינט די מגפה האט אויסגעבראכן; ס'פנים ביי אים שטראלט, א גרויסע שמחה, — און ס'קול זאגט:

— אידן, וואס הערט זיך?...

זאגט מען אים, ווי געוועגטלאך:

— ס'איז נישט גוט; מ'ברויך רחמים, א ישועה פון הימל...

— וויפיל מתים?...

— דרייצן ביז איצט צו קבר ישראל געקומען...

זאגט דער רבי מיט גרויס בטוחות:

— ס'וועט אודאי זיין גענוג..

פרייט מען זיך:

— הלואי ס'זאל טאקי זיין גענוג; מ'זאל שוין האבן אפגעקומען דערמיט; דער אייבערשטער זאל זיך עפּיס מרחם זיין, און ס'זאל נישט קיינער מער אוועקגיין פון דער וועלט...

דערווייל ווערט א גוואלד:

— ר' מענדעלע איז נסתלק!...

ווערט דער רבי בלייך ווי דער קרייד, ס'פנים נשתנה:

— אידן, ס'איז נישט גוט; ס'האט נישט געטארט מער זיין ווי דרייצן מתים אין דער שטאט...

— אוי־ווי, ר' מענדעלע! — קלאגט מען ס'חורבן!

— וויינט נישט אויף ר' מענדעלע, — שרייט דער רבי, — נאר אויפן פערצנטן מת, ווארים אצינד קען איך שוין נישט ערב זיין פאר קיינעם... איז די שטאט אין זיינע הענט...

און לויפט ארויס מיטן שטעקן; גייט איבער די גאסן, און שרייט:

— סוף וועלט; א כתב איז קיין כתב נישט; א שבועה, — קיין שבועה נישט; ווי אזוי איז שוין ווער מען צו גלייבן?...

דערווייל קרעכצט נעבאך ס'מקום ; ווערט דערשטיקט פון דער ביטערער מגפה... מ'שטארבט צוקוקנדיק... מתים וואלגערן זיך, — ס'איז נישטא ווער ס'זאל זיך מיט זיי מתעסק זיין... די שטאט ווערט שיטערער... און די וואס גייען ארום לעבעדיק, — האלטן זיך מער פאר טויטע, און זיינען מקנא יענע, וואס זיינען שוין ס'לעבן איבערגעקומען...

דער רבי קומט דערווייל אפ מיטן לויפן ; ער ווערט מיד־אונ־מאט זיך נאכצויאגן נאך אים, — אזוי גייט ער ארום הינטער דער שטאט, זיין ביחידות צווישן הימל און ערד, שטעלט זיך אוועק מיט זיין שווער ביטער געמיט אויס'טענה'ן פארן אייבערשטן, — אזוי דערזעט ער דעם מלאך־המות ערשט אצינד ארויסגיין פון שטאט, ערגיץ אנדערש מסתמא אפשעכטן א שטעטל, — און ער שטעלט אויף אים אויף א פאר אויגן, צו פאר־ברענען :

— אזוי האסטו געהאלטן ווארט ?... מיר צוגעזאגט : נישט מער אוועקצוברייגגען ווי דרייצן מענטשן, וואס זיינען ביי דיר אויפן כתב — האסטו אוועקגעקוילעט א גאנצע שטאט ?...

שטייט דער מלאך־המות, א נעבעכל, און חדוש'ט זיך :

— לעולם, האב איך דאך נישט מער אוועקגעבראכט ווי די דרייצן, וואס כ'האב געהאט אויפן כתב...

— און מיט די אלע מתים, וואס איז ?... — שרייט דער רבי.

— זיינען פאר שרעק אליין געשטארבן...

דער רבי איז געזעסן אין א קליין שטעטל, גאר א פיצל שטעטע־לע... א ברייטער חזיר־מארק, וואס איז געווען ארומגעצוימט אזוי ווי מיט א פלויט פון קליינע צרה'דיקע הייזלאך, — אז איינגעביקט הכנעה'דיק שול'כל, א קלויסטער, און א גרויסער גרוימער הקדש, אין וועלכן ס'פלעגן זיך אויפהאלטן און נעכ־טיקן די דורכגייענדיקע ארימעלייט...

דאס שטעטל האט אויך שטארק געשפייזט דעם בית־עולם, — אן אלטער בית־עולם, וואס האט זיך אוועקגעצויגן אויף א מהלך־ווייט; קוקנדיק אויף זיין גרויסקייט, האט מען געקענט זען — דאס ער שפייזט זיך שוין פון שטעטל מכמה הונדערטער יארן; האט אמאל געהאט גוטע צייטן, צייטן פון שפע, ווען ער האט ממש געשלונגען מיט אן אפן מויל, זיך געפאשעט, פעט געווארן, און באקומען א ברייטן קארק...

אפגעריסן און פארווארפן איז געווען דאס שטעטל, מיט א שלעכטן צופאר, און אפילו ווייט פון א דארף; האט אויך נישט געהאט קיין ירידים, די ברייטע הילכיקע ירידים וואס גיבן אריין א חיות — ס'האט בלויז דעם הויף, דער רבינ'ס הויף...

איבער'ן שטעטל האט געוועלטיקט דעם רבינ'ס הויף...

פון גאנץ לאנג, און אפשר מיטן הויפ'ס געבורט — איז אויך געבוירן געווארן דאס פער'חלומ'טע שטעטל צווישן די בערג, אין דעם וויסטן העק: מיטן אויפקומען פון רבינ'ס הויף, וואס איז געווען אזוי ווי א חזקת — איז אויך א פנים, אויפגעקומען דער שטילער פארבארגענער ישוב צווישן די טאלן און פעלדער.

מיטן כח פון רבינ'ס הויף האט דאס מקום געלעבט, זיך

דערנערט; פון רבינ׳ס הויף דאָ, אין דעם קליינעם שטעטעלע, האָבן זיך געצויגן אַזעלכע ליכטיקע שטראַלן איבער די וויסטע צעקרימטע וועגן פון לאַנד, און אַנגעשפּאַרט אויף די אָרעמיקע און ווייטע ישובים פון דער וועלט; און פון די אָרעמיקע און ווייטע ישובים וואָס איבער דער וועלט האָט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר אַן עולם אידן עולה־רגל געווען, געצויגן אַהער מיט די וועגן און שליאַכן, זיך געקומען אַנוואַרימען ביי דעם ליכטיקן הויז, דערפרייען, און מיט־טראָגן די ברכה פון דעם ליכטיקן הויז אין דער ווייטער וועלט אַריין, און ממילא אויך — אינם אייגענעם הויז אַריין...

און אַזוי ווי ס׳האָט פון תמיד געשטראָמט, געווען אַ באר מים חיים — אַ לעבעדיקער קוואַל, אַזוי האָבן די וועגן קיינמאָל נישט גערוט, קיין מנוחה געהאַט, און דאָס שטעטל האָט געבליט, און גערימט; געהאַט אירע ליכטיקע און חושכ׳דיקע צייטן, צייטן — ווען עס האָט זיך געפרייט, הויך געזונגען, און, נישט דאָ געדאַכט — געווען אַבל׳דיק, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און זיך שבעה געזעצט...

אידן אין שטעטל האָט זיך געלעבט אַזוי ווי דעם הויף; האָט דער הויף געלויכטן — האָט דאָס שטעטל אידן אויך געלויכטן; און חלילה נישט, — דאָס שטעטל פאַרגאַנגען, און מ׳האָט עס אַזוי ווי מער נישט אַרויסגעזען...

דאָס שטעטל — דאָס איז געווען דער הויף, דער אַלטער רבי׳שער הויף, וואָס האָט תמיד געלעבט, תמיד געלויכטן, אפילו אין די ערגסטע צייטן, נישט קיין חלוק — אויב אַ רבי איז נפטר געוואָרן, געוואָרן אַפּגעטאָן...

די פּטירה אַליין פון אַ צדיק איז שוין געווען דערהייביק הויך, למעלה מן הארץ... ווייל מיטן קראַנק ווערן פון אַ רבי׳ן, איז ממילא אויך דאָס שטעטל אַריינגעפאַלן אין אַ חולאת; ס׳זיי־

נען געקומען שטורמישע טעג פארן הויף, זיינען זיי אויך געווען פארן שטעטל.

אין דעם שטילן געמיטלאכן גאנג פון טעג און יארן, וואס פלעגן פארבייגיין בהרחבה — האט עס פלוצלינג געקענט אג־הייבן, צו רעש'ן ; אז דער צדיק איז געווארן מיד, האט דער־פילט די מידעקייט אין די ביינער פון זיין גוף, אז ער ווערט אפגעשפארט פון די כחות, און ברויך ווערן אפגעטאן, — האבן זיך דענסטמאל אויפגעמאכט די פענסטערלאך צו דער וועלט, די פענסטער פון דעם ליכטיקן הויז האבן אנגעהויבן ארויסקוקן מיט גרוים געבעט און רחמים ; און ס'האבן תיכף אנגעהויבן גיין קארעטעס מיט רייכע אידן, מיט הייסע איבער־געגעבענע אידן, וועלכע האבן מיטגעפירט מיט זיך די גרעסטע פראפעסארן, וואס זאלן דעם צדיק'ס הארץ שטארקן, אים ביים לעבן דערהאלטן...

און ס'איז אבער געווען די צייט, ווען די גרויסע דאקטוירים האבן אויך מיט זייער חכמה מער נישט געקענט העלפן ; אז דער אין הימל וואס לעבט אייביק, האט זיין האנט אוועקגענומען און דער צדיק איז געווארן אפגעטאן, דער רבי איז פארגאנגען, אזוי איז דאס שטעטל איבער א נאכט פול געווארן ; האט עס די טויזנ־טער, טויזנטער אידן, מאמינים, פון נאענט און ווייט ארויסגערירט ; זיי האבן שוין נישט געקענט מער איינזיצן אין דער היים, אויף די שוועלן פון זייערע קראמען, און זיך אוועקגעלאזט אהיים, אין זייער ריכטיקער היים, אין זייער שטעטל, וואו דאס גרויסע ליכט איז פאר א ווײַלע געהאט אויסגעגאנגען, פארלאשן געווארן.

און די טויזנטער אידן וואס זיינען געקומען צו דער קבורה האבן באלד אויפן פריש אויפגעשיטן קבר עס צוריק אנגעצונדן, דאס ליכט, דאס אייביקע ליכט, געזאגט מזל־טוב דעם זון, דעם יורש עוצר, און אנגעהויבן גלייבן פון אויפסניי, און מיט מער שטארקייט...

אַ נייער רבי, — האָט ער נייע תנועות פאַרמאָגט; האָט ער נייע הערצער אָנגעצונדן; האָבן פרישע פלאַמען גענומען אַרויסשטראָמען פון דעם ליכטיקן הויז, זיך אַלץ מער צעשפּרייטן, און מער אַקער לאַנד איינגענומען... מער ישובים אַריינציען... העכער זיך דערהויבן...

און דאָס שטעטל האָט זיך געשטאַרקט, זיך טיפער איינגעוואָרצלט, צוזאַמען מיטן הויף וואָס האָט זיך בלויז נאָר געקענט דערהייבן נאָך איטלאַכער פּטירה, און אַריבערלייכטן פון דער טיפער טיפעניש איבער אַזוי פיל דורות, וועלכע זיינען שוין געשלאָפן במנוחה אויף דעם אַלטן, אַלטן בית־עלמין...

דער בלינדער...

געלעבט האָט אַ בלינדער. קלאָרע אויגן געהאַט, דוכט זיך: ריין ווי טוי, און אויף זיי נישט געזען.

אָרים געווען. אויסגעשטרעקט די האַנט צו מענטשן. און שווייגנדיק, ביי קיינעם די פּאָלע נישט געריסן.

און געהאַט האָט דער בלינדער אַן אַלטע מאַמע, אַ זקנה, — קיין צאָן אין מויל נישט, און עסן האָט זי אָבער געוואָלט ווי אַ יונג מענטש, אַזוי איז דער בלינדער איר שפּייזער געווען; אים אַרומגעפירט אויף די טירן, פאַר אים די האַנט געשטרעקט, און געריסן ביי טויטע און לעבעדיקע:

— גיט׳ס עפּעס, אידן... אויב נישט פאַר מיין עלטער, וואָס כ׳בין אַזוי אַלט געוואָרן, איז כאָטש פאַר אַ קאַליקע, אַ בלינדן, וואָס האָט נישט דערלעבט די ליכטיקע שיין פון דער וועלט צו זען...

האָבן אידן געגעבן; אויס רחמנות צו אירע אַלטע יאָרן, און פון שרעק פאַר די קלאָרע אויגן, וואָס זעען נישט...

איז דעם בלינדן געווען וואויל זיין וועלט, און אַזוי לאַנג פון קיין נויט נישט געוואוסט, כל זמן די מוטער האָט זיך גע־האַלטן אויף די פיס...

האָט זי זיך אָבער אוועקגעלייגט, אַ זקנה: אוודאי — איבער אַ שטאַרקע מאה, און מ׳וואָלט זיך אפשר נאָך נישט גע־ווען אומגעקוקט אויף איר; נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך שוין אָבער געהאַט אַריינגעלעגט אין בעט, האָט מען גענומען דעם בוך אין דער האַנט אַריין, און ס׳האָט זיך באַלד געפונען עמיצ, וואָס זאָל אַ קנייטש טאָן:

— הונדערט יאָר, וויפיל איז דער שיעור?...

און געלאָזט איר איינשלאָפן ווי אַ טויב; אַ גרויסע קונץ צו שטאַרבן?...

געשטאָרבן, איז געבליבן דער בלינדער אַליין...

נישט קיין קרוב, קיין גואל, וואָס זאָל זיך האָבן אומצוקוקן אויף אים.

ער ווערט הונגעריק, — גייט ער אַרויס, אַ שטאָט אפילו, אַ פרעמדע שטאָט, די קולות — פרעמדע, קיינמאָל און מיט קיינעם קיין מגע־משא נישט געהאַט...

די מוטער האָט פאַר אים גערעדט, און גענומען...

און שטעלט זיך אַליין אַוועק פאַרן טיר, — אַ דראַנג, מ׳זאָל אים געבן; קיינער גיט אים נישט; מסתמא, אַ שלעכט אָרט, — טראַכט ער — וואו ס׳גייט נישט קיינער, און אפשר, ווייל עס איז נישטאָ מער קיינער, וואָס זאָל פאַר אים רייסן די פאָלעס...

מ׳גיט נישט...

גייט ער ווייטער, און זעט נישט וואו אַ הויז, אַ בוים, אַ שטיק מויער, און שלאָגט זיך אָפּ; צוקאַליעטשעט זיך ס׳פּנים, רייסט זיך אָפּ ס׳לעבן, און לייגט זיך, צום סוף אַוועק, פאַר גרויס חלשות אויף דער ערד...

ליגט ער אַ הונגעריקער, ס׳בלוט רינט, און אַז ס׳קומט נישט קיינער, — לאָזט ער אַרויס קולות, ווי אַ הונט וואָס גייט פּגר׳ן...

הערט דאָס קלאָגן סתם אַ ווייבל, און גייט שוין אים נישט אַריבער, — נאָר פאַרברעכט די הענט.

— אוי־וויי געשריגן, ס׳איז דער בלינדער! די מוטער איז אים צונענומען געוואָרן, וואַלגערט ער זיך אין גאַס, און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זיך אומקוקן אויף אים...

און אויף איר וויינעשריי קומט באַלד־אַן נאָך אַ ווייבל, און מאַכט נאָך אַ גרעסער גוואַלד:

— די שטאָט וועט זיך דאָ נישט אַרומקוקן אויפֿן בלינדן, וועט מען זיך, חלילה, פֿאַרזינדיקן...

און דער בלינדער האָט, אַ פּנים, אין זכות פֿון זיין טויטער מאַמע, וואָס האָט זיך פֿאַר אים געמיט — געגאַסן, און מ׳האָט אים קודם אַריינגענומען אין אַ בעל־הבית׳שע שטוב, אַרומגע־וואַשן, אָנגעטאָן לייטיש, און אַזוי לאַנג געהאַלטן, ביז קהל האָט געמאַכט — מ׳זאָל אים פֿאַרזאָרגן מיט אַ מקום־מנוחה אינם קברות־שטיבל, אויפֿן בית־עולם.

— דער קברן האָט ווייניק מלאכה, אַ מת אין אַ יובל, וועט מען אים דערלעגן צו די שכירות, ער זאָל אַכטונג געבן אויפֿן בלינדן...

זיצט דער בלינדער, דוכט זיך, ס׳ברויך אים וואויל זיין זיין וועלט; קריגט צו עסן, און ווייסט נישט, וואָס מ׳האָט דאָ אָפּ־געטאָן מיט אים; גייט ביי נאַכט צווישן די קברים ווי אַן אַנ־דערער צווישן הייזער, און האָט נישט קיין פּחד — פֿרעגטס אים בחרם, ער איז אויף אַ בית־עולם.

איז דאָך ווידער גוט; זיין חלק באַקומט ער, אפֿילו קנאַפּ. דער קברן גיט נישט אַזוי פֿיל ווי מ׳באַצאָלט פֿאַר אים, נאָר דער חומר איז צופֿרידן, און ס׳שרייט נישט דערוויייל מער אַרויס פֿון אים...

חוץ׳ן עסן, איז אים נאָך פֿריילאַך; נישטאָ דער טאָג, ס׳זאָלן נישט קומען נעכטיקן אויפֿן קברות קיין בעטלער, סתם אורחים, משולחים, וואָס גייען אויף דער מדינה...

און שלאָפֿן גיין גייט ער שוין אויך נישט מער אַליין, ער האָט מיט וועמען...

מאַכט זיך אָבער אין שטאָט, אַ פֿאַרשלאָפֿונג, ר״ל... מענטשן נעמען פֿאַלן... מיט איטלאַכן טאָג ווערט די אימה גרעסער, דער

פחד — שטארקער, די מגפה ציט אריין מער מענטשן, שווינט נישט באלד קיינעם...

ס׳גייט אַ מענטש, גייט כשורה, און פאלט — שווין אוים מענטש; גיט זיך אַ וואקל און — נישט מער...

לויפט מען ארום ווי פאר׳סם׳טע מייז... מ׳פארווארפט ס׳צירונג, מ׳איז מפקיר ס׳האב־און־גוטס, אבי ס׳שטיקעלע חיות. ס׳געזונט איז טייער... מ׳טיילט שוין צדקה מיט אַ פולע האנט, אבער ס׳איז נישטאַ מער קיינער וואס זאל ברויכן אנקומען צו צדקה...

אָרימע לייט האָבן זיך אויפגערוימט; זיי זיינען אוועק וואו מ׳קען לעבן מיט אַ פרוטה און נישט — שטארבן מיט אַ זעקל געלט צוקאַפּנס!... טאַקי, וואס בינדט זיי צום ארט־צו?.

אַ בעל־הבית, ער האט אַ נחלה, און ס׳איז אים אַ שאד איר צו פארלאזן, נעמט ער און לעגט אוועק די ביינער ביי איר...

ביי מדינה־גייער איז דאָס שטיקעלע לעבן זייער חשוב, — וואס האָבן זיי מער?...

בינו לבינו איז דאָס נישט קיין טובה פארן בלינדן.

האט זיך אַ כמארע אנגערוקט אויף זיין קאָפּ; אַ ביטערע צייט אנגעשטאנען... אז מ׳האט אַ פארדרייטן קאָפּ, מיט זיך צו טאָן, — ווי זאָל מען אין אים גערענקען!...

און ער איז אראָפּ פון דער גדולה, געווארן אַ יורד...

די מגפה האלט אין איין גראסעווען...

אין שטאָט איז אַ בית־הקברות, און אויפן בית־הקברות — שטאָט; חברה־קדישא גייט גאָר נישט אראָפּ... וואוינט אין דרויסן, אויפן פעלד...

די טויטע באגראָבט מען, די לעבעדיקע רייסן איין קברים..

דער בלינדער האט אַ בייזע גבורה.. ער וואלגערט זיך

צווישן די מתים, מ׳גיסט אים אָפּ, אויף צו להכעיס, מיט טהרה־וואַסער, מ׳זאָל זײַנער פּטור ווערן, — און ער איז געזונט ווי אַן אײַזן, קיין שום טויט נעמט אים נישט...

נאָר עסן גיט׳ס אים...

חברה־לײַט האַלטנ׳ס נישט אויס:

— ס׳אַרא ביימער ס׳האָט שוין אוועקגעלעגט, און פאַר אים איז גאָר קיין טויט נישטאָ ?...

ער שרײַט: עסן, ער וויל עסן; און צו אַלע צרות — מוז מען זיך נאָך אויסלאַכן:

— נאַ דיר פּערל, עס בריליאַנטן...

— ניין, ברויט; ברויט זאָל מען אים געבן...

— ברויט ווילסטו ?... ווען ליגט עס אין קאָפּ צו באַקן ? ווען גייט־אײַן צו קאָכן ?...

דער בלינדער קלעטערט איבער די קברים, קריצט מיט די ציין, מאַכט אַזעלכע קולות, אַז מען מוז אים פאַרשטאָפּן ס׳מויל מיט אַ שטיק ברויט:

— מ׳זאָל גאָר נישט געשטראָפט ווערן, אַנ׳אמת׳ע חיה־רעה.

איז גוט, ווען ער קלעטערט פון פאַרנט, פאַלט אַריבער איבער מתים, אין די אָפענע קברים אַרײַן, און פאַרטויבט זיי די אויערן, מיט זײַנע גוואַלטן; פאַרקריכט ער זיך אָבער אויפן אַלטן בית־עולם, הינטער דער מויער, קען ער שרײַען צו דער וואַנט, און ס׳זאָל אים קיינער נישט הערן...

און ווען ער שרײַט, ווייסט ער נישט ס׳פאַרנעמט זיך אויף אַ רעגן; אַז אויפן הימל קלײַבן זיך אַזעלכע שטיקער וואָלקן, וואָס זײַנען שווערער און פינסטערער ווי די מגפה אפשר...

ס׳הייבט אָן גיסן מיט עמערס; ס׳פאַלן אים גאַנצע שטיקער וואַסער איבערן קאָפּ; ער וויל אַרויס צוריק פון דאָרטן, און קען נישט, — אַזוי מאַכט ער נאָך גרעסערע גוואַלטן, נאָר די דונערן פאַרטויבן אָבער זײַנע קולות; דער רעגן שלאָגט אים

ווי מיט דרענגער; ער וויל זיך אפהיטן, ראטעווען, און האט קיין שכל נישט; נעמט קלימפערן מיט די פיס, און פארקאפעט זיך נאכמער; ביז ער קריכט אריין אין א שיטערע בלאטע, און בלייבט שוין שטעקן אין איר מיט אלעם...

אז מ'דערזעט אים שפעטער, ווען ס'מבול שטילט זיך איין, און מ'שלעפט אים ארויס א האלב טויטן, מ'ברייננט אים אריינצוטראגן אין מתים־שטיבל, זאגט חברה:

— מ'מעג שוין נעמען פאר אים א קבר; ער איז שוין אנגעקליי־ט...

און מ'ווארט נאר ביז ער וועט אפדאנקען...

איז אבער דער בלינדער א בעל־כח, און אז ס'קדחות שאקלט אים א־ורך, ס'וואסער לויפט פון אים אפ, אזוי דערוואַרימען זיך אין אים די בלוטן, נעמען היצן, און ער דערשפירט זיך צו־ביסלאך, דערשפירט די אברים, די ווייטאקן וואס אין די אברים... אזוי נעמט זיך אים פארקרימען ס'פנים, פונקט ווי ביי א קינד ביים צעוויינען זיך...

א ווילדקייט נעמט אין אים ארומארבייטן, און וויל אים אונטערהייבן; די הענט דרייען זיך צוזאמען ווי שטיקער ווארצלען פון א בוים אויפן פייער; און ס'הארץ העשעט דערביי ווי ביי א קליין קינד, וואס קען זיך נישט שיינקען, וואס ס'האט באקומען געשלאגן... די אויגן ווערן אים פייכט... עס קומען אריין טרערן אין זיי, און דערווייקן דארט, שווענקען עפעס אראפ, ווי קליינע וואסערלאך וואס וואשן ארום א שטיינדל אין טייכל, און די גראבע ווענט איבער זיי ווערן לייכטער, דינער, צעגייען זיך, און ער הייבט אן זען... זעט: טונקעלע ווענט... פארדעקטע מתים... א פארשטייפטן פום ארויסשטעקן... א גלאטן אויסגעקראכענעם ליסע־קאפ... איבערגעשטאנענע געלע אויגן... קנייטשן אויפן בויך, וואס גייען נישט מער אויף... אויפגעשטעלטע, פאריסענע נעז, בלאלאכע...

נעמט ער ציטערן, טרייסלען זיך... אזוי ווי מיט א

קלארן שכל וואס זאל זיך האבן דערוועקט ביי אים אויף די געהירן, צוזאמען מיט דער קלארקייט פון זיינע אויגן, און ער שפרינגט אויף, שטאמלענדיק :

— קען איך אפשר צוריק בלינד ווערן, און כ׳זאל נישט זען, וואס כ׳זע ?...

דער זיווג

איינמאָל, פּריטיק פאַרנאַכט, האָט מען פאַרבייגייענדיק דאָס בית־החיים, געהערט זינגען; דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון צווישן די ביימלאַך.

וואָלט דענסטמאָל געווען אויף דער נאַכט, וואָלט מען זיכער געוואָרן דערשראָקן; כאָטש, ס׳גומע־אָרט איז אין מיטן דער שטאָט, און ס׳וואָלט קיין שום קלער נישט געווען, אַז ס׳געזאַנג איז פון די קברים; פון די אויסגעלייטערטע מתים, וועלכע האָבן נאָר־וואָס אָקאָרשט זיך געמוזט אומקערן פונם עולם העליון, וואו מ׳האָט זיי אפשר צוגעשמייכלט און צוגעזאָגט:

— אַז מ׳וועט זיי נאָך איינמאָל אָפּשמייסן, וועלן זיי שוין ראוי זיין צו קומען אין גן־עדן...

דאָס איז אָבער געווען בייטאָג, און מתים האָבן פיינט בייטאָג זיך צו לאָזן הערן; און לעבעדיקע קענען אויך מאַכן א חלוק פון א ווייסע ציג ביז א בר־מנן — איז מען טאָקי געבליבן שטיין, גאָר נישט דערשראָקן, הערן...

און אַז דאָס זינגען הערט נישט אויף, ס׳צענעמט שוין יעדעס אבר אויך — אַזוי גייט מען אויפן בית־החיים קוקן; חלילה נישט אינווייניק, נאָר מ׳שטעלט זיך אַרויף אויף דער מויער, און אַז מ׳זעט נישט גאָר, גייט מען שוין אויך אַריין אינווייניק; און דאָס, חלילה, נישט אַליין, נאָר צוזאַמען, עטלאַכע אידן אויף איינמאָל; מ׳גאַרטלט זיך אַרום מיט די פאַרטשיילעס, און מ׳...טעקט אַריין די גראָבע פינגער פון די הענט, פאַר א סגולה, א שמירה, מסתמא; און מ׳גייט אַזוי אַלע אינאיינעם מיט פלאַטערדיקע הערצער, צום געזאַנג... צוזען: ווער ס׳זינגט?... וואָס מ׳זינגט?

און מ׳זעט פּערעלע דעם בעדערס טאָכטער, — זי זינגט אַריין

אין קבר פון וואָווע־לייב׳ס בחור, וואָס איז נישט לאַנג גע־שטאָרבן ; זינגט אַזוי האַרציק, גראַד ווי ער וואָלט זיך דאָרטן איינגעהערט, און גרויס הנאה געהאַט...

נעמט מען איר אונטער די הענט, דאָס מיידל, מ׳וויל איר זאָגן : „גיטע, מ׳טאָר נישט...״ לאָזט זי זיך נישט דער־זאָגן... בייסט אין די הענט... קוקט מען איר אַריין אין די אויגן, זעט מען — דער קוק אירער איז נישט קלאָר, זי מוז אודאי זיין געריירט פון שכל, אַזוי וויל מען איר אַפּפירן אַהיים, מאַכט זי קולות, שרייט :

— מ׳זאָל איר נישט צונעמען וואָווע־לייב׳ס בחור...

לויפט מען די גוטע בשורה אָנזאָגן דעם בעדער, און יענער קומט ווי אַ ווינט געטראָגן מיט די בעדערן, און גיבן ביידע אַ כאַפּ פּערלען, זייער מיידל :

— ווי קומסטו אַהער אויפן בית הקברות ?... און זאָלסט נאָך דערצו אַריינזינגען אין קבר פון וואָווע־לייב׳ס בחור ?

זאָגט זי, פּערלע :

— ער האָט ליב צו הערן איר קול...

זעען די אידן, ס׳איז נישט מיט איר ווי ס׳ברויך זיין, און פרעגן ביים בעדער :

— וואָס איז מיטן קינד ?

שווערט זיך דער בעדער מיט כל השבועות שבעולם :

— זי איז די מינוט געווען אין באָד, געוואַרימט ס׳וואַסער פאַר דער מקוה... און ער פאַרשטייט גאָרנישט : ווער ס׳האָט איר דאָ אַהערגעברענגט ?

אַ בעדער און אַ גרעבער זיינען נישט פון די איבערגע־שראָקענע לייט ; און דער בעדער האַלט ס׳מיידל נאָכער צו אין דער באָד, לאָזט נישט מער קיין אויג פון איר אַראָפּ, כאַטש מען וויל זי פון אים אַוועקנעמען, אַריינגעבן אין הקדש...

זאָגט ער :

— מ'ברויך נישט ; ער וועט זיך אליין אן עצה געבן, און דאס משוגעת ביי איר ארויסשלאגן...

און אויף א בעדער איז צו גלייבן ; האלט ער פערעלען צוגעבונדן, שינדט פון איר די הויט, און אז זי וויל אויפמאכן ס'מויל — פארשטאפט ער עס איר מיט א האנטוך; און אזוי ווי ס'קומט פרייטיק פארנאכט, ווען ער איז פארטאן מיטן ווארימען ס'וואסער אין קעסל פאר דער מקוה — ווערט זי אנט־קומען ; געבונדן, פארשטאפט ס'מויל, און — נעלם געווארן... מ'גייט איר זוכן, געפינט מען איר ווידער אויפן בית־החיים,ביים קבר פון וואווע־לייב'ס בחור... און אז מ'וויל איר אוועקרייסן, האלט זי זיך מיט אלע כחות צו :

— מ'זאל איר לאזן דא זיין, זי גייט איצט צו קבלת־שבת מיט אים אין גן־עדן אריין...

קומט דער בעדער אריין אין כעס, און נעמט איר שלאגן מכות־רצח;זעען דאס אידן צו, הייבן זיי די פלייצעס :

ער וועט מיטן שלאגן נישט בעסער מאכן גאר ; דאס מיידל איז געווירט ; און מ'האט נאך קיינמאל א משוגע'נע מיט קלעפ נישט געזונט געמאכט...

שרייט דער בעדער :

— גוואלד !... וואווע־לייב מאכט אים דעם טויט !... ער לאזט אים נישט לעבן... בכן : זי איז מבזה ס'קבר פון דעם בחור, וואס איז אים געבאך ליב אפילו נאכן טויט...

וויינט דערצו מיט ביטערע טרערן :

— אים, וואווע, גייט עס אין געשטארבענעם בחור, און מיר — אין א לעבעדיקע מויד...

נעמט מען אין דער זאך טיפער ארייננקוקן :

— וואס דעם מיידל ציט רק צום קבר פון וואווע־לייב'ס זון?... אויב ס'איז נישט אמאל געווען א זווג ?...

און מ'הייסט דעם בעדער מיט איר פארן צו א רבין ; זי זאל געהאלפן ווערן מיט א רפואה שלימה...

ס'קומט פריייטיק פאַרנאַכט ווערט אַ הרינה:
— אַהאַ, וואָווע־לייב מיטן בעדער שלאָגן זיך...
וואָווע־לייב שלעפּט דאָס מיידל פאַר די האָר פון זיין זונ'ס קבר, און שרייט:
— ס'האָטן אַ גרעסערער אומגליק געטראָפן מיט איר, ווי מיטן קינד, — וואָס איז אים געוואָרן אויסגעריסן...
דער בעדער טענה'ט:
— וואָווע־לייב האָט טאַקי געהאַט אַן אומגליק מיט זיין קינד, אָבער מיך האָט נאָך אַ גרעסער אומגליק געטראָפן...
— איז זי פריער אַמאָל נישט געווען מיט אַלעם?... — פרעגן אַלטע אידן...
— און נישט געקריינקט? — שטעלן אויף מויל און אויערן, ווייבער.
— געזונט ווי אַ בוים! — וויינט דער בעדער, — נאָר זייט דער בחור איז געשטאָרבן — איז זי אויס מענטש, לאָזט עס איר נישט איינרוען...
און מ'האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו ריידן פון וואָווע־לייב'ס בחור מיטן בעדערס מיידל; האָבן זיך באַלד געפונען ווייבער, וואָס האָבן געוואוסט צו דערציילן:
— דער בחור האָט געלערנט אין בית המדרש, און דאָס בית המדרש מיט דער מקוה איז איינאיינעם, אויף איין הויף...
איז שוין ריכטיק...
אַ אידענע זאָגט עדות:
— זי האָט אַליין געזען, ווי דער בחור האָט איר געשיקט מיט אַ פּאָר גראָשן, — זי זאָל אים ברייננגען באַרעלאַר...
אַ צווייטער ווייסט, למשל, צו דערציילן:
— ס'מיידל האָט דעם בחור אַמאָל דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער דורכן פענסטער...
און ס'בלייבט:
— ס'אַזווג געווען... אַ זווג...

קלאַגט מען שוין נישט אויפן בחור׳ס טויט, ווי אויף אירע יאָרן, דעם מיידלס, און מ׳זעט: זי איז אַ פאַרפאַלענע... דער בחור רופט איר... מען זעט עס באַשיינפערלאַך... זי ווערט דאַך אַלע פרייטיק פאַרנאַכט פאַרפאַלן פון שטוב, און מ׳געפינט איר ביי אים אויפן קבר...

דאָס מיידל ליגט אַנגעבונדן ביים פיסל פון בעט, פאַר־שטאָפט ס׳מויל, — און מ׳ווייסט נישט ווי אַזוי זי ווערט אויפ־געבונדן; נישט מ׳זעט איר גיין צו אים, און אַז מ׳קומט אויפן קברות, מ׳פרעגט איר:

— ווער האָט דיך אויפגעבונדן ?...

זאָגט זי:

— ער... איר באַשערטער...

— ווי אַזוי ביזטו אהער געגאַנגען ?

ווייסט זי אויך נישט...

— וואָס טוסטו דאָ ?

— זי גייט צו קבלת שבת מיט אים אין גן־עדן אַריין...

— לאָזט מען אַראָפּ די פליגל:

— דאָס מיידל גייט צו אים...

ס׳העלפט נישט דעם בעדער׳ס בינדן... זיינע קלעפּ... עס ציט איר צו אים... און מ׳קען איר מיט קיין שטעקענעס, מיט קיין שטריק נישט צוריקהאַלטן. אַלע ווייסן: איר זווג ליגט דאָרטן באַגראָבן... און אַז ס׳וועט נישט לאַנג נעמען, ווי מ׳וועט זיי ביידן ברויכן שטעלן אַ שוואַרצע חופה...

דאָרט אױפֿן עולם האמת, װאו מ׳מאַכט טאָג, מ׳מאַכט נאַכט, מ׳משפּט דעם מענטש אחר יום מותו; פֿון דאָרט װערט אױך אַרױסגעלאָזט דער מענטש, און ס׳געפֿינט זיך דער אוצר הנשמות...

געװײנטלאַך, איז יעדע נשמה, אײדער זי קומט אין גוף אַרײן, — אַ ליכטיקע, אַ קלאָרע, אַן אױסגעװאַשענע; לײכט װי אַ רײנער געשליפֿענער בריליאַנט, װײל, — נשמות װערן באַשאַפֿן פֿון קודשא־בריך־הוא אַלײן; פֿון זײנע שמײכלען און פֿון זײנע טרערן...

איז גאָט ברוך־הוא אױפֿגעלײגט, פֿרײלאַך, און די נשמה װאָס איז אַראָפּ בײ אים פֿון די ליפּן מיט אַ שמײכל — װעט שױן יענער, אין װעמען זי װערט אַרײנגעבלאָזן — האָבן אַ ליכטיק געמיט, אַ שײנענדיק פּנים, אַ פֿרײלאַכקײט אין די בײנער, און ס׳װעט אַלץ פֿון אים אַראָפּזינגען...

איז די נשמה, חלילה, פֿון אַ טרער, װאָס גאָט לאָזט אַ טרער, — און זי קומט אין גוף אַרײן — װײנט שױן פֿון יענעם אַראָפּ ס׳גאַנצע לעבן; גײט שױן אַזעלכער אַרום הינטער די װענט, חושכ׳ט אָפּ זײנע טעג אין אַ טיפֿע מרה־שחורה, ביז ער גײט אױס װי אַ ליכט...

און װי ס׳ברױך טרעפֿן מיט אַזאַ נשמה, זי זאָל אַרײן איז מענטש, אַ זינגענדיקע אָדער אַ מרה־שחורה׳דיקע, — איז שױן ס׳מזל, אין װעלכן מזל דער מענטש װערט געבױרן...

אַנדערש איז מיטן גוף; נשמה איז קדושה; דער לײט־זעליקער שמײכל פֿון כביכל׳ן, אָדער די טרער זײנע; פֿליען זײ טאַקי אַרום, די נשמה׳לאַך, אַרום כסא־הכבוד, װי ליכטיקע פֿלימערלאַך, זײדענער שטױב...

אױף דער יצירה פֿון גוף, קוקט מען זיך נאָר װײניק אום;

און וואָס דאָס איז גראָד דאָ אויפֿן עולם השקר דער עיקר, — איז דאָרטן אַ טפֿל; און טאַקי, וואָס וועט מען גיין מאַכן אַ געבריי פֿון אַ גוף, אַז דאָס האָט דאָך קיין האָפּט נישט?...

מיט נשמות שפּילט מען זיך כאַטש, מ'האָט הנאה; און מיט דעם גוף, — קומט מען זיך גיך אָפּ; וואָרים, ער איז דאָך גאָר אין הימל פֿון צופֿריער לחלוטין נישטאָ; מ'ברויך אים, — זעצט מען אַוועק אַ מלאך ביי אַ קופּע ליים, און מ'גיט אים אַ צעטל אין דער האַנט אַריין.

— דאָ האָסטו צו מאַכן, הונדערט מענטשן, למשל...

מאַכט ער.

מ'גיט אים נישט קיין וואָג און מאָס אין דער האַנט אַריין, נאָר מ'הייסט אים אויסקנעטן דאָס ביסל מענטשן — קנעט ער, אין דער וועלט אַריין, דער מלאך, אַ מענטש נאָך אַ מענטש, און לאָזט זיי אַרויס, איינעם — הויך, דעם אַנדערן — קליין, לויטן שטיק ליים, וואָס ער פֿאַרנעמט; קוקט זיך וויניק וואָס אום אויך אויף דער שיינקייט זייערע — ווייל דאָס אַליין ווידער, איז אויך אַ שטיק געוועגט אין גוטן אָדער שלעכטן געמיט פֿון דעם מלאך; איז דער מלאך אויפֿגעלעגט — גייען ביי אים אַרויס שיינע מענטשן פֿון אונטער די האַנט, אַ דערקוויקונג אויף זיי צו קוקן; און אויב ער איז אַנגע'ברוגז'ט, — קומען ווידער די מאוס'ע, די פֿאַרזעעניש, אַז ס'כאַפּט אָן אַ שרעק...

שיינע, מיאוס'ע, אָבער אַלע גלייכע, געזונטע, און נישט קיין צעבראָכענע; וואָרים, אַראָפּשיקן אויף דער וועלט, שיקט מען לכתחילה יעדן איינעם גלייך מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים; אין אַ זיידן העמדל ווערט קיינער נישט געבוירן; און פֿאַר־קרימט ווערט ערשט יענער דאָ, פֿאַרשטייט זיך, אויב ער איז נישט אָפּגעהיטן; און פֿאַרשטייט נישט ווי צו שאַנעווען דעם גוף...

אַנדערש איז מיט אַ הויקער; ס'רוב הויקערס ברענגען זיך גלייך מיט זייערע פּעקלאַך פֿון דאָרטן; און אַ שטיק זיינען

זיי זיך אַליין דעריין שולדיק, ווי איר וועט באַלד זען; אמת, אַ סך ווערן דאָ אויך הויקערס, אָבער די אמת'ע געבענטשטע הויקערס קומען זיך מיטן גרייטן צו גיין, און נישט אַזוי ווייט זיי אַליין זיינען זיך שולדיק אין זייער הויקער, נאָר דער מלאך אויך, וואָס מאַכט זיי...

דער מלאך, אַז ער זעצט זיך אַוועק ביי דער קופּע ליים, און באַקומט דעם צעטל אויף כך וכך, — טוט ער זיך זיין מלאכה כדבעי, מאַכט מענטשן... און איז לכתחילה, נישט מדקדק, נישט אויף דער קופּע ליים, נישט אויף די מענטשן, וואָס ער האָט פון ליים שוין געמאַכט; ער אַרבייט דאָס אין דער וועלט אַריין, לויטן שכל, איינעם קלענער, איינעם גרעסער, און קלערט לעת־עתה אויסצוקומען מיטן ליים גלייך אויף גלייך: דערנאָך קוקט ער זיך אַרום — ס'וועט אים בלייבן איבעריק ליים, איז ער זיך משער — אַז ער האָט פריער געזשאַלעוועט די מציאה, ס'זיינען צו פיל מענטשן אַרויס פון אַ קליינער מָאָס, הייבט ער דערפאַר אָן צו מאַכן מענטשן פון אַ גרעסערער מאָס; הייבן אָן ביי אים גיין מענטשן — גרויסע, הויכע, גראָבע, איינער ביים אַנדערן — ריזן...

ער זעט אָבער, אַז וויפל ער זאָל שוין נישט מאַכן גרויס און נאָך גרעסער — וועט אים נאָך אַלץ איבערבלייבן ליים; און מער מיט איינעם, צוויי דריי ווי ר'האָט אויפן צעטל — טאָר ער נישט מאַכן, צוריקגעבן מאַטעריאַל אויך נישט, און מוז אויסקומען גלייך, אַזוי הייבט ער זיי אָן צו דערלייגן שטיקלאַך, די מענטשן...

ס'ווערט ביי אים פאַרטיק אַ מענטש, יענער גייט אַוועק, אַזוי כאַפּט דער מלאך פון גרויס פאַרצווייפלונג אַ שטיק ליים, (וואָס זאָל ער טאָן?..) און גיט אים אַ שליידער נאָך.

— נאַ דיר נאָך אַ צולאָג...

גייט יענער אַוועק מיט אַ הויקער... און איז אַ זעלבער קלוג, נעמט צו די מתנה בשתיקה, ווישט זיך אָפּ ס'מויל און שטעלט זיך נישט אָקעגן — בלייבט ער בלויז מיט אַ הויקער פון

הינטן ; פאַרדריסט עס אָבער איינעם, און ער קוקט זיך אום מיט כעס : (

— הע, מע, וואָס מ׳האָט אים דאָ נעהאָט צו־צוּוואָרפן דעם איבעריקן, אומגעבעטענעם חלק ?...

דערלאַנגט אים שוין דער מלאך נאָך אַ במאַליע.

— נאַ דיר נאָך אַ שטיק פון פאַרנט...

און יענער האָט שוין דעם הויקער פון פאַרנט און פון הינטן, פון ביידע זייטן...

מעשות

דאָס אָרימע גרויסקייט

נאָך דער פּטירה פון אַלטן ז"ל, דער זון איז געוואָרן רבי — האָט דער הויף אויפגעלויכטן; פאַר די לעצטע יאָרן פון אַלטנס ממשלה, האָט שוין אַלץ געקאַפּעט און איינגעגאַנגען; די קדושה האָט זיך אָנגענומען מיט דער שטילער טיפקייט פון זיין עלטער. און ס'האָט נאָר געפּלעגט אויפלייכטן אַמאָל, צו ימים־נוראים; אַ באַגראָבענע וועלט אויפשטיין תחית־המתים, און זיך צעפלאַקערן מיט אַ גרויס פייער, אַז אַלע זיבן הימלען זאָלן ציטערן...

אַ יונגער רבי — אַ יונג פייער; האָט ער ליב אידן — ס'זאָל פון זיי אַראָפּגלאַנצן; אַ ליכטיק לעבן — האָט ער גע־זאָגט — איז אַ שטיק געווענט אין דער הלבשה; און הלבשה איז נישט בלויז דער עונג פון לייב, נאָר אפילו די נשמה פרייט זיך, וואָס ס'שמעקט פון לייב אַראָפּ...

און אַזוי ווי דער אַלטער ז"ל האָט זיך גאָר קנאַפּ אומגע־קוקט אויפן הילוך פון אַ מענטש, און די שטובן ביי אים זיינען געווען אָפּגעריסן — איז דער יונגער רבי געווען פונקט דער היפוך; געלאָזט תיכף אויסמאָלן די שטיבן, אַז ס'אויג זאָל פאַררייסן... און געפירט טיש ווי ביי אַ מלך... מדקדק געווען אויף יעדן פּינטעלע, כחוט השערה...

זילבערן געשיר צום מאָלצייט, גאָלדענע כלים...

ס'האָט נישט געטאָרט פאַלן קיין שטויבעלע אויף אַ מלבוש זיינעם; אַ פלעק אויף אַ מלבוש — האָט ער געזאָגט — איז אַ פלעק אויפן גוף; און דער גוף איז באַלד נישט קיין שוואַ־בערע קדישה פון דער נשמה...

ס'איז געווען גאָר אַ נייע שיטה זיינע...

ס'האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט מתנגדים, וואָס זיינען אַזוי וויית

געגאנגען, אז זיי האבן זיך דערפאר אפגעריסן. — אבער דער יונגער רבי איז באשטאנען אויף ס'זייניקע:

— ווילסט האלט, ווילסטו — האלט נישט...

א יונגער רבי, ס'פייער איז געווען גרוים און נישט געהאט קיין בושה, אמאל אריינצוזאגן אין טאטן אריין, אן אלטן ידיד פון אים, זכרונו לברכה... זקנים נישט געשוינט...

אנדערע, ווידער, האבן געזען אין דעם א שטיק תפארת שבקדושה...

א טיש ביים רבין האט זיך נישט געהאט צו פארשעמען ביים קייסער; חסידים זיצן ארום אין די בלאנקע, אטלעסענע קאפאטעס, סויבעלנע שטריימלאך, און דאס ליכטיגקייט איז גאר אויף א הויכער מדרגה...

די מעשענע הענג־לייכטער מוזן בלאנקען העל, און אלע רערן זאלן שטעקן ליכט, און ברענען...

דאס גאלדענע געפעס בלענדט אינאיינעם מיטן וויין אין די בעכערס; און די פנים'ער פון די חסידים זיינען מלא שמחה... ס'איז נישטא קיין פגימה ערגיץ ביי ווענען, אזוי אויפן בגד, ווי אויף דער נשמה... ס'טאר נישט זיין קיין פלעק... קיין שטויבעלע אין ערגיץ, פון אינוויינים און אויסווייניס...

כלו טהור...

איין איד איז געווען, אן ארימער איד, ער זאל'ס מיר מוחל זיין — א פשוט'ער שניידער, וואס האט ביים רבי'ן קיין גוט אויג נישט געהאט; ווייל ער האט נישט אויפגעהערט צו קומען צו קריכן אין די אלטע אפגעריסענע בגדים, ארומגעבונדן מיט א שטריק, און אין שווער געקאוועטע שטיוול אויף די פים.

דער איד, כאטש א פראסטער שניידער וואס האט גענייט סוקמאנעס פאר די פויערים, איז פונדעסטוועגן געווען אנגעקניפט אינם אלטן בכל נפשו ובכל לבבו; אפגעהיטן צו גאנצע טעג — ר'זאל אים קענען אמאל אפניסן די נעגל, נאכן שלאף...

דאָס זיך שוין געהאַלטן פאַר א זכיה...

אַצינד איז ער געווען גאָר איבעריק ; דער הויף איז אָנ־דערש געוואָרן, און דער איד איז געבליבן ווי פריער — מיטן אייגענעם הילוך, זיך בעסער נישט אָנגעטאָן, געקענט אַריינזעצן צווישן עולם, מיט דעם פּראָסטן פאַרדאַרטן בגד, אז ס'האָט אויס־געזען :

— ווי דער איד האָט זיך גאָר פאַרלייגט מחלל צו זיין די קדושה...

ס'האָט אים געטריבן דער גבאי ; דער רבי נישט איין מאָל אויף אים אָנגעשריגן :

— גיי, ניי דיר אויף א לייטיש מלבוש...

האָט ער געזאָגט, דער איד :

— כ'בין צום טאַטן ז"ל, אויך אַזוי געקומען, נישט אַנדערש..

האָט דאָס רבי'לע געזאָגט :

— ביי מיר אין שטוב איז תפארת שבקדושה ; און אויב דו ווילסט איר מחלל זיין, קען איך באַשטיין — דו זאָלסט צו מיר נישט קומען...

האָט דער איד געזאָגט :

— אז אמת'ע קדושה איז נישט דאָרט, וואו ס'לייכט, נאָר רק אין דער געלאַטעטער קאַפּאָטע...

און אויפגעהערט מער צו קומען...

מאַכט זיך שפּעטער, אז א גביר מאַכט חתונה, דעם רבינס א שטאַרקער מקורב, און ער פאָרט צו אים ; פּרייטיק איז די חתונה, דער חתן איז א למדן, דער בעסטער תלמיד פון דער ישיבה, און ס'איז אים מותר, וואָס א הדיוט טאָר נישט...

זעצט מען זיך אויף א פור, און אַזוי ווי ס'קומט אויפן עק־שטאָט, מ'געזעגנט זיך מיט אים, זאָל לעבן — און די פור ברויך זיך געבן א לאָז מיטן וועג, אַזוי לויפט דאָ פלוצלינג

אַרויס דער איד, דאָס שניידערל, טאַקי פאַר זיין טיר, און בעט רחמים:

— מ'זאָל אים אויפנעמען אויף דער פור!...

שרייט דער גבאי:

— וואו זאָל מען דיך אויפנעמען?... ס'איז דאָך קיין אָרט נישטאָ... אַזוי ענג... וואו וועט מען דיך זעצן, אויפן קאָפּ אַרויף?...

און אַ משמש:

— און אַז ס'זאָל יאָ זיין אָרט, וועט מען דיך אויפנעמען אין אַזאַ פערלאַטעטן בגד, וואָס פאַרשאַפּט אַזוי פיל צער דעם רבין?...

דער איד צאַפּלט, האַלט צו דעם וואָגן, לאָזט אים נישט אַוועק:

— ער וועט נישט לאָזן רירן אין וועג אַריין, מ'זאָל אים איבערלאָזן; ס'ווייב איז אים קראַנק... דער רופא גייט ערשט נאָר וואָס אַרויס פון זיין שטוב, און פאַרשריבן אַ רפואה — איז איר דאָ גאַרנישט צו באַקומען...

בלייבט מען שטיל אויף דער פור, און מ'הערט אויף מקטרג זיין...

דער איד טענה'ט אַלץ:

— ער קען אַליין קיין פור נישט דינגען, באַצאָלן דריי גילדן; גיין צופוס — איז אים שווער, און ס'קען אַמאָל געדויערן, אַז ביז ער וועט קומען צוריק, זאָל ער שוין מער קיין ווייב נישט טרעפן...

אַזוי לאַנג, ביז ס'בלייבט קיינער נישט כנגד, און ער קריכט אַריין אין דער פור, און פאַרט; ס'איז טאַקע נישט ניחא אים צו האָבן אויפן וואָגן, דעם איד, נאָר מ'וועט דאָך נישט צוליב אַ שמחה ביי איין איד, לאָזן שטאַרבן ס'ווייב ביים אַנדערן איד?...

ס'איז שטאַרק נישט פריילאַך מיט אים, און אויפן רבין'ס

פנים איז שווין נישט די אייגענע חדוה, ס'בלאַנקעט דאַרויף אַ בלאָס ווינטל, אַ מרה־שחורה'דיקס...

מ'זעט:

— דער איד איז אַ שטיק עצבות, אַ ריין אומגליק אויף דער פור...

הייסט מען גיכער אַנטרייבן די פערד, מ'ברויך איבערקומען דעם וועג — דער רבי זאָל צוריק ווערן אויפגעהייטערט, מער גע־הויבן ביי זיך...

און די פור לויפט, לויפט מיט אַ שטאַרקן אימפעט באַרג־אויף, באַרג־אַראָפּ, וואַלד־איין, וואַלד־אויס, אַז מ'דערזעט נישט די פעלדער מיטן אויג...

דער רבי האַלט אַזוי אַראָפּגעלאָזט ג'קאָפּ, און מ'ווייסט נישט: צי ער שלאָפט... דרעמלט אַזוי... די אויגן ביי אים זיי־נען צוגעמאַכט, און מ'קלערט:

— אַ שטיקעלע קפיצת הדרך מסתמא, דער רבי וועט דאָך לאַנג נישט פאָרן דאָ מיט אים; און שווין זען צו מאַכן בקצור.

נאָר דאָ גיט זיך דער רבי, צו אַלעמענס וואונדער אַ כאַפּ־אויף, אַ קוק אַרום, און זאָגט:

— ס'איז צייט זיך צו שטעלן דאַווענען מנחה...

בלייבט מען שטיין; מ'גייט אַראָפּ, מ'קוקט זיך אַרום, און דער גבאי זאָגט:

— ער זעט נישט אין ערגיץ קיין וואַסער, וואו זיך די הענט צו וואַשן...

גיט אים דער רבי זיין שטעקן און זאָגט:

— גיי דאָ אַרונטער, ליגט אַ שטיין; גיב אין אים אַ קלאַפּ, און נעם־אָן וואַסער...

פאָלגט דער גבאי.

גיט אַ קלאַפּ אין שטיין מיטן רבינס שטעקן, און נעמט־אָן אַ קרוג וואַסער; קומט צוריק, און דער רבי גייט זיך, דער ער־שטער, וואַשן די הענט, און קערט איבער די קרוג, ערשט —

די קרוג איז ליידיק; ס׳גיסט זיך נישט אַרויס גאָר פון איר; ס׳וואַסער איז אוועקגעקומען...

אַזוי גייט דער גבאי נאָך אַמאָל, ברענגט וואַסער, און ווי דער רבי נייט זיך ווידער אָפּגיסן די הענט, אַזוי זאָגט דער איד:

— לאָזט מיך פריער...

גיט מען באַלד אַ קוק צו אים, מלא כעס, און מ׳פאַרגעסט שוין איבער אַ רגע, ווייל די קרוג ווערט אויפסניי אויסגעטריקנט: ס׳וואַסער אין איר קומט אַוועק, און דער רבי בלייבט מיט טרוקענע, אויסגעשטרעקטע הענט...

זאָגט דער רבי:

— וואָס?... מ׳וועט מיך היינט נישט לאָזן שטעלן קיין מנחה דאַווענען?...

דער גבאי מיינט:

— ס׳איז אפשר נישט גלייך, וואָס ער אַליין גייט שפּאַלטן דעם שטיין; ער ברויך נישט טאָרן אויספירן אַזאַ גרויסע שליחות, וואָס משה רבינו האָט קוים די זכיה געהאַט...

גייט, מסתמא, דער רבי אַליין אַוועק מיט דער קרוג צום שטיין, אָננעמען וואַסער, און אַזוי ווי ער גיט אַ קלאַפּ מיטן שטעקן — הייבט־אָן צו שפּריצן מיט פונקען; שיסט אַרויס אַ פייער מיט אַ שרעקלאַכן רויך... אַ שטורמווינט רייסט זיך אָפּ... ס׳הייבן אָן צו פייפן דיביימער, די זאַנגען צו רוישן, פייגל צו שרייען... און שרעקלאַכע חיות רעות צו לויפן...

אַ געדיכט שטיק חושך, אַ פינסטערניש...

ס׳האָט אַ פּנים, ווי ער וואָלט געוואָרפן אַ שטיין צו סמאל׳ן, און די שוואַרצע מלאכי חבלה — זאָלן זיך דאָס האָבן צעלאָפן איבער דער וועלט, מיט אַ געוואַיעריי פון הינט, רעוועס פון ווילדע אָקסן, געשריי פון לעמפּערטן, און געבריל פון לייבן...

דער רבי, ער האַלט נאָך אויפגעהויבן דעם שטעקן, זיי זאָלן

אים נישט צעטראָגן, די חיות; און זיי רינגלען אים אַרום מיט זייער פינסטערן כעס, מיט זייערע פינסטערע געשרייען:

— וואָס ער האָט זיי דאָ געהאַט מטריח צו זיין?...

דעם רבינס שטעקן איז שטאַרקער; און האַלטנדיק אים אין דער הויך — גייט ער, דער רבי, מאַכט ער זיך אַ וועג צווי־שען די חיות־רעות, ביז זיי בלייבן ערגיץ ווייט הינטער אים... און צו זיינע אויערן דערגייט שוין קוים זייער ברומען...

נאָכדעם ער איז אַליין ערשט מיט דער פינסטערניש; זעט נישט קיין וועלט פאַר די אויגן; שפּירט נישט די ערד אונטער די פיס; זעט נישט די ליכטיגקייט פון די הימלען, ס'גרינס פון די גראָזן, דאָס שוואַרצקייט פון די וועלדער...

אָבער ער גייט אַלץ, ווערט נישט מיד, און פּאַקט אַזוי לאַנג מיטן שטעקן, ביז ער צעטרייבט די געדיכטקייט פון איר, און זי ווערט שיטערער; ער דערשפּירט אַזוי, ווי מ'וואָלט אים אַראָפּגע־נומען אַ הייטל פון די אויגן, און קומט אַרויס אויף אַזאַ אָרט, וואו ס'איז יום אשר לא יום ולא לילה...

אַ גראָע וועלט... אָן פאַרב... איין שטיק גראָקייט פון הימל ביז צו דער ערד, ריכטיקער: ס'איז באַלד אפשר גאָר קיין הימל נישטאָ, קיין ערד נישטאָ...

און ער גייט אַלץ ווייטער, דער רבי, שטרייט פאַר זיך אַוועג מיטן שטעקן, ביז ער באַשטרייט אויך די דאָזיקע גראָקייט, און ס'הייבן אָן אַרויסקומען ביימער, פּעטע דיקע ביימער.. אַפּגעשני־טענע פעלדער, ליידיקע פון זאַנגען... איז ער זיך משער: אַז ס'מוז שוין זיין גאָר לאַנג, ווי ער איז אַרויסגעפאָרן, ווייל די תבואות האָבן ערשט דאַן אָנגעהויבן אויפצוגיין...

אַז ס'איז שוין רייגער טאָג, האָט אַ קלאָרן הימל איבערן קאָפּ, און אַ שוואַרצע ערד אונטער די פיס — דערזעט ער זיך אויף אַ ישוב; צווישן קליינע, נידעריקע הייזלאַך, גראָבע, הילצערנע, אַזוי משונה געבויט...

און ביז עפּעס־וואָס, אַ שרעק באַקומט נאָך אַז אָרט ביי

אים אין מח — דערהערט ער שוין קולות פון קינדער: און צו זיין גרויסער פרייד, ס'היימישע לשון...

— איז דאָך אַ אידישער ישוב דאָ... גוט... מ'בּרויך צוגיין זיך נאָכפרעגן... נאָר דערווייל זיינען אַלע קראַמען פאַרמאַכט... קיינער איז נישט אין דער היים... שבת גראַד, זיינען אידן — קלערט ער — אין דער שול... מ'דאַוונט דאָרט אַלע אינאיינעם, בצבור...

ער קומט אין שול אריין, און ס'קוקט זיך נישט קיינער אום אויף אים, טראַכט ער:

— מ'האָט אודאי נישט געהערט זיין נאָמען דאָ, אין די מקומות...

ער זעט: שווערע, בערדיקע אידן, אין אָפּגעטראָגענע גע־לאַטעטע בגדים... און ס'דאַוונען זייערס איז אַזוי פּראָסט, רק — מ'זאָגט... מ'זאָגט... מ'זיברעוועט עברי... ס'האָט קיין ברעקל טעם נישט... אָן פּירוש המלות... אָן שום קול־הנגינה... ס'איז אים אינגאַנצן כנגד...

ער פרעגט ביי די אידן:

— ווי ס'אָרט הייסט?

זאָגט מען אים אַ נאָמען פון דער הפטורה.

פרעגט ער:

— אויב זיי ווייסן נישט, ווי אַזוי מ'קען אָנקומען אין דער שטאָט אריין, פון וואַנען ער איז?...

זאָגן זיי:

— די שטאָט וואָס ער פרעגט זיך אויף איר, ברויך ערגיץ זיין פאַר הונדערטער מיילן ווייט...

הייבט אים אָן ווייִ טאָן ס'האַרץ, וואָס ער איז אויסגע־וואָרפן געוואָרן אַזוי ווייט, און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ מלא־צער; דערווייל האָט מען אָפּגעדאַוונט און מ'צעגייט זיך; דערשפּירט ער אַ הונגער... ס'נאָגט אים ביים האַרץ... און פרעגט:

— אויב ס'איז נישטא עמיץ וואס זאל אים וועלן אהיים נע־
מען עסן ?...

זאגט מען אים :

— יאָ... נאָר ער מוז צוגיין צו וועלכן איד דאָרטן, וואָס
שטייט אויבן־אָן, און זיך ארויפכאפּן צו אים אויף די פּלייצעס ;
וואָרים אַן אורח טאָר נישט אהיים גיין, נאָר מען מוז אים אהיים
נעמען... משמעות : אויף די פּלייצעס...

כאפּט ער זיך ארויף צו א איד אויף די פּלייצעס, און יענער
— א שטאַרקער בעל גוף, נעמט אים אהיים צו זיך אין שטוב
אריין, זעצט אים אוועק ביים טיש...

און ער, דער רבי, מאכט קידוש, זיין קידוש — דאָס פייער
גיט זיך א צעברען, ס'האָרץ הייבט אָן ארויסצווינגען פול מיט
צער פון שכינתא בגילותא ; וואָס ער איז דאָ פאַרטריבן געוואָרן
אין גלות אריין ; פון זיין טיש אוועק, וואו ס'פלעגן זיצן חסידים
אין אטלעסענע, זיידענע קאפּאָטעס, מיט סויבעלנע שטריימלאך
אויף די קעפּ... און דאָ איז ער אַן איינגעבעטענער אורח... ביי
א גראָבן איד אין דער שטוב...

פרייט זיך אָבער דער גראָבער איד מיט אים, וואָס ער האָט
אַנגעקריגן אזא אתרוג און זאָגט :

— דו געפעלסט מיר זייער, און כ'וועל דיר געבן מיין
עלטסטע טאָכטער פאַר א ווייב...

הייבט דער רבי אָן צו וויינען :

— וואָס רעדט איר ?... ווי קענט איר דאָס וועלן פון
מיר ?... און ווי קען איך דאָס טאָן ?. כ'האָב געלאָזט אין דער
היים א ווייב מיט קליינע קינדער...

און דער גראָבער איד גיט א הייב אויף די ברעמען :

— וואָס, דו קלערסט נאָך פון דיין היים ?... ס'איז טויזנט
יאָר גאַנג, אוודאי !..

טראַכט ער :

— ער האָט געמוזט גיין ימים־ושנים, און דערצו האָבן קפיצת הדרך...

הייבט ווידער אויף דער איד זיין בליק אויף אים, און די נשמה גייט אים שיעור נישט אויס פאַר שרעק:

— שוין!... ער גייט שוין צו דער חופה..

און האָט נעבאַך, באין ברירה, חתונה; באַקומט אַ ווייב, אַ גראָבע נעזונטע מויד... אַ גאַנצער בוים... זי קאָכט אים עסן אין אַ גרויסן שוואַרצן ערדענעם טאָפּ... און דער איד, זיין שווער, נעמט אים מיט צו זיין מלאכה, אַ גראָבע מלאכה... ביי וועלכער מען מוז גיין אָנגעטאָן אין רויע קליידער... פאַרדאַרטע... און אַזוי אַרבייט ער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אידן אויפן מקום... אַר־בייט שווער... דער שוויים באַגיסט אים נישט איין מאָל... און ס'האַרץ גייט אים נישט איין מאָל אויס נאָך זיין אַמאָליקער גדולה, נאָך זיין ווייב, די וואוילע קלוגע רביצן... נאָך זיין הויף חסידים... נאָך די שבת מלכותה זיינע... די תפארת שבקדושה....

און — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

ער קוקט זיך אַרום, דער רבי: דאָס אידל, דער שניידערל, וואָס אין אָפּגעטראָגענעם בגד, פרעגט אים מיט אַ געלעכטערל:

— רבי, דער עולם וואַרט דאָך אויף אייך מיט מנחה, וואָס זייגט איר דאָ שטיין געבליבן ביים שטיין?...

קוקט זיך דער רבי אום, ווישט זיך אויס די אויגן, און זעט — ס'האָט סך הכל גענומען עטלאַכע מינוט, אַזוי שמייכלט ער ברייטלאַך:

— אַזאַ בחור ביזטו? האָסטו מיר דאָס אַזוי אָפּגעטאָן?..

און דאָס אידל פרעגט אים מיטן אייגענעם געלעכטערל:

— וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַ געלאַטעטן בגד?... איר זעט כאָטש, אַז פשטות איז פונקט אַזוי גרויס ווי תפארת שבקדושה?...

דער רבי האָט שוין נאָכדעם נאָכגעלאָזט ס'ציימל, און זיך אוועק־געלאָזט בדרך פשטות...

מ'האָט אים געפרעגט דעריבער — האָט ער דערציילט די מעשה, וואָס ס'אידל האָט אים אָפּגעטאָן, און אַלע האָבן געזאָגט:

— דער איד מוז זיין פון די למד־וואָוו....

צוליב וואָס ער האָט געמוזט עוקר זיין, וואו מ'ווייסט נישט פון אים...

חלול - שבת

נאכן רבין ר׳ בער ז״ל, ווערט די מעשה דערציילט:

ביים רבין ר׳ בער ז״ל, איז א נפש־חיה געווען גאר א הויכע מדרגה.

— וואויל איז דעם מענטש, — האט ער געזאגט, — וואס ס׳האט אים איינמאל געטראפן א נס, ער זאל האבן מקיים געווען די מצוה פון פקוח־נפש; האסטו דערהאלטן א מענטש ביים לעבן, האסטו געטאן די גרעסטע מצוה אין דער וועלט; ביזטו זיכער — אמאל, אמאל ווי שווארץ דיינע מעשים זאלן נישט זיין, — פאר די איינע מצוה אליין, שויז אנצוקומען אין גן־עדן אריין...

און דעריבער האט ער ז״ל, זיך אזוי פיל נישט אפגעגעבן ווען מען איז געקומען צו אים מכח פרנסה, האבן א קינד, ווי ווען א חולה; דא האט ער געזען אנצוקומען אויף די גרעסטע ערטער; און אויב ס׳איז נאך נישט געווען מיט אלעם פארפאלן, — זיך געמוזט דערשלאגן נאך א שטיקל רפואה...

ביי קיין שום זאך האט ער נישט אזוי מקפיד געווען אויבן, ווי ביי משפטים; האט ער געזען: אז מ׳ברויך ווען מענש זיין מיט מיתה, צושרייבן כרות, — האט ער ז״ל נישט גערוט, זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, געזען צו טאן בכל אמצי כח, ביז ער האט דעם גזר פון אונטער די הענט ארויסגעריסן...

יום כפור, ביי א רוב־משפטים, איז ער גאר אין שול נישט געווען; אים להכי געזען שטיין שמונה־עשרה, און פונדעסטוועגן געוואוסט, אז ער איז נאר דארט אויבן, שטייט ביי דער וואג־שאל און היט אפ ס׳ציננל, עס זאל חלילה נישט איבערוועגן צום שלעכטן...

חסידים האָבן געוואוסט, ער האָט דאָרט אויבן אַ שטאַרקע דעה צו זאָגן; ווארים, מ'זעט דאָך בחוש: ווי ער נעמט אַרויס אַ טויטן ביים מלאך המות פון אונטער די הענט, איז אים מחיה־המתים, — און נישט איין איד האָט זיך אַרומגעדרייט, אויף וועלכן מ'האָט געקענט אַנווייזן:

— דער רבי האָט אים ס'לעבן געשענקט..

— ווען נישט דער צדיק, וואָלט מען לאַנג שוין נאָך אים קדיש געזאָגט...

און דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אַזוי אויסגעטויגט דערצו, האָבן ווייבער פון אים געהאַלטן; מער נשים געהאַט פאַר חסידים, ווי מאַנסלייט...

ווייבער, אַז מ'האָט זייערס אַ חולה מסוכן געשטעלט אויף די פיס, — איז דאָס ביי זיי געווען עולם ומלאה; מער אַנגע־לייגט פאַר כל־הון־דעלמה...

טאַקי יאָ, וואָס קען נאָך זיין מער?...

און געצויגן צו אים, מערבע פינות העולם, געצויגן; האָרמעס ווייבער האָבן זיך שטענדיק אַנגעלייגט אויף דער טיר, — אַז דער גבאי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן; ווייבער, און דערצו, אַז ס'טוט זיי נאָך עפּעס וויי; צו אַ רבין קומט מען דאָך נישט, אַז ס'טוט נישט וויי — ווילן זיי נישט וויסן: צי מ'קען יאָ אַנקומען, מ'קען נישט אַנקומען... זיי זיינען פאַר־ברענט... גייען אויף כח, און מיט תקיפות:

— שוין! דער רבי מוז זיי העלפן!...

און לייגן זיך אַן אויף דער טיר... שרייען אַריין ווי אין אַ טויטן... קלאַגן בימער... און דער רבי, נעבאַך, קען דאָס נישט פאַרנעמען — מוז ער נאָך אַליין צוגיין אויפמאַכן די טיר, אָפּ־נעמען די קוויטלאַך, און זיך נאָכפרעגן ביי וועלכער:

— וואָס ס'איז איר אַזוי שטאַרק נוגע?...

און די ווייבער ווינטשן אים דערפאַר, ז"ל, ס'אייביקע לעבן. און טראָגן נאָך אַ בייז האַרץ דעם גבאי..

איינמאָל, אַז די ווייבער האָבן שוין געהאַט אַזוי הויך געשריגן, באַלד איינגעליוגט די טיר, — האָט דער רבי זיך אויפגעכאַפּט, און אַרויס מיט תּרעומות אויפן גבאי:

— אַ משמש מוז טאַקי האָבן אַ האַרץ פון אַ שטיין, ער זאָל דאָס קענען פאַרנעמען...

און אַרויס צו די ווייבער, זיי איינשטילן.

אַרויסקומענדיק, מאַכט זיך, אַז אַ איד, אַן אָרימאַן, וואָס האָט זיך געהאַט מיטגעכאַפּט מיט דער גאַנצער האַפּטע ווייבער, — שרייט אויס מיט אַ גוואַלט, און פאַלט אין חלשות צו דער ערד...

פאַרגעסן שוין דאָ די ווייבער אין זייערע אייגענע צרות, און רוקן זיך באַלד אַוועק:

— געבאָד, פון גרויס ענגשאַפט, איז דער איד, מסתמא אַוועקגעפאַלן...

גאָר דער רבי, אַזוי ווי ער הייבט אויף די ברעמען, און דערזעט דעם איד ליגן, גיט ער אַ געשריי:

— מ׳זאָל אים צונעמען פון דער ערד, און אַרויסטראָגן פון זיין שטוב...

איז דאָס געווען ראשית, אַ גרויסער חדוש אויפן רבין, וועל־בער, ווי איר ווייסט: איז גרייט אָפּצוגעבן איינע, און אפשר מער פון זיינע ש״י עולמות, פאַר איין טאָג לעבן פון אַ מענטש; זאָל ער דאָ פּלוצלינג הייסן צונעמען אַ חלוש פון שטוב אַרויס ?...

מ׳האָט אים געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ חטא ער ז״ל האָט געזען ביים איד אָנ־געשריבן אויפן שטערן, וואָס ס׳איז אים נישט געקומען צו געבן אפילו קיין טראָפּן וואַסער אין מויל אַריין ?...

האָט ער ז״ל נישט געערדט, זיך פאַרמאַכט אין זיין שטוב און מער קיינעם נישט צוגעלאָזט...

דעם גע׳חלש׳ט ווידער האט מען גענומען אונטער דער פּלומפּ, אויף אים געגאסן וואסער, און ווען ער איז געקומען צו זיך, אזוי האט אים באלד ארומגענומען אַ עולם אידן:

— וואס האסטו, איד, זיך געהאט אזוי צו דערשרעקן פארן רבין, אז דו זאלסט בלייבן טויט אויפן ארט?...

קוקט זיך ארום דער איד א דערשראקענער, און מ׳ווערט פון אים געוואר אזא מעשה:

מיט גארנישט לאנג צוריק איז דער ארימאן וואס אין דעם הילוך, א ווילדער נגיד געווען...

פעלד געהאט, און קי אויף די פעלדער ארומגייז.

פון דריטן דור, אפשר פון נאך פריער — א גביר געווען; זיין פאטער האט דאס גביר׳ישקייט פון זיידן באקומען, דער זיידע — פון עלטער זיידן, און זיין עלטער זיידן זאגט מען, איז דאס דארף צוגעפאלן במתנה פון א פּריץ צוליב א טובה...

אלע ביז אים, דעם ארימאן, זיינען נאך דערצו שטארקע אידן געווען; פארצייטישע אידן — ביימער גאנצע; און דער עלטער־עלטער זיידע, צו ווען דאס דארף איז אנגעקומען, האט זיך קיינמאל נישט איבערגענומען:

— ער איז א איד, קיין עזו־הרע, מיט אזא גבירישקייט, און ס׳זאל אים אראפפירן פון דרך הישר!...

דער עלטער זיידע, וואס האט דער ערשטער באקומען ס׳דארף, — אז ער איז געקומען אויף דער עלמער, און געזען דעם ק״ץ נאענט פאר די אויגן, — האט ער געלאזט צורופן זיין זון, צו ווען ס׳דארף ברויך איבערגיין בירושה, און פארלאנגט פון אים א תקיעת כף:

— אז ער, דער זון, וועט צוליב דעם גביר׳ישקייט נישט קאליע ווערן, און בלייבן א איד עד יום מותו...

נאר ווי קען זיך דאס א איד צוזאגן, נישט קאליע ווערן?...

מ׳איז דאך נישט מער ווי ילוד־אשה, פלייש־און־בלוט?...

האט דער יורש געמוזט כאטש געמען אויף זיך איין מצוה:

— מצות מלוה מלכה, קדישת שבת, וכדומה...

ער זאָל זי אָפּהיטן...

און ס'איז געווען, אַז אַ איד זאָל אָפּהיטן איין מצוה פון דער תורה, ער זאָל שוין קיינמאָל נישט קענען אוים איד ווערן...

און אזוי, נישט אַנדערש אויך, איז געווען מיט דעם ארימאַן.

אַז זיין טאַטע האָט געהאַלטן ביי אוועקגיין פון דער וועלט, האָט ער אים צוגערופן, און געזאָגט:

— כ'בין דיר מותר ס'דאַרף, נאָר בתנאי זה, אַז דו זאָלסט מיר געבן תקיעת כף: דו וועסט בלייבן דערביי אַ איד, כל ימי חייך...

איז דעם יורש פשוט דאָס געגאַנגען אין לעבן:

— וואָרים, טאַטע, ס'איז ביי דיר אַ קלער: איך זאָל חלילה ווען־עס־איז ווערן אוים איד?...

— חלילה! נישט מער, כ'זע: אַז דיינע קינדער זיינען נישט וואָס דו; דו ביזט נישט — איך; איך — נישט דער טאַטע; דער טאַטע איז נישט געווען ס'אייגענע, וואָס דער זיידע... לכן, אזוי ווי איך האָב דאָס געמוזט צוזאָגן דעם טאַטן, און דער טאַטע — דעם זיידן; דער זיידע — דעם עלטער־זיידן, וויל איך פון דיר: דו זאָלסט דאָס מיר אויך מבטיח זיין...

האָט דער זון תיכף אָפּגעגעבן די האַנט:

— שוין! דו האָסט שוין, טאַטע, ביי מיר גע'פועל'ט, און ברויכסט נישט קיין צוויי מאָל איבער'חזר'ן ס'אייגענע...

— איצט, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — אַז כ'האָב די האַנט דיינע, קלייב דיר אוים איין מצוה, וואָס דו זאָלסט דיך האַלטן ביי איר...

— וואָס הייסט: איין מצוה?... זיינען אַלע מצוות ביי גאָט־ברוך־הוא נישט גלייך?...

זאָגט דער טאַטע :

— ביי זיין נאָמען, יאָ ; נאָר ביי מענטשן אפשר נישט...

— קומט אויס, אַז כ'וועל מיך האַלטן ביי דער איינער, וועל איך חלילה, פון דער אַנדערער מענגן אָפּטרעטן ?...

זאָגט דער טאַטע :

— ס'איז נענוג, אַז אַ איד זאָל אָפּהיטן איין מצוה פון דער תורה, בכל פּרטיה ודקדוקיה, ער זאָל שוין קיינמאָל נישט קענען אויס איד ווערן...

קלערט דער זון :

— נו, וועלכע מצוה, טאַטע, עצה'סטו מיר ?...

— כ'וויל : זאָלסט זיין אָפּגעהיטן פון חלול־שבת ; שבת זאָל ביי דיר נישט געטאָן ווערן קיין שום מלאכה, און ס'דאַרף זאָל האָבן רו...

ווי גרויס ס'איז די מצוה פון קדושת שבת, קען מען זיך משער זיין, אַז אין די הימלען אַפילו ווערט נישט גע'פּסק'נט, און אויסגעפירט קיין שום משפּטים...

כידוע, אַז ווען אידן זאָלן אומעטום זיין ביכלות צו האַלטן שבת אויף דער וועלט, איז בלתי ספק : משיח וואָלט געקומען...

דער טאַטע איז אים אָפּגעשטאָרבן, און שבת איז געטריי געוואָרן אָפּגעהיטן אויפן דאָרף ; מ'האָט נישט געאַקערט, נישט געזייט, קיין האַק זיך נישט אויפגעהויבן...

אַ קדושה האָט אויף אַלעם גערוט...

די אמת'ע מנוחה אויף די פעלדער, און שמחה אויף די גראָזן, אויף די זאַנגען, וואָס מ'שניידט זיי נישט אין דעם הייליקן טאָג, שבת ; זיי קענען זיך ביקן פאַר קדשא־ברוך־הוא, און אים דערפרייען...

און אַזוי גוט, כידוע, ווי ס'ווערט דאָ אָפּגעהיטן אַ מצוה, און מ'הייבט דאָרט אָן שפּירן דעם עונג פון איר, נידערט גלייך

ארונטער א רעשטל קטיגורים, וואס ווילן איר מבער זיין, די מצוה...

אזוי האט מען, למשל, געקענט זען: מ׳ברויך שניידן ס׳היי אויף די לאנקעס, זיינען די הימלען ליכטיק ווי די וועלט... א גאלדענע זון שיינט... און אזוי באלד ווי ס׳היי ווערט אפגע־שניטן, ס׳ברויך ליגן איבער שבת, ס׳זאל איבערטריקענען — מאכט זיך פון דער העלער הויט, א רעגן...

ס׳רעגנט א האלבע שעה, א שעה, און ס׳זעט זיך נישט, אז ס׳זאל אזוי גיך אויפהערן — קומען אן צו לויפן די קינדער זיי־נע:

— טאטע, ס׳היי ווערט אדורכגעווייקט; אויב מ׳זאל עס אזוי לאזן ליגן ביז איבער שבת, — וועט נישט זיין מער וואס אראפצונעמען...

שטעלט זיך דער טאטע ארויס:

— כ׳זאל אפילו וויסן, ס׳וועט צעפוילט ווערן, וועל איך נישט לאזן צורירן זיך!... ס׳איז שבת...

די קינדער פאלגן נישט און שטעלן פונדעסטוועגן אויף פויערים, זיי זאלן צונויפנעמען ס׳היי...

אודאי: אז ס׳האט אזוי גוט געראטן ביים היי, און איבער אזא שבוש ס׳האט געקענט קומען צו חלול־שבת, איז שוין גאר קיין גרויסע ארבייט נישט געווען שפעטער, ביי א פארפלייצונג, — ווען ס׳האט געוואלט די מיל אראפטראגן; אדער מ׳האט גע־ברויכט אפראטעווען די תבואה, דאס וואסער זאל זי נישט פארנעמען, אז מ׳זאל דאס אין שבת פארהיטן...

און אז ס׳גייט ווידער ביי דעם אראפ כשורה, אזוי פארגעסט מען לכתחילה, ווען אפילו עס שטייט נישט פאר קיין שום סכנה; און ס׳ליגט בלויז אן עול פון דרעשן צי פון אנגרייטן פאר די קי... אז מ׳זאל עס שוין נישט טאן ווען מ׳ברויך?...

און אזויערנאך ווערט שבת אפגעווישט פון דער וועלט, די קדושה אירע אפגעטאן...

אידן איז מען נאר קיין שבת איז מער נישטא; אפגעהיטע־

נע אידן, נאָר מ'איז נישט מדקדק אין וועלכן טאָג עס גע־פאַלט אַ מלאכה צו טאָן !...

מעג זיין שבת, און אויף די פעלדער גייט־אָן די אַרבייט ; ברענט דער שניט — איז גאָר קיין צייט נישטאָ צו טראַכטן, מ'זאָל די אַרבייט אָפּלייגן אויף מאָרגן, אָדער אַן אַנדערן טאָג...

די קינדער רייטן אַרום, די פעלדער זיינען אומעטום — זייערע פעלדער ; און דער טאַטע אַליין, ער וועט דאָך נישט רייטן — גייט ער אַרום, און קוקט אויס ; און אַז ס'פּאַרוואַלגערן זיך עטלאַכע זאַנגען מין הצד, פאַרגעסט ער באַלד, און לייגט אויף צו די האַנט וואו מ'ברויך... און מ'קוקט נאָר אויפן הימל, חלילה — אַ כמאַרעלע זאָל נישט פאַרשטערן... די מינוט איז טייער... קיין עין־הרע — אַזוי פיל פעלדער פאַרזייט ; און אַזוי געראָטן ווי זיי זיינען אויפגעגאַנגען, איז דאָך אַ קערנדל אַ שאָד, ס'זאָל גיין לאיבוד...

זעט מען אויבן די צרה, דאָס שבת אויפן דאָרף איז אָפּגעמעקט פון דער וועלט ; אַז מ'שטייט ווי אין אַ וואָכענדיקן טאָג און מ'אַרבעט... מען שניידט... אַזוי לאָזט מען אַראָפּ אַ גאָס־רעגן אויף דער ערד, דאָס נישט צו דערלאָזן...

אונטן, מ'זעט : ס'רעגנט — ווייסט מען עפּעס ?... זומער האָט ליב צו רעגענען... סזאָל אין מיטן העלן טאָג זיך פאַרכמאַ־רען, געדיכט פאַרנעמען מיט וואָלקנס, און דונערן זאָלן פאַלן איבער די קעפּ...

געוויינטלאַך, גייט עס אַדורך... ס'איז זומער... די וואָלקן צעגייען זיך, און מ'זעט דערנאָך נישט אַן צומאָלט, אַז ס'האָט גע־רעגנט... די זון קריכט באַלד צוריק אַרויס, און ברייט...

זעט מען אָבער : ספּאַרציט זיך, און סאיז נישט קיין עסק אויף קיין שעה דאָרט, אָדער צוויי, אַזוי גייט יעדער אַראָפּ אַהיים, און מ'איז זיך מיאש פון טאָג :

— סאיז נאָר אַ שאָד, וואָס די אָפּגעשניטענע תבואה וועט צעפּוילט ווערן אין וואַסער...

דער איד ווידער, גייט אַריין אין שייער, זעצט זיך בהרחבה אַוועק אין פריש־אָפּגעשניטענעם היי, און קוקט פון דאָרטן אַרויס איבער דער וועלט, זיין וועלט ; ס'זיינען זיינע פעלדער, וואָס ליגן אַזוי ברייט אַנגעטאָן אין תבואות.... זיין הרחבה...

דאָס היי שמעקט אים צו ; שמעקט שוין באַלד צו שטאַרק. פאַר'שכור'ט, אַז ס'איז פּשוט שווער צו אָטעמען ; ביז אַ שווער־רער שלאָף פאַלט אויף אים אָן, און ער פאַרמאַכט מחיה'דיק־זיס די אויגן ; צוגעמאַכט די אויגן, — דער טאַטע איז דאָ מיט אים ; דערמאָנט ער זיך : ס'איז שבת... שבת אין שייער... און וויל אים מפּייס זיין :

— כ'פאַרשטיי: דו ווילסט מיך, טאַטע, אודאי נישט לאָזן אַליין אויף די דונערן אין שייער ? און אפשר אַנמסר'ן, זאָגן תוכחה...

זאָגט דער פאָטער :

— ניין ! כ'בין נאָך דיר געקומען, זאָלסט מיט מיר מיט־גיין צו אַ דין תורה...

פאַלט אים שיעור ס'האַרץ נישט אַרויס פאַר שרעק, דעם זון :

— וואו זאָל איך מיט דיר גיין, טאַטע ? האָב רחמנות !...

פאַרשטעלט זיך דער פאָטער די אויגן, דער זון זאָל נישט זען, ווי ער וויינט, און זאָגט :

— פאַרוואָס האָסטו אויף מיר קיין רחמנות נישט געהאַט ?..

— טאַטע, כ'וועל דיר צו־שווערן, דאָס מהיום והלאה וועט שבת צוריק ווערן אָפּגעהיטן...

וויינט דער פאָטער :

— כ'קען דיר גאָר נישט העלפן, מיין זון, ס'איז מיר גע־נוג ווייַ, דיין אייגענער טאַטע מוז דיך גיין ברענגען צו אַ דין־תורה אין הימל אַריין... נאָר, וואָס זאָל איך טאָן ?... מ'ברויך

דיך מענש זיין... אליין, וועסט דיך אפשר גיכער קענען אפבעטן.
איך האב נישט געקענט...
און דער זון גייט מיט אים צו א דין־תורה, אין הימל אריין...

אויבן, — ער קומט, זיצט א גאנצע סנהדרין ; אלטע גראע קעפ, שטרענגע פנים׳ער, און מ׳הייסט אים ווארטן, ווייל אויבנ־אן איז די שטול ליידיק, ס׳פעלט דער קאפ; און אז עס גייט אריבער א ווײַלע, דער אב־בית־דין קומט נישט, זעצט מען אוועק וועמען עס איז פון די סנהדרין, און מ׳גייט־צו אים משפט׳ן, דעם מחלל־שבת...

די שופטים זיינען ביטער, מ׳לאזט די סניגורים זיינע נישט אויפמאכן ס׳מויל, זאגן א גוט ווארט...

דער טאטע אליין זאגט עדות :

— תקיעת־כף געגעבן...

ס׳איז ביטער; צווישן די שופטים איז כמעט איין דעה:

— מיתה...

אפילו די קינדער קומט כרות...

וויינט דער איד מיט ביטערע טרערן :

— מ׳זאל אים נאך דאס איינע מאל מוחל זיין ; שענקען ס׳לעבן... אמנם חטאתי, כ׳בין זיך מודא ומתודה... נו, איז שוין אין הימל קיין שום איינזען נישטא ?..

בארפאלענע טרערן.

מ׳גייט שוין צו שרייבן, דער ראש־בית־דין נעמט די פע־דער אין דער האנט אריין, ווערט דא פלוצלונג א גערויש, — דער אב־בית־דין אליין קומט צום משפט...

מ׳גיט אים באלד אפ דאס שיינע ארט, און אזוי ווי ער גיט א קוק אין די פאפירן, — מאכט ער אויף מויל און אויערן :

— אויף וואס מ׳האט דא געהאט אנצומאכן א יריד ?... א איד האט געטאן אן עבירה... איז, מה רעש ?... משה רבנו האט אויך געהאט עבירות... ס׳קומט אים טאקי מיתה... אבער,

מ׳האָט שוין איינגעזען: אַז דער איד איז נישט מסוגל מער תשובה צו טאָן?... ס׳וויפלטע מאָל שטייט ער פאַר׳ן בית־דין של מעלה? ס׳ערשטע מאָל?... גוט: מיתה, אָבער נישט מיתה ממש, נאָר מ׳זאָל אים צונעמען אַלץ, און אַרויסלאָזן צוריק, אַזוי ווי ער איז, בעירום ובחוסר; וואָרים, עני חשוב כמת... און אויב זיין תשובה וועט אַמאָל ווערן אָנגענומען, וועט מען קלערן — אים ס׳עשירות ווידער צוריק אָפּצוגעבן אויך...

— —

און ברגע זה האָט דער מלאך, וואָס האָט געהאַלטן גרייט אַ רונער אין דער האַנט, איר אַראָפּצולאָזן אויף דעם שייער — איר צוריק צוגענומען...

דער איד כאַפּט זיך אויף אין דעם שייער, און ער גיט אַ קוק: שוואַרץ און חושך איז זיין וועלט — דער הימל איז פינסטער; ס׳האָגלט מיט שטיינער איבערן דאָרף; דונערן צינדן־אָן דעם הויף; די בנינים שטייען אין פלאַמען; די פערד וואָס מ׳שלעפּט אַרויס, פאַלן...

די גאַנצע תבואה גייט אַוועק מיטן רויך...

דער איד האָט מער קיין דאָרף נישט; ער גייט אַרויס נאַקעט, אַ בלוט־אָרימאַן, און ווייסט אַפילו נישט, וואָס ס׳איז דער סוף געוואָרן מיט די קינדער...

און גייט פון דענסטמאָל אַרום איבער דער וועלט; זוכט אַ תשובה ביי רביים, גוטע אידן — מ׳זאָל אים אפשר דורכדעם אָפּגעבן זיין גדולה צוריק — אויב די תשובה וועט זיין באַוויליגט אָנגענומען צו ווערן...

דער אָרימאַן האָט געענדיגט, פרעגט מען אים:

— מה ענין שמיטה אצל הר סיני? — וואָס האָט אייך

דער רבי אזעלכעם געטאן, איר זאָלט זיך ברויכן אזוי דערשרעקן, און גיין אין דער ערד?...

— וואָס רעדט איהר? — זאָגט דער ארימאן — אין אים האָב איך דאָך איצט דערקענט מיין אב בית־דין, וואָס איז אין דער לעצטער רגע אָנגעקומען צום משפט אין הימל אריין; ער האָט דאָך מיר ס'לעבן געשענקט...

שתפות...

ס'איז געזעסן אויף א דארף א איד, אן ארענדאר, און איז אויס־געגאנגען פאר הונגער, גע'חלש'ט פאר א שטיקל ברויט.

ווייניק: א גרויסער לא יצלח געווען איז ער נאך באווארפן מיט קליינע קינדער, ברעקלאך קינדער, און א גרויסער מחוסר־לחם, — זיי נישט געהאט וואס אין מויל אריין צו געבן...

דער דאזיקער איד האט שוין אומעטום ס'מזל געפרואווט, און אומעטום וואו ער האט געמיינט: ר'האט שוין ס'מזל אנ־געכאפט ביי די פיס, — האט זיך עס אים פון די הענט ארויס־געגליטשט...

האט ער געקויפט פעל, איז פעל געפאלן; מעל — איז מעל געווען לרוב, און געבליבן ליגן דערמיט...

ביז ס'ווייב, צוזעענדיק די צרות, האט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— כ'האב מורא: אז דו וועסט האנדלען מיט לייוונט, וועט קיינער נישט שטארבען...

האט דער איד געזאגט:

— אוועקלייגן די כלים, איז אויך קיין שכל נישט; מ'ברויך קלערן אן עצה: זיך נעמען צו תבואה?...

שוין גענומען.

— שניט־סחורה?

גענומען.

— לעדער?

גענומען.

— האלץ?

אלע עבודה־זרות געדינט...

זאגט ס'ווייב:

— ביז װענ־װאָס, מײן מאַן, שטעל אויף ס׳פּעסל בראַנפן; איך װעל פאַרקנעטן אַ קיכל, אַביסל מעל אין מולטער איז נאָך דאָ, מאַך דערװײל אויף די שײנק, אפשר װעט עמיץ אַרײנפאַלן, און עפּיס געבן צו לײזן...

הייבט דער אַרענדאַר די אַקסלען:

— כ׳האָב שוין אַזוי פיל מאָל אָנגעהויבן מיט דער שײנק, קײנמאָל נישט גוט אָפּגעשניטן בײ איר...

זאָגט כ׳װײב:

— פּרואװ... די לעצטע קו גיט אַביסל מילך צו...

פרעגט שוין דער אַרענדאַר נישט מער; קוילערט אַרויס דאָס אײנע פּעסל בראַנפן פון קעלער, הייסט דעם װײב פאַרקנעטן דאָס אײנע ביסל מעל װאָס אין מולטער, און אײדער ער מאַכט־אויף די טירן, זאָגט ער:

— הער מײן װײב: כ׳האָב אַ סך מאָל שוין אָנגעהויבן מיט דער שײנק, און צו איר קײנמאָל קײן מזל נישט געהאַט; איצט גײ איך נישט מער אַרוים אַלײן אין איר, נאָר איך נעם צו גאָט פאַר אַ שותף; פון יעדן גראָשן װאָס כ׳װעל לײזן, גיב איך אָפּ אַ העלפט פאַר אים, און זאָל ער זען, אַז די פּרנסה זאָל זײן אַ פּרנסה...

געהערט אַזאַ מעשה אויבן, האָט גאָט אַ שמײכל געטאָן פון דעם אַרענדאַרס חכמה, און לכתחילה אָנגענומען דאָס שותפות:

— אַ איד, אפילו אַ פּראָסטער איד, בעט מיך צום טיש,
— װעל איך דאָך מיך אוראי נישט דערװײטערן פון אים...

פאַרשטײט זיך: אַז מיט גאָט פאַר אַ שותף, איז דאָס געװען גאָר אַנדערש; און אַזױ װי דער אַרענדאַר האָט אויפגעמאַכט די שײנק, אַזוי איז אים שוין ס׳דאָרף פּויערים באַפאַלן — זיך גענומען שפּאַרן צו אים פון אַלע זײטן...

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפע; דער אַרענדאַר האָט געזשויבט...

ער האָט זיך ממש געברויכט שלאָגן אויף דער נאַכט מיט

די פויערים, און זיי געמוזט אַרויסוואַרפן, ער זאָל כאָטש קענען צושפּאַרן אויף עטלאַכע שעה די טירן; און באַגינען שוין גע־קלאַפּט אין די לאָדנס צו אים, נישט געלאָזט איינליגן אין בעט:

— ער זאָל אַראָפּגיין אויפמאַכן די שיינק, מ׳וועט אַריינ־גיין זיך אַנוואַרימען ביי אַ גלעזל בראַנפן...

דער אַרענדאַר איז געווען געטריי זיין שותף, און אויף אַ האָר אים נישט באַ׳עוולה׳ט; אַנגעקלאַפּט אַ קאַסטן ביים שופלאָד פון טיש, און זיך געטיילט מיטן לייזונג, — אַ העלפט צו זיך אין שופלאָד, די אַנדערע העלפט צו גאָט אין קעסטל אַריין; און דאָס: צו דער מינוט, צו דער רגע..

ווען גאָטס קעסטל איז פול געוואָרן, האָט ער דאָס אויסגע־ליידיקט אין אַ זאַק אַריין, גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס, און אַוועקגעגאַנגען צווישן אידישע ישובים: אין קלויזן, בתי מדרשים, וואו ס׳זיינען געזעסן אידן, וואָס האָבן עוסק געווען בתורה, און צו זיי דאָס פאַרטיילט, זאָגנדיק:

— נאָט אייך, אידן, דאָס שיקט אייך מיין שותף, אַ גרוי־סער חשוב ביי אייך... ער אַליין האָט גענוג און איבריק, די והותר, און נייטיקט זיך נישט אין דעם...

האָט מען זיך אויבן אַרומגעזען, אויפן הימל, אין דעם אַרענ־דאַר, און אים גאָרנישט געקענט אָפּלויבן פאַר זיין ערלאַכקייט; אַלע טאָג זיינען אַנדערע סניגור׳ס געקומען פאַרן אייבערשטן, און אים גאָרנישט געקענט אָפּרימען, דעם אַרענדאַר:

— זע, גאָט, דיינע מלאכי־השרת זאָגן: אַזוי גיך ווי מ׳גיט צו אַ איד אַ שטיקל עשירות, ווערט ער קאַליע?... האַ?...

און מיט טויזנט אויגן ווידער האָבן געקוקט די פינסטערע קטיגורים דעם איד אויף די פינגער; זיך צונויפגעקליבן צום אַרענדאַר אין שיינק, און דורך אַלע שפּאַלטן, לעכער און שפּאַרעס געקוקט ווי ער ציילט דאָס געלט... געוואָלט זען: אויב

דער איד איז טאַקי אַזוי ערלאַך ווי מ'שמועסט... טיילט זיך מיט איטלאַכן גראָשן... און האָט קיינמאָל נישט קיין יצר הרע אַפילו צו וועלן אַראָפּ'גנבֿ'ענען עפּיס, אַ פּרוטה, ווען דער צווייטער שותּף ליגט נישט אויפֿן האַלז. און קוקט אים נאָך...

דער אַרענדאַר ווידער, האָט נישט געוואוסט קיין חכמות — אַלע אויף דער נאַכט האָט ער געמאַכט די חלוקה; אָפּגע־געבן דעם רבונו של עולם, זיין שותּף, ס'זייניקע, און זיך גע־נומען זיין חלק...

און אַז די קטיגורים האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קומען — האָט מען אויבן, אין הימל, גאָר אַנגעקוואַלן...

מ'איז אַרומגעגאַנגען און געהאַט אַ פול מויל מיטן אַרענ־דאַר, און זיך גאָר נישט געקענט אָפּ'חידוש'ן:

— אַז איינפאַל פון אַ איד, צו נעמען גאָט פאַר אַ שותּף; דאָס איז שוין קלאָר ווי דער טאָג: אַז גאָט וועט זיך דאָר אַליין קיין עולה נישט טאָן...

אַ ריזיקע איז דאָס גיכער געווען פאַרן אַרענדאַר, אַ גרויסע ריזיקע; ווייל אַ איד זאָגט געוויינטלאַך, תּמיד: מיט השם יתברך'ס הילף... און אַזוי גיך ווי דער אייבערשטער איז זיך מרחם — לאַכט זיך יענער גאָר אויס, און האָט אים שוין מער נישט אין זינען...

דער אַרענדאַר, ווידער, אַזוי גיך ווי דאָס קעסטל ווערט פול, לייגט ער דאָס שוין אין זאַק אַריין, און טראָגט אַוועק אין שטאָט, צוצוטיילן... זעט מען: אַ פּראָסטן איד, קיין עשירות זעט זיך אים אויפֿן פּנים נישט אָן, — פרעגט מען, אַ שטייגער:

— אַ משולח ר' איד?... אייער אייגן געלט?...

זאָגט ער:

— ניין, זיין שותּפ'ס געלט...

חידוש'ט מען זיך:

— א שותף ? אייער שותף ?... מוזט איר דאך נישט ווייניקער אויך פון שותפות ארויסנעמען ?...

— מסתמא נישט ווייניקער, — זאגט דער ארענדאר.

גלויבט מען אים נישט, און מ'איז פונדעסטוועגן בעלן צו וויסן :

— ביי וואס מ'קען אזוי פיל געלט אנקלייבן, ס'זאל זיין אזא צדקה צו פארטיילן ?...

— פון א שיינק !. — זאגט דער איד.

גלייבט מען אים נישט, און מ'איז פונדעסטוועגן בעלן צו פרעגן ווייטער :

— ווער איז אייער שותף, ר' איד ?

— דער וואס זיצט אויבן אין הימל. — זאגט דער ארענ־דאר.

וואלט מען דאך געלאכט אודאי, ווען נישט די זעק געלט וואס צוטומלען, אז מ'זאל הייבן מיט די אקסלען :

— ס'איז נישט פשוט מיט דעם איד...

און אזוי גוט, ווי מ'קלערט דא אריין אין ארענדאר, — קלערט מען נישט ווייניקער אויבן אויך, און מ'זוכט אים מיט עפּיס מהנה צו זיין : א מתנה'לע... נו, וואס גיט מען אים ?... עשירות — דאס האט ער ; כבוד — נאך כבוד יאגט ער זיך נישט ; און וואס קען ביי אזא איד, אן ארענדאר אויסנעמען ?... א גילדערנע שטול ?...

קומט דא צוגיין א סניגור'ל, און טענה'ט :

— דער איד איז גאר מוחל מתנות! אויב מ'זאל אים נאר אפּ־געבן וואס אים קומט ?...

קוקן זיך אלע ארום :

— וואס קומט אים ?

— שטייערונג צום מסחר. — זאגט דער סניגור. — דער אייבערשטער ברויך געבן א העלפט פון דעם וואס ער האט,

פונקט אזוי גוט ווי דער ארענדאר גיט אפ זיין העלפט, — אויב ער האלט זיך פאר א גלייכן שותף...

ווערט א געוואלד:

— דער אייבערשטער זאל טאקי אזוי אפגעבן א העלפט צו א מענטש אין דער האנט אריין, מי יודע, — וואס ער קען נאך טאן מיט דער וועלט?...

— ס'וועט אבער קיינער נישט זאגן, אז דער ארענדאר איז אומגערעכט — טענה'ט דער סניגור, — אויב גאט האט לכתחילה אנגענומען דאס שותפות, האט ער זיך באלד געברויכט ארומזען, אז מיט א ליידיקע האנט גייט מען אין קיין מסחר נישט אריין; אויב ארויסנעמען פון שותפות גלייך אויף גלייך — מוז יעדער איינער גלייך ארייגלייגן... קיין שום מורנו נישט...

און ס'האט גאר נישט געהאלפן, וואס מ'האט זיך געפרואווט איינשמועסן — מ'האט געמיינט א געלעכטערל; מ'האט בחרפתינו געמוזט געבן....

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז אפילו געווען א שטיקל פון די קטיגורס, האט מען דערנאך געשמועסט — ווייל זיי האבן מורא געהאט: אזא אידל, איבער הונדערט און צוואנציק יאר, ער וועט א קום אנגעבן — אזוי וועט דאך גאר קיין ארט נישט זיין, וואו זיך אהינצו־טאן מיט אים? ס'גן־עדן וועט קליין זיין!... און ס'וועט נישט אויסקומען אנדערש: ווי אנטאן אים א גאלדענע קרוין אויפן קאפ, דעם ארענדאר, און כאטש אוועקזעצן ביי די אבות?...

און צוגערעט:

— מ'זאל אים באלד ארופגעבן זיין שכר, ער זאל נאר שפעטער די זכ״ה נישט האבן...

אצינד וועט מען זען, וואס ס'איז געשען מיטן איד, ער האט באקומען דאס חלק פון גאט, גאנס חלק, גלייך אין שותפות אריין.

אים געזאגט דערפון:
— מ׳גיט דיר שטייערונג צום מסחר...
האט מען נישט.
און דער ארענדאר אליין האט אויך נישט געוואוסט; ער איז געשטאנען אין שיינק, געארבעט עבודת הפרך, זיך באַ־גאַסן מיטן שווייס פון זיין ליב; געלייזט מיט א ברכה, און ווען ער האט שוין קיין אָרט נישט געהאט פארן געלט, וואו זיך אהינצוטאָן דערמיט, — האט ער זיך איינמאַל אָנגערופען צום ווייב:
— ווייסטו וואס, מויער איין א קעסל, און קאָד עסן... עס קומען אזוי פיל אורחים, וואס האבן זיי אוועקצוגיין הונגעריק?
— וועט מען טישן פאר זייערטוועגן...
האבן אידן געגעסן, געטרונקען, און אוועקגייענדיק אים גע־וואונשן:
— ער זאל וואס מער לייזן, און מער האבן אוועקצוגעבן...
און ער, דער ארענדאר, זיי צוריקגעווינשן:
— גייט געזונטערהייט, און זאגט דארט וואו ס׳איז דא א הונגעריקער אויף דער מדינה, ער זאל קומען...
האבן זיך ארימע לייט דערוואוסט פון דעם שמאַלצגרוב — האט אָנגעהויבן צו ווימלען מיט זיי דער טראַקט, און די שיינק זיך צו ברעכן...
און דאָ, אז דער ארענדאר האט באקומען דאָס חלק פון אייבערשטן אין שותפות־אריין — האבן פלוצלינג אָנגע־הייבן מקוים צו ווערן זיינע ברכות צו מענטשן.
ס׳האט אפגעגעסןביים טיש א חלוש, און אים געזאגט:
— א יישר כח פארן ביסל געקעכטס, איר האט מיך ביים לעבן דערהאלטן...
האט דער ארענדאר א מאך געטאן מיט דער האנט:
— גייט געזונטערהייט, און שמירט אייך אוים די שיך מיט אים...

אַזוי האָט דער חלוש דערשפּירט אַ היילונג אויף זיין לייב, און שוין מער קיין חליש נישט געוועזן...

אַזוי אויך מיט אַ בלינדן.

ס'האָט זיך צוגעזעגנט אַ בלינדער, אַ סגי־נהור, און אים געוואונשן ס'אייביקע לעבן, — האָט ער אים בלויז משלח גע־ווען, ווי ס'געשיקט זיך, מיט אַ ברכה'לע:

— גיים געזונטערהייט, און גאָט זאָל אייך העלפן, איר זאָלט אינגיכן געהיילט ווערן אויף די אויגן...

איז דער בלינדער זעענדיק געוואָרן...

האָט דער קאַליקע געהינקען אויף אַ פוס, און אים גע־וואונשן:

— ער זאָל האָבן אַ רפואה שלמה פון גאָט, און אנהייבן גלייך גיין...

איז דער הינקעדיקער אַרויס, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר קיינ־מאָל נישט געהינקען...

אַזוי כסדר:

איז דער קאַליקע געווען אַ קרומער, איז ער אויסגעגלייכט געוואָרן...

אַ טויבער — געוואָרן הערנדיק...

אַ שטומער — ריידנדיק.

איז דאָך דער רעש געוואָרן זייער גרויס, און דער שם זיי־נער, — געגאַנגען איבער דער וועלט:

— דער אָרענדאַר איז אַ בעל־מופת; די ערגסטע חולאים ווערן דורך אים געהיילט...

און ס'האָבן אָנגעהויבן גיין קאַליקעס, חמרים קאַליקעס; מ'האָט זיך אַלאָז געטאָן צופוס, און אויף וועגן, — די יעניקע וואָס האָבן נישט געקענט גיין — האָט מען געברייינגט צוטראָגן אויף די הענט; פון די ווייטסטע ווינקעלאַך איז מען געקומען און אים די פּאַלעס אָפּגעריסן; מ'האָט באַלאַגערט ס'דאָרף, און יעדער איינער האָט פריער געוואָלט באַקומען זיין ברכה; גאַנצע

מחנות קרעציקע, לאמע, הינקעדיקע, שטומע, טויבע, בלינדע,
— האבן זיך אויפגעקליבן אויף די פעלדער, געוויינט און גע־קלאגט ס'חורבן:

— זיי ווילן געהיילט ווערן...

אז דער שם זיינער איז אוועק איבער דער וועלט, און דער לוב־לינער צדיק, זכרונו לברכה, האט געהערט די מעשה, האט ער א געשריי געטאן:

— דער איד מוז האבן א גרויסן זכות; בחנם גיט מען נישט אזא כח...

און פארלאנגט פון אייבערשטן:

— מ'זאל אים צונעמען פונם איד, ווארים ער קען זיך חלילה נעמען משנה זיין דעם גאנצן סדר העולם...

אויבן האט מען אבער צום איד קיין טענות נישט געהאט; און ווי לאנג דער ארענדאר איז געווען ערלאך, און זיך געטיילט מיטן גראשן, אפגעגעבן ס'זייניקע צום אייבערשטן, האט דער אייבערשטער ווידער נישט געטארט צונעמען ס'זייניקע פונם איד...

חסידים זיינען געווען מלא שמחה, און נישט פארשטאנען גאר:

— וואס ס'איז זיך דא מצער צו זיין?... אדרבא: זאל די וועלט זען: וואס אין אן איד שטעקט?... און דערצו, א קליין אידל, א פשוט אידל... מכל שכן, עפים רעבטס? טלית שכולה תכלת?...

האט דער רבי געזאגט:

— ניין; ס'קען קיין גוטס נישט ברייננען... דער עולם זעט נסים — מ'טאר זיי היינט קיין נסים נישט ווייזן; זיי ווערן באלד ווי די קליינע קינדער, נעמען זיך שטארק איבער, און קענען אים נאך דערפאר צו גרויס אויפהייבן, ווען מקדש

השם זיין, מאַכן פאַר א לעבעדיקע עבודה זרה, אַן אפגאָט...

און באַפוילן:

— מ'זאָל שפּאַנען די בויד, ער מוז אַליין אַריבערפאָרן זען, וואָס כ'טוט זיך דאָרט...

דער אַרענדאַר ווידער, ר'האָט געזען, דער לובלינער רבי איז געקומען — האָט ער זיך גאָר שטאַרק דערפרייט, און זיך נאָר גע־קלאָגט פאַרן צדיק:

— זיין עגמת נפש איז אַזוי גרויס, וואָס ער קען זיך מער נישט אָפּגעבן מיט אים, מער מקרב זיין... ער איז אַזאַ גרויסער מרוד, אַלע אידן געזאָגט... מ'רייסט אים די טירן אָפּ... מ'לאָזט אים נישט די ביינער אויסרוען...

דער לובלינער האָט אים מוחל געווען:

— דו ברויכסט דיך נישט יאָגן מקיים צו זיין די מצוה: משמש זיין א צדיק; דיינע מצות און מעשים טובים, הער איך, זיינען געווען גרויס...

און אַליין זיך שטילערהייט צוגעקוקט צום אַרענדאַרס התנהגות, צו זיין פירונג... אויפגעשטאַנען אין דער האַלבע נאַכט, אפשר אים פּאַקן ביי א חצות'ל... זען איז אים א גלגול פון א צדיק, א שליחות פון הימל... א פאַרשטעלטן למד־וואָוו... און מאַמער, חלילה, א וואונק פון דער סטרא אחרא, — טאָר מען דאָך ערשט אויבסניי נישט שווייגן?...

און ער האָט קיין אויסטערליש נישט געזען...

א איד, אַן אַרענדאַר, טאַקי... ס'קומט אויף דער נאַכט, פאַלט ער נעבאָך אַוועק ווי א שטיק האָלץ... א טויטער מענטש... שטייט אויף באַור, דאַוונט אָפּ כדבעי, און גייט שוין אַרום אַרביימן חמור למשא...

אַזוי אָפּגעוועזן, דער רבי, עטלאַכע טעג, — שרייט דער גבאי: מ'זאָל אַהיים פאָרן!...

דער רבי האָט קיין הארץ נישט:

— מ'קען דאָך פאָרט נישט איבערלאָזן אַזוי, דעם איד, ער זאָל קערן וועלטן... מ'זעט דאָס צו...

זאָגט דער גבאי :

— מ'ברויך ריידן מיטן איד, אפענע דבורים... אויב אַ למד וואָוו, זאָל ער זיך אויסגעבן...

און דער רבי נעמט־אָן זיין עצה ; רופט אַוועק דעם אָרענ־דאַר, און זאָגט צו אים :

— הנה, זיי וויסן, כ'בין גוזר אויף דיר, דו זאָלסט זאָגן : פון וואַנעט ס'נעמט זיך צו דיר די גרויסע זכיה, וואָס קיין שום בשר ודם האָט נישט זוכה געווען ?...

זאָגט דער אָרענדאַר :

— כ'האָב גאָר נישט געטאָן אַזאַ גרויסע זאַך, און ווייס אַליין אויך נישט...

איז אים דער צדיק חוקר ודורש :

— זאָג : פון וואַנעט נעמסטו אַלע וואָך אַ זאַק מיט געלט צו צוטיילן ?... דו אַרבייטסט אַזוי שווער, און ס'איז דיר קיין שאָד נישט דיין פּראַצע ?...

— נישט מיין געלט — הייבט דער אָרענדאַר די אַקסלען — מיין שותף'ס געלט...

— ווער איז דיין שותף?... — פרעגט דער רבי, — וואָס ווייזט ער זיך קיינמאָל נישט?... קומט מיר אפילו קיין שלום עליכם נישט אָפּגעבן, כ'שטיי שוין ביי דיר עטלאַכע טעג...

ווערט דער איד, דער אָרענדאַר, צעטומלט, און זאָגט :

— חלילה, רבי, מיין שותף קענט איר נישט זען; מיין שותף איז גאָט אַליין, אין הימל...

בלייבט שטיין דער צדיק, אַ צעמישטער :

— אַזוי ?... האָסט גאָט־ברוך־הוא צוגענומען פאַר אַ שותף, איז שוין די מעשה ריכטיק... איטלאַכער שותף, כידוע, ברויך אָפּגעבן אַ העלפט פון דעם וואָס ער האָט ; און ווי

באלד, דו האסט אפגעגעבן א העלפט פון דיין לייזונג אין שיינק, אזוי האט דער אייבערשטער דיר געמוזט אפגעבן זיין העלפט...

שטייט ער צו מיט א טענה צו גאט, דער רבי :

— וואס האסטו געטאן ?... ווי אזוי גיט מען דאס אפ אזא כח צו א נפש רמה־ותולעה ?

ענטפערט מען אים :

— ס'איז נישט געווען קיין עצה ; אויב מ'איז לכתחילה איינגעגאנגען אויפן שותפות, אזוי האט גאט געמוזט אריינלעגן זיין חלק...

שרייט דער צדיק :

— דער איד וועט דאך אנהייבן זאגן דעות אין דיין מעשה ידי !...

זאגט מען אים ס'איינענע :

ס'איז נישטא קיין עצה ; אזוי ווי דער איד איז א גרויסער מקפיד אויף יעדן גראשן, גיט אפ צו דער מינוט, צו דער רגע, דאס חלק אין שותפות אריין, טאר מען דערוייל ביי אים גארנישט אוועקנעמען...

נו, וואס זאל דער רבי טאן ? מתפלל זיין — דער איד זאל בא'גנב'ענען דעם אייבערשטן, — ווי קען ער נעמען אויף זיך אזא עונש ?...

און זאגט צום אייבערשטן :

— כ'וועל דיר יא געבן אן עצה; דו גיב אים אריין א רעיון. — ער זאל אנהייבן טרינקען, וועט ער נישט געדענקען ביים פאר־טיילן ס'געלט, און זיך טועה זיין מיט א פרוטה...

און אזוי ווי ער רעט דאס ארויס, — שטייט שוין אן ערל, האלט די האנט ביים ארענדאר מיט א גלאז בראנפן, און שרייט :

— טרינק, זאג איך דיר, א נישט וועל איך דיך צעטראגן...

און דער ארענדאר טרינקט... דערשפירט א זעלטענעם טעם אין בראנפן, אז ער קען זיך באלד נישט איינהאלטן מער, —

ער זאָל נישט טרינקען נאָך אַ גלאָז; פאַררדייט זיך אים דער קאָפּ, און ער פאַרזאַמט אַ רגע אָפּצוגעבן ס׳חלק צו גאָט, און גאָט גיט שוין אויך נישט מער זיין חלק אין שותפות אריין...

דענסטמאָל גייט דער רבי ארויס, און זאָגט צום אייבערשטן:

— אצינד, אַז כ׳האָב דיר צוריק געגעבן דיין חלק, קען איך פאָרן אהיים מיט נישט קיין פאַרשווערט הארץ, און זיין זיכער, ס׳וועט נישט קיינער מער חוץ דיר, קענען חרוב מאַכן די וועלט...

מזלות

געווען אַ גביר, און אַ חוץ זיין גבירישקייט, געווען איינגעטונקט פון קאָפּ ביז צו די פיס אין יחוס, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעזען ביי אים, אין זיין גיין און שטיין...

אַ גרויסער מכניס אורח, — איז זיין טיר געשטאַנען אָפן פאַר אידן, וואָס קומען און גייען, אפילו פאַר אַ חוזר על הפתחים; איז דאָ יעדער אַריינגעקומען צו אים ווי צו זיך אין שטוב, זיך ברייט געוואַשן די הענט, און געקענט הייסן דערלאַנגען אַ גלעזל וואַרימס...

אַ גרויסער אוהב את הבריאות — האָט אפילו אַ פּיצל קינד נישט שלעכט אָפּגעשניטן ביי אים; מכל־שכן אַ דערוואַקסענער מענטש — אַזאַ איינער האָט געקענט אַריינגיין ווי פאַר׳מרה־שחורה׳ט — איז ער אַרויס אַ לעבעדיקער, ווי מ׳וואָלט אין אים אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט...

אַ גרויסער בעל־צדקה — האָט ביי אים קיינמאָל נישט גערוט; אַ גאַנצע וואָך אָפּגעשלאָגן די טירן אורחים, און באַזונדער, פרייטיק — די היימישע אָרימע לייט, וואָס זיינען געקומען און זיך אויסגעשטעלט פאַר דער טיר פון זיין קראָם, און געגאַנגען איינער הינטערן אַנדערן; ווער מיט אַ טעפּל נאָך אַ ביסל געקעכטס, ווער מיט אַ שיסל נאָך אַ שטיקל פלייש, ווער נאָך אַ חלה, און ווער פשוט נאָך מזומנים, און קיינער איז נישט ליידיק אַוועק...

געהאַט האָט דער גביר אַ זון, אַ בין־יחיד, אַן איינציקן; קליינערהייט זיך געבאָוועט מיט ברידערלאַך און שוועסטערלאַך, נאָר אַזוי ווי דער פאָטער זיינער האָט צו די קינדער קיין מזל נישט

געהאט, זיינען זיי אים פון דער וועלט אוועקגעגאנגען; און דער איינער קדיש האט אויך נישט ווייניק געקריינקט, די נשמה ארויסגעצויגן, בלוט אפגעצאפט, און עפים ווי מיט נסים זיך דער־האלטן...

פארשטייט זיך, אז דאס בן יחיד'ל איז געווען א ציטריק קינד, שטארק אפגעהיטן, איין אויג אין קאפ, און ס'איז פאר אים געווען אנגעגרייט פון אלעם אין דער וועלט; ביז ער איז אונטערגעוואקסען, האט מען געהאלטען פאר אים מלמדים, שפע־טער שוין געלערנט ביים רב, און נאכדעם — אין דער ישיבה...

אין דער ישיבה האט ער נישט ווייט געהאט צו גיין, עטלאכע תחום־שבת, סך הכל, אין א דערבייאיק שטעטל, גאר א קליין מקום, אבער זייער גרוים בתורה; א ישיבה מיט די גרעסטע לומדים, פייערדיקע קעפ; אהין איז ער אוועק זונטאג אין דער פרי, א גאנצע וואך געלערנט, און פרייטיק נאך האלבן טאג זיך געלאזט גיין אהיים מיט א פולן קאפ גמרא, תוספות ומרשא"ה.

אין אן ערך פון צוויי־דריי שעה, איז ער תמיד געווען אין דער היים, און אליין נישט געוואוסט, וואו דער וועג איז אים אהינגעקומען; כאטש ס'איז אין צווישן געווען א שטיק וואלד, — האט עס אים כמעט נישט געארט; טיילמאל געווען אזוי צעקאכט, אז ער האט נישט געוואוסט, ווען ער גייט אריין אין אים, און זיך אפילו שפעט געכאפט — אז ער פלעגט שוין האבן ארוים פון אים; און ס'איז אים אלץ איינס געווען, אויב בייביידע זייטן וועג — שטייעןביימער, אדער ס'ציען זיך פעלדער, גראזן...

ער האט ליב געהאט דעם וואלד. זומער, אז עס האט אים געברענט די זון איבערן קאפ — האבן אים די ביימער פאר־שטעלט; גייענדיק מיטן אפענעם וועג, צווישן די פעלדער, האט ער נישט איינמאל באדויערט:

— הלואי וואָלט זיך דער וואַלד געצויגן פון שטאָט ביז שטאָט, און ער זאָל בלויז האָבן צווישן ביימער צו גיין.

און געקענט האָבן שוין זיינע פיס דעם וועג, אים געטראָגן כמעט אָן זיין ידיעה, און נישט אַראָפּגעפירט; זיך קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט אומקוקן, און געקענט טרעפן אַהיים מיט פאַרמאַכטע אויגן; סיי ווי זיינען ביי אים די אויגן געווען אַזוי גוט ווי פאַרמאַכט, ווייל ער האָט זיך ווייניק אומגעקוקט אויף די פייגעלאַך, וואָס האָבן געזונגען צווישן די צווייגן, און אויף די פעלדער תבואות אומגעפלויגן, נאָר געגאַנגען תמיד פאַרטראַכט, און גע'חזר'ט אויף אויסווייניק איטלעכן שיעור, יעדן פשט...

איינמאָל אין אַ פרייטיק ער איז אַזוי געגאַנגען, האָט ער זיך פאַרגעסן, און נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און נישט געזען די שטאָט — זיך אָפּגעשטעלט אַרומקוקן:

— לויט דער צייט וואָס ער גייט, — האָט ער איר שוין יאָ באַדאַרפט, דוכט זיך, זען... און דאָ איז ער נאָך גאָר פונם וואַלד נישט אַרויס?...

און אַזוי ווי ער קוקט, זעט ער: דער וועג איז נישט ריכטיק; לויטן שכל, ווי ער איז מחייב — זאָל ער זיך דאָ שוין האָבן שלעכט פאַרגאַנגען; און ער האָלט שוין אָפן די אויגן, זוכט גוט דעם ריכטיקן וועג, זוכט אים צו דערקענען אָן די ביימער, אָבער וואָס מער ער גייט און זוכט, — זעט ער אַלץ ווייניקער און ווייניקער, פאַרדרייט ער זיך אַלץ מער אין זייטיקע וועגלאַך, פאַרפּלאָנטערט זיך צווישן געדיכטע ביימער, וואָס זיינען אָן אָן אָנהייב און אָן אָן אויסלאָז...

אַזוי בלייבט ער שוין דאָ שטיין, און דערפילט ווי דער וואַלד האָט אים אַריינגענומען אין זיין טיפקייט; און פאַרשטייט ערשט, נאָך אַזוי פיל מאָל גיין אין אים, — אַז דער וואַלד איז אויך טיף, ברייט און קען פאַרנאַרן... דורך די צווייגן

קוקט אריין דער הימל — א רויטלאכער הימל ; די זון זעצט זיך שוין, און ער ווייסט נישט וואו איין, וואו אויס...

ער פארנעמט זיך ערגיץ אנדערש ; וואו, ס'דוכט זיך אים, די ביימער זיינען שיטערער און אז ער וועט זיי גיכער קענען אדורכגיין, ארויסקומען אויפן פעלד, און מיטן פעלד גיכער ווען אמאל אנקומען צו א ישוב, און זיך דערפרעגן אהיים, — אבער אזוי ווי ער גייט נאר אפ א שטיקל וועג, ווערט דארט זייער געדיכט, ביימערדיק, און כמעט פינסטער ; איז שוין גאר אויף יענעם ארט קיין טאג נישטא: לויטער נאכט. און א שרעקלאכע חשכות...

אזוי זעצט ער זיך אראפ צו א ווארצל פון א בוים, לאזט אראפ דעם קאפ צו דער ערד, מאכט צו די אויגן, טראכט מיט גרויס הארצווייטאק :

— ער האט פארבלאנדזשעט אין ווילדן װאלד אליין... אין װאלד אליין...

און דערהערט דא א זיס געזאנג : לכו נרננה זינגען, ווי אידן וואלטן ערגיץ נאענט פון אים מקבל שבת געוועזן ; מאכט ער גיך אויף די אויגן, קוקט זיך ארום, און זעט אז אלטן איד מיט א ווייסע זילבערנע בארד, און טראכט זיך אודאי : אליהו הנביא... זיינע אויגן לייכטען אזוי, און דאס פנים בלענדט אים ווי די זון אין הימל, אז מ'קען נישט אריינקוקן דארין ; און איידער ער וויל נאך עפיס פרעגן, זאגט שוין דער אלטיטש־קער צו אים :

—וואס זיצסטו דא, מען איז דאך שוין מקבל שבת !...

— וואו ? — פרעגט ער אים.

— קום, וועל איך דיר ווייזן, — זאגט דער אלטער.

עטלאכע טריט ער פירט אים, און ער קומט באלד אריין אין א העל באלויכטן הויז ; אין דער שטוב געפינט זיך א שפארער עולם ; זיידענע און אטלאסנע קאפאטעס בלאנקען אראפ פון זייערע לייבער, סויבעלנע שטריימלאך פון די קעפ, —

און דאָס דאַווענען זייערס האָט אַזאַ זיסן טעם, ער האָט נאָך אַזאַ מין דאַווענען נישט געהערט; אַזעלכע ליכטיקע, ווייסע קולות גייען אַרויס פון זייערע מײַלער, אַזוי ווי פון זילבערנע שופרות...

נאָכן דאַווענען גייט מען באַלד אַרײַן אין אַן אַנדערע שטוב, וואו די ווענט זײַנען פון טײַערן מירמלשטיין — און דאָ איז שוין געטישט מיט כּלערליי מאכלים טובים, אויף זילבערנע טע־לער, מיט גאָלדענע גאָפּל־מעסער; מ'זעצט זיך צו די טישן און מען זינגט זמירות, — מלאכים זינגען אפשר נישט שענער פאַר קודשא בריך־הוא; אַז די לאָמפּן גייען אויס, די ליכט פאַר־לעשן זיך, נעמט אים דער אַלטיטשקער — אליהו הנביא, מסתמא, — פאַר אַ האַנט, און זאָגט צו אים:

— קום, אַז דו האָסט שוין יאָ זוכה געווען צו זײַן דאָ בײַם לעבן, — וועל איך דיר ווײַזן די איבעריקע שטובן פון דעם היכל: דאָס גרויסע גלוסטיגקייט פון מענטשנס מעשים טובים, ווי שיין זיי זײַנען...

און ער באַווײַזט אים...

איין שטוב נאָך דער אַנדערע, וואָס זײַנען אויפגעבויט דורך די ליכטיקע ווענט פון בין־אָדם, — ווי שיין ס'לײַכטן די ווענט, און באַלײַכטן די וועלט; און ווי די פינסטערע חדרים, אָפּגעריי־סענע ווענט אין סמאָלע אויסגעשמירט, וואָס זײַנען אַזוי חושך ווי די אויגן בײַ רשעים...

איין שטוב זעט ער, וואו די ווענט שטייען נישט, ליגן נישט, רוען נישט און פליען נישט, בלויז רויך, — דאָס זײַנען ווענט פון די קולות, וואָס גייען אַרויס פון שופר; אין אַנדערן חדר זעט ער שטיין קעסטלאַך... פילע חדרים מיט קעסטלאַך אָנגעשטעלט... פון באַלקען ביז אַראָפּ־צו די ווענט, פול־פול קעסטלאַך...

פרעגט ער:

— זיידע, וואָס איז אין די קעסטלאַך?...

זאָגט דער אַלטיטשקער:

— וואַרט צו, וועל איך דיר ווײַזן...

און ער מאַכט אויף פאַר אים איין קעסטל, גיט אַ שפּאַר אַרויס אַ ליכטיגקייט פון דאָרטן, אַז ס'פאַרנעמט ס'אויג; און ביי אַן אַנדער קעסטל, ווידער, אַז ער מאַכט אויף — קומט אַרויס אַ פינסטערניש, אַ וויסטע...

פרעגט ער ווייטער:

— זיידעשי, וואָס איז מיט די קעסטלאַך, וואָס פון אַ טייל לייכט אַרויס, און אין די אַנדערע, איז אַזוי חושך?...

זאָגט דער אַלטיטשקער:

— דאָ זיינען די מזלות; ליכטיק זיינען זיי ביי איינעם און חושך ביים אַנדערן, ווי וועמענס מזל ס'איז באַשערט...

גייט אים דאָ אַריין אַ מחשבה אין קאָפּ, און ער שטעלט זיך איין צו פרעגן:

— זיידע, אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך אפשר אויך גע־קענט זען מיין מזל?...

גייט מיט אים דער אַלטיטשקער דורך אַ סך שטובן מיט קעסטלאַך, און זוכט... נעמט אַראָפּוואַרפן פון אויבן, פון די זייטן, אַרויסגראָבן פון דערמיטן, ביז ער דערשלאָגט זיך צו אַ קעסטל, זיין קעסטל, אינווייניק ליגט זיין מזל; אים קלאַפּט נישט ווייניק ס'האַרץ, און ביז ער דערלעבט שוין די רגע, דאָס קעסטל ווערט אויפגעמאַכט — גיט זיך אַ שפּאַר אַרויס פון דאָרטן אַ שרעקליכער ריח; אַן אויר, ווי ביי מצורעים, וואָס זייערע לייבער ווערן ביי זיי אָפּגעפוילט ביים לעבן... זיי טאָרן גאָר נישט זיין צווישן מענטשן נאָר מחוץ למחנה...

פרעגט ער אַ דערציטערטער:

— איז מיין מזל אַזוי שוואַרץ?... ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין?... דער טאַטע איז אַזוי רייך, און ער גיט מיר אוועק זיין גאַנץ עשירות?...

זאָגט דער אַלטיטשקער:

— ס'איז גאָרנישט; דער טאַטע מעג דיר מיטגעבן די

גאנצע וועלט מיט אבנים טובות, און אויב ס'איז דיר נישט באַ־שערט, וועט ער דיך מיט גאָרנישט באוואָרענען...

טראכט ער ווידער א ווײַלינקע, און זאגט :

— זיידע, אפשר איז דאָס מזל פון מײַן זיווג ליכטיקער?... לאָמיך זען איר מזל?...

נעמט דער אלטיטשקער ווײַטער ווארפן די קעסטלאַך; גראָבט זיך אין מיטן, פון פאָרענט, פון הינטן, צווישן די זײַטן, — ביז ער קריגט ארויס א קליין פארשטויבט קעסטעלע, און מאכט עס אויף, — אזוי גיט זיך א וואָרף א ליכטיקייט אין די אויגן, אז ס'ווערט ליכטיק אין אלע חדרים...

דערפרייט ער זיך, אבער בלײַבט באַלד אראפגעפאלן :

— ווי אזוי, זיידעשי, וועל איך וויסן וועד ס'איז מײַן ריכ־טיקער זיווג?...

בלײַבט דער אלטיטשקער אליין פארזאָרגט ; קלערט א ווײַלע, און גייט מיט אים אין א פריש חדר וואו ס'שטייען שפיגלען אין די ווענט ; אזעלכע שפיגלען — נישט וואו מ'זעט זיך אין דער מינוט, ווען מ'קוקט אריין, נאר — ביז'ן סוף פון די לעצטע טעג...

און זאגט אים :

— דײַן זיווג זע איך אין דײַן שטאָט ; זי קומט יעדן פרײַטיק פארנאכט צו ליכט צינדן צווישן די ארימע לײַט. אויסבעטלען עפּיס אויף שבת... זי איז א יתומה, גייט אָפּ־געריסן, און דווקא נישט קיין שיינע, — איר זאָלסטו זען צו נע־מען...

— — — — — — — — — — — — — —

צו מאָרגנס, נאָך שלש סעודות, נעמט אים דער אלטיטשקער, און פירט אים ארויס צום וועג, — אין גאנצן עטלאכע טריט, אזוי לײַכט געווען, דוכט זיך, צו טרעפן, אז ס'קומט אים

אוים : אזוי ווי ס׳וואלט גאר נישט מעגלאך געוועז צו פאר־
בלאנדזשעו...
און באלד איז ער אין דער היים, ביי טאטע מאמע.

ביים גביר, אז זיין זון איז פרייטיק ביז ליכט־צינדן נישט
געקומען אהיים, איז געווען א פארשטערטער שבת. האט א האל־
בע שטאט זיך ארויסגעלאזט אים זוכן.

אנדערע ווידער זיינען צוגעשטאנען צום גביר און אים
פשוט געזידלט :

— גוואלד געשריגן, אזא וואלד, און א שיעור׳דיקן וואלד, און
מ׳לאזט א קינד גיין אליין, אן איינציק שטיקל קינד ?...

און אויף צו מארגנס ביינאכט, אז מ׳האט אים דערלעבט
צו זען, דעם בן־יחיד, און די אויגן האבן אויפגעהערט קריכן
פון קאפ, האט מען אים ארומגעכאפט מיט א גרויסע גדולה,
און זיך צוגעזאגט :

— שוין... מ׳לאזט אים שוין מער פון דער ישיבה נישט
אהיימגיין, ער זאל בלאנדזשען ; פרייטיק אין דער פרי שיקט
מען א פור, זי זאל אים ברענגען גלייך אין שטוב אריין...

און יעדן פרייטיק באגינען, נאך דעם דאזיקן מאל, ווייסט
שוין דער בעל עגלה אז ער דארף נאך אים פארן מיט די בעסטע
פאר פערד.

און ער ווידער, דער זון. אז ער קומט פרייטיק אחר הצהרים.
אריין אין שטוב, און בייסט עפּים איבער, אזוי שטעלט ער זיך
גלייך אוועק אין דער קראם קוקן אויף די ארימעלייט, וואס גייען צו
דער מוטער נעמען אויף שבת ; ס׳גייען אלטע, חושך׳דיקע
אידן, אפגעריסענע ווייבער, און צווישן זיי אויך דאס דאזיקע
מיידל, — א חושך׳דיק קינד, א פארדארטע, הויט און ביין,
נישט אנגעטאן און נישט פארקעמט, און ס׳פארקלעמט אים ביים
הארץ :

— דאָס דאָזיקע מיידל איז זיין זיווג, און איר מזל לייגט אַזוי העל ?...

מ'הייבט אים אָן ריידן שידוכים, דעם זון, — מען קומט פון די גרעבסטע מקומות, רבי'שע הויפן, מען וויל אים פון אומע־טום האָבן : יחוס און געלט, תורה וגדולה במקום אחד... און ער שטייט איז קראָם, קוקט פרייטיק אויף די אָרימע לייט און היט אָפּ דאָס דאָרע מיידל, גייט איר נאָך טיילמאָל אַ גרוים שטיק וועגס, ביז זי קומט אויס דער שטאָט אַרויס, שטעלט ער איר אָפּ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ :

— אַזוי ווייט, מיידעלע וואוינסטו, און גייסט צו מיין מאַ־מען נאָך אַ חלה ?...

דאָס מיידעלע פאַרשעמט זיך :

— אַז די מומע וואוינט אַזוי ווייט, וואָס זאָל איך טאָן ?...

— וואָס וואוינסטו עפּיס ביי דער מומע ? — נעמט ער איר חוקר ודורש זיין...

— ווייל כ'האָב נישט קיין מאַמע...

— און וואו האָסטו דיין טאַטן ?...

— אויך שוין געשטאָרבן...

מ'הייבט אָן צושטיין צום זון : ער זאָל זיך נישט אויס־דרייען, און גרייטן צו פאָרן אויף תנאים, — מאַכט ער זיך כלא יודע, נישט אים מיינט מען; און גייט זיך נאָך די טריט פון דעם מיידל, יעדן פרייטיק, און שטעלט איר שוין נאָכדעם מער דרייסטער אָפּ, זאָגט צו איר איינמאָל :

— נאַ דיר עפּיס געלט און קויף דיר אַ קליידל, ס'איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, דו זאָלסט גיין אַזוי אָפּגעריסן...

און אַנדערט מאָל :

— נאַ דיר געלט, און קויף דיך אַ פּאָר שיך, מ'זאָל דיינע פיס נישט אַרויסזען...

און דאָ שטייט מען אָלץ מער־צו צו אים, און מ'פּייניגט אים :

— וואָס איז מיט דיר, וואָס דו ווילסט נישט קיין חתן ווערן?...
שוין אַזוי אויך געוואָרט צו לאַנג, געברויכט חתונה האָבן צו דרייצן יאָר; דו ביזט בר־מצוה געוואָרן, — דיר געדאַרפט אָנטאָן אַ טלית...

ענטפערט ער כסדר מיט אַ האַלב מויל; און אַז די מו־טער הייבט אָן צו וויינען:

— כ׳ווייס שוין קיין תירוץ נישט פאַר די שדכנים.

זאָגט ער:

— ער וויל נישט קיין געראַדטן שידוך...

שטעלט מען אויף מויל און אויערן:

— וועמען דען ווילסטו?...

זאָגט ער, כמעט פאַרביטערט:

— דאָס מיידל, וואָס קומט פרייטיק פאַרנאַכט צו ליכט־צינדן — מ׳זאָל אים געבן, זי איז זיין באַשערטע...

ווערט חושך אין שטוב; דער טאַטע לאָזט אַראָפּ די ברעמען, נעמט שרייען, — מעשה פאָטער, און די מאַמע זיך ברעכן די הענט; פּרובט מיט טרערן אין די אויגן אים אײַ־בעררײדן:

— ווי האָט דיר אַזעלכעס נעקענט גאָר קומען אין קאָפּ אַריין?...

האַלט ער זיך פעסט ביי ס׳זייניקע: און ס׳איז אים נישט אָראָפּצופירן; שווייגט מען דערווייל פאַר דער וועלט, און ווי לאַנג מ׳עוסק׳ט זיך אין דער שטיל, מ׳שלאָגט זיך דאָ קאָפּ אין וואַנט — גייען די שדכנים און שלאָגן אָפּ די טירן:

— וואָס ס׳איז די מעשה?... אַז מ׳האָט די כלה שוין געזען, און פון נדן איז אויך נישטאָ קיין טענה, — וואָס האַלט אָפּ פון צונויפפאָרן זיך אויף תנאים?...

דער בחור ווידער זעט: מ׳פאַרשווערט אים ס׳לעבן, און אַז ער וועט אין דער היים גאָר נישט אויסנעמען מיט זיין כלה; ווייסט: טאַטע־מאַמע וועלן זיך גיכער לאָזן אַ מיתה אָנטאָן

איידער אים פירן צו דער חופה מיט דעם מיידל, אזוי נעמט ער דאָס מיידל און גייט מיט איר אוועק אין דער וועלט אריין; גייט איבער שטעט, ביז ער קומט אזוי ווייט און אויף אזא אָרט, וואו מ'ווייסט נישט מער פון זיין טאַטנס נאָמען, פאַר־פאָרט ער צו אַן אַרענדאַר, רופט צוזאַמען אַ מנין אידן, און מע מאַכט חופה וקדושין...

בלייבט דאָ אויך איבער אויף שבעת ימי המשתה, און פרייט זיך מיט זיין יונג ווייב; און כאָטש ס'האַרץ איז אים זייער פאַרביטערט אויף די טאַטע־מאַמע, — מאַכט ער זיך ס'האַרץ פאַר אַ שטיין...

דערוויי̈ל זעט דער אַרענדאַר ווי דער יונגערמאַן זיצט און לערנט אזוי שיין, זיין קול איז זיס, און ס'פּנים לייכט אים, איז ער זיך מיישב, אַז קיין קינדער האָט ער נישט, — און זאָגט צו אים:

— ווייסט, יונגערמאַן, דו געפעלסט מיר זייער, און כ'קלער דיך נישט מער אוועקצולאָזן; דו בלייבסט ביי מיר, כ'וועל דיר געבן עסן און טרינקען, און דו וועסט אומגיין מיטן דאָרף...

זאָגט דער יונגערמאַן:

— גוט, נאָר וואָס וועל איך האָבן דערפון?...

זאָגט דער אַרענדאַר:

— וואָס ס'וועט צוקומען, און זיך נתרבה זיין — וועסטו האָבן, איך וועל מיר קיינמאָל נישט מער מאָנען, ווי איך גיב דיר אוועק...

באַשטייט דער יונגערמאַן, און בלייבט מיטן דאָרף; מ'ציילט אים צו אזוי פיל שטיק: קי, אזוי פיל אָקסן, שעפּסן, פערד, און מחשבונ'ט אוים: וויפיל דאָס פעלד ברויך געבן תבואה, און דאָס איבעריקע זאָל געהערן צו אים...

ס'ווערט אזוי געמאַכט אַ שטר...

בלייבט זיצן דער יונגערמאַן דאָ, און לערנט; און ס'ווייב זיינס, וואָס ביי איר איז ס'מזל אין דער האַנט, גייט אַרוים צו

די קי, און קוקט זיך אום אויף די פעלדער; און אַזוי ווי די בהמות, די פערד, די קי, און די שעפסן דערזעען איר — אַזוי הייבן זיי זיך אָן מערן און מערן, אַז אַ שיעור, און אַז אַ צאָל, און איבער די פעלדער וואו זי גייט, נעמט וואַקסן מיט מזל־ברכה...

אַזוי, אַז איבערן יאָר איז דאָ עטלאַכע מאָל טאָפּלט פערד, עטלאַכע מאָל טאָפּלט קי; באַווייזט נאָך נישט זיי אַלע צו פאַר־קויפן, און ס'קומען שוין אונטער פרישע; און אויף די פעלדער איז אַזאַ גערעטעניש, דאָס ס'איז נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן מיט די תבואות... די שפּייכלער, די שייערן זיינען ענג... מ'מוז צובויען נייע שפּייכלער... אויפשטעלן נייע שטאַלן...

אויפן אַנדערן יאָר — נאָכמער; דער יונגערמאַן שאַרט אַריין דאָס גאָלד צו זיך; דאָס דאַרף וואָס איז פריער געווען אַזוי מאָגער און ס'האָט נישט אויסגעוויזן, ס'זאָל קענען מפרנס זיין אַלעמען, איז געוואָרן ווי אַ פעטע קי וואָס לאָזט זיך גוט מעלקן...

און אַז מ'גייט זיך שפּעטער באַרעכענען, ווייזט זיך אַרויס, — דער יונגערמאַן האָט מער פאַרן אַרענדאַר.

אַז דער יונגערמאַן האָט אַזוי עולה־לגדולה געווען, שוין געהאַט זיין אייגן דאָרף, — האָט ער ערשט אָנגעהויבן זוכן טאַטע־מאַמע, זיי זאָלן קומען זען זיין עשירות; זיך גענומען נאָכפרעגן ביי מענטשן וואָס קומען און גייען איבער דער וועלט, און צום סוף זיך אַוועקגעלאָזט אין דער שטאָט, אַהיים, — האָט מען אים דאָרטן געזאָגט:

— ווער?... דער גביר?... ער איז שוין לאַנג פאַראַרימט געוואָרן, נאָכדעם ווי זיין זון איז פון אים אַוועק, — און גע־מוזט אָנקומען צו בעטלברויט...

האָט אין אים ס'האַרץ זייער געוויינט, וואָס ס'איז זיי אַזעל־

כעס צוגעקומען, און זיך פילנדיק אַ שטיק שולדיק, — אַ נדר געטאָן:

— ר׳וועט נישט רוען, ביז ער וועט זיי אָפּזוכן...

דערצו האָט ער געלאָזט וויסן, דאָס אַלע אָרימעלייט וואָס וועלן קומען צו אים, — וועט ער מיטגעבן פון אַ קי, אַ קעלבל, וואָס ס׳זאָל נישט זיין, ווייל ס׳מערט זיך ביי אים אַזוי פיל קיין עין־הרע, דאָס ער האָט זיך נישט וואו אהינצוטאָן דערמיט; פאַר־שטייט זיך, אַז ס׳האָבן אָנגעהויבן קומען אָרימעלייט כחול־הים, און ער האָט נישט בלויז געהאַלטן וואָרט, געטיילט קי, אָקסן, קעלבלאַך, נאָר געזאָגט:

— אויב איר ווייסט פון גאָר, שיקט זיי אהער, — ס׳וועט פאַר קיינעם נישט אויספעלן; כ׳האָב אַזוי פיל, אַז כ׳וועל קיינמאָל נישט מיד ווערן צו טיילן...

און איינמאָל טאַקי, אַז ער איז אַרויס אין דערפרי באַ־געגענען אַ מחנה אָרימע לייט, וואָס האָבן זיך געשטופּט מיט האַרצקלאַפּונג צו די טירן, — האָט ער זיי דערזען, די טאַטע־מאַמע זיינע, צווישן אַלע אביונים...

האָט אים פאַרקלעמט ס׳האַרץ, און גענומען וויינען:

— טאַטע, דו דערקענסט מיך נישט?...

און די מוטער איז אים געפאַלן אויפן האַרצן:

— ביזט דו דאָס, מיין קינד, אַזוי רייך?...

און ער האָט זיי אַריינגענומען אין זיין שטוב מיט גרויס פרייד, זיי געוויזן דאָס ווייב, ווי פון דעם קליינעם דאָרן מיי־דעלע איז געוואָרן אַזאַ שיינע בת־מלכה, אַז מ׳קען אין איר פּנים נישט אַריינקוקן...

האָבן זיי זיך נישט געוואָלט צו גלייבן:

— דאָס איז דיין ווייב?...

האָט ער געלאַכט:

— דורך איר מזל, מאַמע, בין איך צו דעם אַלעם געקומען; און כ׳האָב דערפאַר נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין אַנ־דערע, ווייל כ׳האָב געוואוסט, זי איז מיין באַשערטע...

גלגולים

אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַ איד, דער איד האָט געהאלטן די פּאַכט ביים פּריץ, און אים פאַר איר געצאָלט כך וכך, צו דער מינוט צו דער רגע; האָט זיך געמאַכט אמאָל, אַ קי איז געווען נאָכן אָפּקעלבן זיך, און אַן אַנדערע — סתם חולה, און זיי האָבן ווייניק געגעבן מילך; און דער איד האָט אַזוי גיך נישט געקענט אַריינטראָגן ס'געלט צו דער מינוט און צו דער רגע, האָט שוין דער פּריץ אים געלאָזט שיקן רופן, און איבער'ן געמאַכט געוואַלטן:

— דו וועסט מיר נישט געבן ס'געלט, וועל איך דיך הייסן שמייסן...

און נישט געוואָלט אָנעמען קיין שום תירוצים פון אים; דער איד, דער פּאַכטער, האָט אָבער פּאָרט נישט געהאַט פון וואַנעט צו נעמען, און אים צו געבן; האָט ער זיך כאָטש געוואָלט אָנבעטן:

— ער זאָל נאָך וואַרטן אַ קליין שטיקל צייט, דער פּריץ...

און דער פּריץ, אַ גרויסער היצעל, אַ פאַרברענטער רשע, איר שפּילט זיך מיט די פּאַרצייטיקע פּריצים!... — האָט ער געלאָזט אויסגראָבן אַ גרוב, און געהייסן דאָרט אַריינוואַרפן דעם איד מיטן בני־בית, זיי זאָלן כאָטש אויסגיין פאַר הונגער...

און נאָך אָוועקגעשטעלט אַ שומר, היטן:

— זיי זאָלן אפילו נישט קענען אַנטלויפן, און אַזויערנאָך ניצל ווערן פון טויט...

האָט דער איד און דאָס ווייב מיט די קינדער געשריגן און געוויינט עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד, ביז זיי זיינען געפאַלן צו דער ערד, געבליבן ליגן מאַט, אָן כחות, און אָפּגעוואַרט אַלע

אין איינעם, ביז דער טויט וועט קומען, צו איינעם פריער, איינעם — שפעטער, און ביי זיי די נשמה צונעמען..

און געקומען איז דוקא נישט דער טויט, אזוי ווי ס׳האָט איינגנטלאך באַדאַרפט זיין; נאָר אן אַלטער פויער, וואָס האָט פון דעם אייגענעם איד טובות געהאַט, און אים געוואָלט איצט אָפּצאָלן דערמיט, וואָס ער וועט אים אַרויסנעמען פון גרוב ;דער צו האָט ער זיך געזעצט טרינקען מיטן שומר, זיך כלומרשט לוסטיק מאַכן איבער די שטומע, פאַרשווינגענע נפשות, וואָס גוסס׳ן אינווייניק ; און אזוי גיך ווי דער שומר האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און געבליבן ליגן טויט שיכור, — האָט ער אויפגע־מאַכט ס׳גרוב און אַריינגעשריגן :

— איר לעבט ?... וועל איך אייך צונעמען פון דאַנעט...

און תוך כדי־דבור זיי געכאַפּט אויפן וואָגן, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט ; האַלב טויטע, פאַר׳חלש׳טע, — זיך געלאָזט פאָרן מיט זיי אין דער וועלט אַריין ; געטריבן און גע׳הרג׳עט די פערד, — כדי להמית ; ער האָט נאָך געוואָלט זיין אין דער היים באַגינען אין דאָרף, מ׳זאָל קיין חשד נישט האָבן אויף אים ; און די אידן ווידער, געמוזט ברייננען איבער דער גרעניץ, — דעם פריץ׳ס כעס זאָל זיי מער נישט קענען נאָכיאָגן און טרעפן...

אַ מהלך וועגס זיינען די נפשות אזוי געלעגן אויף דער פור, זיך נישט צוגעלייבט אַז זיי פאָרן ; מורא געהאַט צו רירן, און געשלונגען די טרערן פון גרוים פרייד, ביז דעם איד׳ס ווייב האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ בראָך אַרויס מיט אַ גרוים געוויין :

— דוד׳ל, איר קינד איז נישטאָ ; זי האָט אים אין איילע־נעניש געלאָזט אין גרוב... נישט מיטגענומען...

האָט זיך די פור אָפּגעשטעלט, און דער פויער האָט מער נישט ווי געקענט צוזען דאָס צער פון דער מוטער, וואָס האָט זיך אויסגעקנייפּט שטיקער פלייש פון די באַקן, ווילד געוויינט, און ס׳פנים איז ביי איר שוואַרץ געוואָרן ווי קויל :

— לאָמיר צוריק, צוריק כאַפּן ס׳קינד...

— כ׳קען גאָרנישט טאָן, — האָט דער פּויער איד באַ־דויערט, — דאָס איינע, וואָס איך וועל איילן צו קומען באַ־צייטנס אהיים, מיך איינשטעלן פאַר אים, מ׳זאָל אים חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן, און ווי ווייט מעגלאַך נעמען צו זיך אַ היים...

און געגומען טרייבן די פערד, ווייטער אוועק פונם דאָרף, וואו זי האָט געלאָזן דוד׳לען איר קינד אין גרוב...

פאַרטאָג, דער שומר האָט זיך אויסגעניכטערט, און ער הערט נישט מער קרעכצן פון גרוב. אַזוי מיינט ער: זיי זיינען שוין אויסגעשטאָרבן אודאי, און ער מעג אוועקגיין... און פאַר יוצא וועגן, נעמט ער אוועקשאַרן דאָס ברעט, געבן אַ קוק מיט די אויגן, אַזוי זעט ער מיט גרויס שרעק, דאָס גרוב איז ליידיק... בלויז איין קליין בלאַס אינגעלע ליגט און שלאָפט... אַזוי לויפט ער גיך אוועק צום פּריץ, פאַלט אים צו די פיס:

— אדוני פּריץ, דער איד איז נישטאָ אין גרוב; ער איז אוועקגעקומען; בלויז אַ קליין אינגל זיינס ליגט און שלאָפט...

מאַכט זיך נישט דער פּריץ פון אים; אָן עסק האָט ער מיט אַ איד; ער וועט זיך אפשר גיין יאָגן מיט אים?...

— און דאָס אינגל? — פרעגט דער שומר — וואָס טוט מען דערמיט?...

— לאָזן ליגן אין גרוב, ביז ס׳וועט פּגר׳ן...

טרעט אַרויס דער פּויער, וואָס האָט דעם איד מיטן ווייב ביינאַכט אוועקגעפירט, און זאָגט צום פּריץ:

— דאָס אינגל איז דאָך ראשית, נישט דער איד, און וועט דאָך, אַז מ׳וועט אים אַרויסנעמען, מער קיין איד נישט זיין; ער וועט זיך כאַווען מיט די קי אין די שטאַלן, גיין מיט אַלע פּאַראָבקעס צונלייך צום גלח, חתונה האָבן פאַר אונזערס אַ טאָכ־

מער, און אפילו נישט וויסן ביזן טויט אַריין, אויב ער איז נישט אַזעלכער געבוירן געוואָרן, ווי ער וועט זיין...

באַשטייט דער פּריז ; און דאָס אינגל ווערט גענומען פון גרוב אינם פּריז'ם שטאָל אַריין, כאַוועט זיך דאָרטן לייטיש, וואַקסט אַ ריינער גוי, אַ פּאַראַביק... טרייבט די קי אויף די פעלדער... און גייט שוין שפּעטער אויך אַרויס שניידן ס'היי... פירט עס אַראָפּ אין די שאָפּעס... און ווייסט אפשר נישט — אַז ער איז אַנדערש פון די פּאַראָבקעס, מער פון די אַלע פּויערים וואָס גייען זונטיק אין דער קליינע הילצערנע פּאַראַפיע; ער שלאָפט אָנגעטאָן דאָס צלמ'ל אויפן האַלז, און האָט, נאָך אַלעם, אויסצושטיין גרויסע געברענטע צרות פון די שקצים ; ליגנדיק אין די פעלדער פאַרנאַכט, הערט ער נישט מער ווי מ'רופט אים :

— בענקאַרט... איבערגעשניטענער.. מ'האָט דיך געפונען הינטער אַ פּלויט...

און ס'בלוט ווערט אין אים געזעצט ; ער גיט זיך נישט איינמאָל אַ פאַרטראַכט, אַ טאַפּ אַן ס'פּנים, — ס'איז נישט ס'אייגענע פּנים ; זייערע פּנים'ער זיינען גראָב, צעריסן פון דער זון, די ליפּן אויפגעשיילט, און די האָר ליגן גלייך אין די אויגן אַריין ; זיין פּנים איז דאָך פיינער, און די האָר — שוואַרץ, קרייזלען זיך ווי אויף אַ פּעלכל פון אַ יונג באַראַנדל...

דאָס טראַכט ער בלויז, און ריידן רעדט ער נישט ; מיט וועמען ?... אַז קיין טאַטן האָט ער נישט, אַ מאַמן אויך נישט, — בלויז די שטאָל ; און דער אַלטער פּויער, וואָס זעצט זיך נאָך אַמאָל אַוועק מיט אים הינטער אַן אַלטן בוים, ביים וואַסער.. און ער אויך שווייגט... זאָגט גאָר נישט....

און אַז די שקצים טוען אים אָן אַלץ מער צרות, אַזוי הייבט ער אָן גלייבן אין זיך, — אַז נישט, ער איז נישט בלויז דאָס אייגענע פון דרויסן, נאָר אפילו פון אינווייניק אויך אָפּגעפרעמדט פון זיי ; די דאָזיקע שקצים זיינען נישט זיינס גלייכן ; די

קליינע פּאַראַפּיע שרעקט אים נישט אַפּ אַזוי ווי זיי ; דאָס גלח׳ל וואַרימט אים נישט מיט די תּפילות זיינע ; ס׳איז אים ווייט דאָס בעטן, די תּפילות... ווייט פון אַלעם, און אַנדערש...

ער איז וואָס אַ טאָג געוואָרן מער אָפּגעפרעמדט פון די פּאַ־ראָבקעס ; פון זיך זעלבסט זיך דערווייטערט, און גענומען גיין אַליין ; עסן מיט זיי, און זיך אָפּקערן ס׳פּנים ; שלאָפן מיט זיי און אויפשטיין אַן אַנדערער ; אַרויסגיין אויפן פעלד, פּאַשען די קי און זוכן עפּיס אין די הימלען... אויף דער ערד... אין די הייזלאַך, אויב זיי האָבן אים נישט צו דערציילן גאָר... אָפּזיצן מיטן פּויער, וועלכער האָט אַזוי גוט געוואוסט, ווי ביים יונג רייסט זיך עפּיס, מורא׳דיק, דאָס אידישקייט... וועלכער האָט זיך סוף־כל־סוף פאַר אים אַראָפּגערעדט פון האַרץ :

— דו ביזט נישט אונזער בלוט...

— און ווער ס׳איז מיין טאַטע, ווייסטו ?... — קוקט ער אויף אים.

— דיין טאַטן האָב איך אַרויסגענומען פון גרוב, וואו דער אַלטער פּריץ, דעם יונגנס פאָטער, האָט אים אַריינגעוואָרפן, ער זאָל שטאַרבן...

— וואו האָסטו אים אַהינגעטאָן ?... — קוקט אויף אים דער יונג, אַ דערשראָקענער.

— אָפּגעשטעלט איבער דער גרעניץ אין אַ פרעמדע מדינה...

האָט אים אָנגעהויבן גליען דער קאָפּ, דעם יונג ; די ערד צו בריען אונטער די פיס ; אויפגעהערט עסן ; שלאָפן ; אין יעדן שטיקל שלאָף זיך אים גענומען ווייזן די געשטאַלטן פון די טאַטע־מאַמע, וואָס ער האָט זיך בייטאָג אויסגעטראַכט פון קאָפּ, און פאַרגענומען, אַז זיי ברויכן אַזוי אויסזען...

און איינמאָל ביינאַכט, ווען ער האָט שוין לענגער נישט געקענט איינלינן אויפן געלעגער, — איז ער אויפגעשטאַנען, און

זיך געמאכט ס׳פעקל, אין וועג אריין; נאר פארן אוועקגיין,
— אפגעטראטן ביים אלטן פויער, און צו אים געזאגט:
— דו האסט מיין טאטע־מאמע ס׳לעבן אפגעראטעוועט,
זאג מיר כאטש ווי זיי האבן געהייסן, איידער כ׳גיי אוועק פון
דיר, און נישט זען מער קיינעם, וואס ווייסט עפיס פון זיי צו
זאגן ...

האט ער אים אויפגעשריבן דעם נאמען פון זיין טאטן ווי
ער האט געהייסן; און דעם נאמען פון זיין מאמען, ווי זי האט
געהייסן; און מיט די נעמען זיך געלאזט גיין אין דער וועלט
אריין...

ער איז אנגעקומען אין א שטאט, ס׳ערשטע מאל געזען אידן, —
איז ער אוועק צו זיי אין זייער בית המדרש, און זיך אוועקגע־
זעצט; לכתחילה געבליבן אפגעשראקן פאר די בחורים און
יונגעלייט, וואס ער האט אנגעטראפן דא זיצן און לערנען אויפן
קול...

דער שמש, אזוי ווי ר׳האט געזען אן ערל, איז ער צוגעגאנגען
אים זאגן, אז ס׳איז נישט דא קיין ארט פאר אים: אבער
ער, לא־די וואס ער האט זיך נישט אויפגעהויבן, נאר גענומען נאך
דרייען מיט דער צונג, אז ער וויל דא בלייבן, אין בית המדרש,
ווייל ער איז א איד...

האבן זיך אלע אים ארומגעשטעלט, און ער האט באלד געהאט
ס׳גאנצע בית־המדרש ארומשטיין נעבן זיך; געזען א גוי, א
פארגרעבט פנים, קען קיין אידיש נישט; און די אויגן זאגן
אויס: ס׳איז קיין ליגן נישט... ער טראכט זיך דאס נישט פון
קאפ ארויס... אידישע אויגן... דאס שווארצע פייערל...

מ׳פרעגט ביי אים:
— פון וואנעט ער קומט?
זאגט ער:

— פון דאָרף.
— וואו ער האָט זיך אויפגעכאַוועט ?
— דאָרטן, צווישן פויערים...
— ווער זיין טאַטע־מאַמע איז ?
ווייסט ער נישט ; לאָזט מען אים איבערבלייבן אין בית־המדרש ; מ׳וועט אים נישט אַרויסטרייבן ; אַ נוץ האָט פון אים דער שמש ; פאַר דער עברי, וואָס ער לערנט מיט אים, — האַקט ער האָלץ, מאַכט פייער אין אויוון, און טראָגט וואַסער... קערט אָפּ דעם הויף, און טוט נאָך אַנדערע גראָבע זאַכן...
ער לערנט עברי, און שלינגט איר אַריין אין זיך ; דער שמש קוקט אויף אים ווי אויף אַ בייז וואונדער ; ער קען אים גאָר נישט אַזוי דעריאָגן, ווי דער חברה׳מאַן לויפט... לויפט אים אַריבער, נעמט גיך איין די עברי, דאָס דאַוונען, תהלים, חומש־רש״י, און כאַפּט זיך שוין צום טיש, וואו מ׳זיצט און מ׳לערנט, און גיט דאָרטן אַ קוק אַריין ; האָרכט דערווייל מיט איין אויער, און לערנט דערנאָך מיט מיט אַלע בחורים צוגלייך; לערנט גמרא מיט׳ן קנאַק... און זיין קול וואָס איז ערשט געווען אַזוי גראָב, איז שוין אַזוי אויסגעאיידלט, זיס, מלא חן... ס׳פאַרנעמט דאָס גאַנצע בית־המדרש...
און ביז מ׳קוקט זיך אַרום, זיצט ער אויבנאָן, ביים ראש־הישיבה, און זיין קול איז דאָס איינציקע קול שוין, וואָס זינגט אַרויס נאָך דער האַלבער נאַכט פון בית המדרש, נאָכדעם ווי אַלע בחורים און יונגע לייט צעגייען זיך ; און ס׳בלייבט נישט קיינער מער איבער מיט אים ווי די בלויזע פיר ווענט פון בית המדרש, די באַהאַלטענע אומרו צווישן די לייבן איבערן ארון־הקודש ; דאָס גאַנצע פרעמדקייט צווישן גוים, וואו ער האָט זיינע יונגע יאָרן איבערגעלאָזט ; דאָס גרויסע צער פון אַ פאַר־וואָגלטן, וואָס ווייסט נישט פון קיין גלעט פון אַ מאַמען, אַ גוט אויג פון אַ טאַטן, און זיך רק אויפגעכאַוועט בלויז צווישן פּאַראַבקעס, אין שטאַלן...

דאס ארויסזינגען מאכט אים היילעוודיקער דעם ווייטאג, און געפינט א דערלייכטערונג אין די שעה'ן, ווען ער איז אליין, און לערנט הויך אויפן קול...

וואלט דאך דער פאר'אידישטער ערל לאנג שוין חתונה גע־האט; האט זיך געפונען נישט איין בעלן, וואס האט אים גע־וואלט אוועקגעבן זיין טאכטער פאר א ווייב; האט אבער דער ראש הישיבה די דעה איבער אים, און לאזט נישט, — ווען נישט מיט עפים רעכטס, וויל ער נישט; טאקי אן טאטע־מאמע, א צוריקגעקומענער, און ווען נישט פאר א גבירישע טאכטער, קעסט כל ימיו, וועט ער אים נישט אוועקגעבן, ער איז זיין אפוטרופס...

און א גביר האט א ספק מיט אים; ער האט דאך פארט א פסול; אפשר — א ממזר, חלילה... אז קיין טאטע מאמע איז נישטא... מ'ווייסט דאך פארט: ער איז געקומען אן ערל... און א גביר, וויל חוץ'ן חתן — נאך האבן מיט וועמען זיך מתיחס צו זיין אויך... אזוי שיקט אים דער ראש הישיבה אוועק ווייטער; גיט אים מיט א כתב אין א צווייטע שטאט, צו אן אנדערן ראש הישיבה, און יענער נעמט אים גלייך אונטער זיין האנט, לערנט מיט אים... לערנט טאג־און־נאכט.... דא אין שטאט קומט ער שוין א בן־תורה, מער קיין ערל נישט; ווייסט מען גאר נישט, און די גרעסטע גבירים רייסן זיך שוין איבער אים ארום; ס'וויל אים האבן דער רב פאר אן איידעם, און ס'וויל אויך האבן דער גביר פון שטאט, ביי וועמען ער עסט, און האט זיין קאפ־גנלעגער...

און ס'קומט דורך אים צו א מחלוקה; ביידע זיינען איינ־געשפארט, נאר אזוי ווי דער גביר האט ממון, רייסט ער אים אוועק ביים רב; נעמט צוזאמען א האלבע שטאט אידן, פרעגט נישט קיין שאלות, און מאכט תנאים; ער איז א גביר, וועט ער מורא האבן פארן מרא־דאתרא?...

דער רב איז בייז אויפן גביר; הערט אויף דאוונען מיט

אים ביי איין מנין, און וויל נישט האָבן קיין מגא־ומשא מיט אים, און דער גביר ווידער מאַכט זיך קנאַפּ דערפון; ער גרייט זיך חתונה צו מאַכן, און אַזוי, ברוב עם... ער פּאַרט איינ־קויפן זייד אויף מלבושים פאַר דער כלה; אַ האַלבע שטאָט איז זיך מכין; כלי־זמרים, בדחנים גייען אַריין און אַרויס, שמשים מאַכן זיך אַ רייכן בייטל... אביונים קומען זיך צונויף פון דער גאַרער וועלט...

מ׳שפּילט אין די גאַסן... אידן טאַנצן... זיינען זיך משמח... אַ קלייניגקייט: זייער גביר גיט אוים די עלטסטע טאָכטער... אַ גרויסער נדבן... אַן אמת׳דיק אידיש האַרץ... אידן האָבן פון אים מיט דער פולער האַנט... היינט זשע, פאַרוואָס זאָלן זיי זיך נישט פרייען?... אי וואָס, דער רב זייערער האָט דאָרט האַרצקלעמעניש, און ס׳דריקט אים, — מסתמא, איר זיווג נישט געווען; אַ איד האָט זיך ליב אויסצוריידן, אַז ס׳איז אַלץ מדרך הטבע...

מיטן חתן אויבנ־אָן זיצט דער ראש־הישיבה; און אַזוי ווי מ׳טאַנצט ביי דער כלה, מ׳לאָזט זיך וואוילגיין אין דער שטאָט, נעמט מען זיך דאָ שרייבן די כתובה, און ס׳קומט, ווי מ׳ברויך אַריינצושרייבן דעם חתן׳ס צד, פרעגט דער ראש־הישיבה:

— ווי דער טאַטע האָט געהייסן?

הייבט ער אָן זוכן דאָס צעטעלע, וואו דער פויער האָט דאָס פאַרשריבן; און וואונדערליך, וואָס ס׳איז אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן נאָכצוקוקן, ער זאָל דאָס ברויכן וויסן...

ס׳נעמט גוט אַ רגע, און ער זאָגט.

— ווי האָט געהייסן די מאַמע?...

זאָגט ער אויך; און אַז מ׳הערט די נעמען פון טאַטע־מאַמע בלייבן אַלע פאַרגליווערט, און דער גביר ווערט בלייך אויפן פנים; די מחותנת׳טע, זיין ווייב, רייסט זיך אַריין ווי אַ שטיק פייער, מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, געשוואָלענע אויגן פאַר ווייגען, און גיט אַ פאַל אַרויף אויף אים:

— זון מיינער... ביזט דאך מיין פלייש און בלוט...
וואס איך האב שוין אינגאנצן געהאט אויסגעמעקט פון מיין זכרון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די כלי־זמרים שפילן ווייטער ; מ'שיקט גלייך נאכן רב... די כלה טוט אויס דאס חופה־קלייד און דער גביר פירט איצט צו דער חופה מיטן רב'ס טאכטער, וועלכער ער איז א פנים אמת'דיק געווען באשערט...

און אידן זיינען זיך ערשט רעכט משמח ; מען טרינקט אויף דער שמחה... די שמחה איז א פילפאכיקע... הוילע נסים: א ברודער האט די שוועסטער נישט גענומען, חס ושלום... טאטע־מאמע'ן זייער זון זיך אומגעקערט... דעם רב'ס טאכטער איר זיווג זיך אפגענומען... וואס איז דאס אלץ ווערט ?...

דער קורצער פרייטיק

אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק באַגינען, די פראָסט קנאַקט, פאָרט אַריין אין שטאָט אַ דאָרפס־איד אויף אַ שליטן, און פרעגט:

— וואו ס׳וואוינט אַ מוהל?...

און דער הימל איז נאָך כמעט פינסטער, ווען ער קלאַפּט אָן ביי אברהם׳לען אין לאָדן:

— רבי, אַן אורח..

מאַכט פאַר אים ר׳ אברהם׳לע אויף די טיר, און זעט אויפן אידס באָרד איז פאַרפרוירן די פאַרע, און ס׳הענגען אַראָפּ צאַפּנס אייז, אַזוי לאָזט ער אים פריער אָפּטאַטעמען, אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי, און פרעגט:

— וואָס דער איד האָט צו זאָגן גוטס?...

זאָגט דער איד:

— ער איז אַ בעל־ברית!...

— מזל טוב! נאָר וואָס אַזוי פרי?

— ער קומט פון דאָרף, דריי מייל וועג צו פאָרן אַ־רישן ס׳קינד...

ווערט אים גאָר נישט היימלאַך, ר׳ אברהם׳לען:

— אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק, ס׳איז גאָר קיין טאָג נישטאָ... איידער מ׳דרייט זיך אויס, איז נאַכט... און ווי קען ער זיך אונטערנעמען צו מאַכן אַזאַ נסיעה?

— ס׳שאַט נישט, — זאָגט דער דאָרפס־איד, — אַ פּאָר פערד ווי די לייבן; ער שטעלט אים אָפּ באַצייטנס אהיים, און נאָך אפילו ערב צו גיין אין דער שוויץ, פאַר קבלת־שבת...

איז אים אַלץ נישט פאַרענטפערט, אברהם׳לען:

— דאָך פרייטיק, דער קורצער פרייטיק, און דריי מייל פוילישער וועג... ס׳אַריזיקע...

צע'טענה'ט זיך דער איד:

— מ'קען דאך צוליב דעם דעם ברית נישט אפלייגן ?...
אויב ס'ווייב האט זיך נישט געוואלט איינהאלטן מיט א האלבע שעה ביז נאך מנחה, וואס זאל ער טאן ? מ'מוז אים דאך מאכן פאר א איד, דעם קליינעם שייגעץ ?...

אזוי קריכט אברהם'ל ארוים, אן חשק אפילו, און זעצט זיך אריין אין שליטן...

דער דארפס־איד בעט־אים ארום מיט שטרוי, טוט אים אן א פעלץ, א פוטערנע „קוטשמע" אויפן קאפ, און די בייטש גיט א קנאק, דער שניי — זיך א טרייסל פון די ווענט, דאס שטעטל ווערט נעלם.

דאס שליטל פליט ווי א ווינט; ער איז צווישן הימל און שניי, א ים שניי... ס'גלאנצט נאר אין די אויגן... אזא בנעימות'דיקע ווייסקייט, אז ס'ווערט אזש ווארים הינטערן הארץ... אז די זון קומט ארוים, מוז מען פשוט צומאכן די אויגן פאר גרוים בלענדעניש; ס'איז גראד נישטא קיין ווינט, און די ווארימקייט צעגייט זיך אין אלע רמח'ח אברים, מ'קען ממש אויסגיין...

אברהם'ל האלט צוגעמאכט די אויגן, און ווייסט נישט — ער פארט; ס'שליטל פליט, די פערד פאכען נאר מיט די נאז־לעכער; לאזן ארוים א פארע וואס ווערט געפרוירן, און שפריצן מיט די שטיקער שניי, פון אונטער די פאדקעוועס...

עס וועקט אים דאס בילן פון הינט, ער זאל אויפמאכן די אויגן און זען א דארף, — הילצערנע, קליינע כאטקעלעך, א יוזל, א תלוי, און אפזאגן:

— שקץ תשקתנו, ותעב תתעבנו, כי חרם הוא...

און צוריק צומאכן די אויגן.

ווארעם איז געווען, דער פעלץ האט נישט צוגעלאזט די קעלט, דאך האט ער זיך שוין אנגעהויבן מצער צו זיין, און גענומען ריידן צום איד:

— טייערע פערד... כ'זאָג דיר בהן שלי, כ'בין נאָך מיט אַזעלכע לייבן אין קיין וועג נישט געווען... גאָר נישט קיין איר־דישע פערד... נאָר, וואָס איז די מעשה : ס'נעמט אַזוי לאַנג ? גזלן, ס'איז דאָך פּריטיק, דער קורצער פּרייטיק...

זאָגט דער דאָרפסמאַן :

— כ'האָב שוין נישט קיין ספק צו פאָרן, אַ תחום־שבת אינגאַנצן...

מעסט ר' אברהם'ל אָפּ אַ תחום־שבת מיטן אויג, און אַז מ'פאָרט אים אַריבער, — שטייט ער צו צום דאָרפסמאַן :

— דו האָסט דאָך מיך גענאַרט!... אַלמאַי, האָסטו נישט באַלד געזאָגט ס'איז אַ מהלך, וואָלט איך כאָטש געווען אָנ־געזאָגט מיין ווייב, זי זאָל נישט איבערקלערן, כ'וועל נישט אַהיימ־קומען אויף שבת...

שווערט זיך דער איד :

— ס'איז נישט ווייט שוין... איבערן בערגל... ס'דריטע הויז, איז זיין הויז...

מ'קומט איבערן בערגל. טאַנצט שוין אַנטקעגן אַ שוואַר־צער קודלאַטער הונט, שפּרינגט אין שליטן אַריין, לעקט דעם איד'ס פּאָלע...

מ'קריכט אַרויס, און ס'מאַכן זיך ברייט אויף די טירן פון שטוב, וואו ס'גיט אַ זעץ אַרויס אַ פּאַרע, ווי פון אַ באָד...

אַן עולם אידן וואַרט, שוין אָפּגעדאַוונט ; טעפּ פיש קאָכן זיך... ס'קרויט קוואַקערט... און מ'פרייט זיך מיט ר' אברהם'לען, ווי מ'וואָלט דאָ אויסגענומען ס'גרויסע געווינס מיט אים... ווייבער ווינשן אים ס'אייביקע לעבן...

ר' אברהם'עלע איילט זיך :

— ס'איז פּרייטיק, ס'וועט אים נאָך, חלילה, אויסקומען צו בלייבן אין דאָרף שבת...

מ'דערלאַנגט אים ס'קינד, גע'אידיש'ט, נעמט ער זיך איילן :

— אַהיים...

און דער בעל ברית:

— רבי, זעצט אייך צום טיש, און איר וועט מיטהאַלטן מיט דער סעודה...

ער וויל נישט...

— אויב אַזוי, וואָס קומט אייך פאַר דער טרחה?...

— ער נעמט נישט קיין געלט, ס׳א מצוה ביי אים...

לייגט אים דער בעל־ברית אַן אַפּולן זאַק מיט מערן, אַ זאַק קרויט, קילריבן, צוויקל, און אַנדערע שאַר־ירקות...

און גיט אַ געשריי צום יונג:

— שפּאַן אַ פּאָר פרישע פערד, און נעם דעם איד, שטעל אים אָפּ אויף שבת אַהיים...

און ער רירט אין וועג־אַריין...

ס׳דאַרף אידן שטייט אין דרויסן, געזונטע אידן ווי די ביי־מער; וויבער בענטשן זיינע הענט, ס׳זאָל אים קיין פינ־גער קיינמאָל נישט וויטאָן, און ווינטשן אים:

— רזאָל האָבן אַ גוטן שליט־וועג...

און ס׳שליטעלע פליט שוין. מ׳זעט עס נישט מיטן אויג מער...

א דראַבנע שנייעלע פּרישעט.... קיין זון איז נישטאַ שוין...
א שווערער הימל, א ביסל רויט, ווי אַן אָפּגעגליט שטיק אייזן...

דער וועג איז אויסגעפּיילט... אַ קראָ הייבט זיך וואו אויף פון אַ פאַרשנייט פעלד, שניידט זיך אַוועק אין דער טיפעניש, און שרייט...

א טרוקן שרייען...

אברהם׳ל דעקט זיך גוט איין אין פעלץ, ער דערשפּירט די פראָסט; ס׳איז נישט וואָס באַגינען: ווען די זון האָט גע־וואָרימט... דער הימל איז פאַרפרוירן, — אַ שטיק אייז, און אַזוי שווער ווי בליי...

— ס'קען זיין, — טראַכט ער — וואָס אויפן ברית האָט ער בלויז טועם געווען, און נישט געגעסן דערפאַר האָט די קעלט מער שליטה איבער אים...

ער קריכט טיפער אריין אין פעלץ און איז פאַרזאָרגט:

— מילא, ער וועט דאָך שוין מוזן ווי ס'איז די קעלט איבערקומען; דער יונג זאָל נאָר כאָטש באַצייטנס אָנקומען אַהיים...

דער שווערער הימל קאָסט אים ס'געזונט; ס'ווייזט זיך אים אויס, אַזוי ווי ס'זאָל שוין גאָר שפּעט זיין, און גיט אַזוי אַ פרעג ביים יונג:

— ווייט עפּיס אין שטאָט אריין?

— שפּאָר... — גיט דער יונג אַ זאָג.

— אַ וואָזשנע פראָסט, זעסטו... נישט געוואוסט: ס'וועט אַזוי שטאַרק נעמען נאָכן האַלבן טאָג... ס'ברענט אַ פייער...

— נעמט אַ קאָפּ בראָנפן, רבי... כ'האָב שפּאָר אין פלעשל... איך קענט נאָך, חלילה, געפרוירן ווערן...

דערשרעקט זיך ר' אַברהמ'לע, און האָט שוין שטאַרק חרטה וואָס ער איז נישט געבליבן שבת ביים דאָרפס־איד, ס'וואָרים־קייט ליגט אים נאָך אין די ביינער...

און מינטערט דעם יונג:

— פאָר, ס'איז שבת...

פרייט זיך דערוויַיל מיט די ירקות...

— ס'ווייב, — טראַכט ער, — וועט אים ווינשן ס'אייביקע לעבן, דעם דאָפּסמאַן, פאַר זיין ברייטע האַנט...

די פראָסט פאַרגייט דאָ אונטערן האַרץ, ס'ווערט אים טונקל אין די אויגן; ער זעט ווי דער יונג זופּט אַלץ איינאיינעם פון פלעשל, גיט ער זיך אונטער און זאָגט:

— גיב אַ קאַפּיטשקעלע ס'חיות צו דערהאַלטן; ס'איז גאָר נישט איבערצוטראָגן די ביטערע קעלט...

און ווי ער גיט אַ זופּ פונם פלעשל, ווערט אים ליכטיק אין די אויגן, צעגייט זיך אַ וואַרימקייט אין זיינע אברים...

און זאָגט:

— גיב נאָך אַביסעלע צו פאַרזוכן...

און גיט אַ זופּ פון פלעשל...

— אַ־אַ־אַ!

ס'איז אים ליכטיק אין די אויגן... אַ וואַרימקייט צעגייט זיך אין זיינע אברים... אַזאַ מתיקות...

זאָגט ער:

— גיב נאָך אַ קאַפּיטשקע!...

אַ פרישן זופּ, און דער שניי גלאַנצט שוין אין זיינע אויגן... דער הימל ווערט רויטלאַכער... דאָס בלוט וואַרימער... דאָס שליטעלע גליטשט זיך, שבת ווערט נענטער, און די שטאָט, כע־כע: ווייטער... ווייטער...

די אויגן קלעפּן זיך... פאַרמאַכן זיך... אַזאַ מידקייט... ער וויל זיך עפּעס אונטערהייבן, — איז ער אַזוי שווער, ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, און קען זיך נישט רירן... זיצט איינגע־פרעסט, און ס'האַרץ צעגייט אים:

— אַ איד טאָר קיינמאָל נישט זיין איינגעשפּאַרט; אַ דאָרף אידן איז אָנגעשטאָנען, — געברויכט בלייבן מיט זיי שבת!... די שטאָט ברויך אים אַזוי נייטיק האָבן? אַ ברית אין דער היים?... וואָס איז דאָ געווען ס'עקשנות?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער יונג האָט נישט געזען, ווי דער איד האָט אַראָפּגעלאָזט נ'קאָפּ, און איינגעדרעמלט; דער בראָנפן האָט אים צענומען, און ס'איז אים שווער געווען צו דערהאַלטן דעם קאָפּ, וועלכער איז אַרונטערגעפאַלן ווי אונטערגעהאַקט...

געפלויגן זיינען די פערד, ווי די אָדלערס; געבלאָזן מיט די גאָזלעכער, און געשוימט מיט די מיילער...

איבער אַ פאַרפרוירענע ערד, פאַרפרוירענע טייכן, פאַר־שנייטע...

אַ פאַרפרוירענע וועלט, אַ פרעמדע...

אַ שווערער הימל, וואָס איז געוואָרן טונקעלער צו קבלת־שבת...

אַז אברהם׳לע האָט זיך איבערגעוועקט, איז אים נישט גוט גע־וואָרן פאַר צרות.

— אַן אויסגעשטערנטער הימל; ווייסע, זילבערנע בערג, פאַרשנייטע...

און נעמט רופן דעם יונג:

— דו שלאָפסט ?... אַ ?...

דער יונג כאַפּט זיך אויף, און שלעפּט קודם אַרויס דעם שליטן פון אונטערן שניי, און באַכט אַריין פאַר כעס אין די פערד:

— כ׳וויים גאָר נישט, וואו זיי האָבן מיך געקענט פאַר־טראָגן, דער רוח זאָל זיי נעמען...

קרעכצט אברהם׳ל:

— קענסט נישט דעם וועג ?...

— גאָר קיין וועג נישט... אַ וואַלד און ס׳ברויך דאָ גאָר קיין וואַלד נישט זיין !... ווי קומט אַהער אַ באַרג ?

— מ׳ברויך גומל בענטשן, וואָס מ׳איז נישט אומגעקומען — אַזאַ פראָסט !...

דער יונג נעמט טרייבן די פערד, און זיי גייען נאָך נאָכן שליטל, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי נאָך אַן עגלה, אויף וועלכן מ׳וואָלט געהאַט ליגן אַ חשוב׳ן מת...

— שבת ... שבת ... — קרעכצט אברהם׳לע — ס׳איז אים חושך זיין וועלט...

דעם יונג פאַרוואָרפט עס גאָר:

— וואָס ער איז שוין נישט אויסגעפאָרן אויף זיין לעבן,

— דאָס טרעפט אים ס'ערשטע מאָל ; אזא שלימזל ?... ער ווייסט גאָר נישט : וואו ר'איז ערגיץ אין דער וועלט...

— זוך ערגיץ אָפּ א דאָרף, מ'זאָל זיך קענען אפּשטעלן, — ווײַנט ר' אברהם'לע, — ראשית איז שבת, און די קעלט ווידער איז סכנות נפשות...

— ס'איז גוט צו זוכן אין אזא נאַכט, א וועג — ווער ס'טרעט אָפּ אינם לעבעדיקן גאָט...

אברהם'לען ווערט ס'הארץ פארשווערט, און דער יונג טרײַבט די פערד, טראָגט אליין אונטער דעם שליטן, און אזוי ווי דער קאָפּ ברעכט אים: „ווי מ'קאָפּעט זיך דאָ עפּעס ארויס ?..." גיט ער באַלד א שפּרונג אונטער ווי א האָז :

— רבי, א דאָרף אויף דער סאַמע נאָז...

הייבט ר' אברהם'ל אויף די הענט צום הימל, פאר דעם נס, וואָס ער וועט דאָ נישט אײַנגעפרוירן ווערן :

— ברוך הוא וברוך שמו...

עטלאַכע ביימלאַך, א כאַטקע...

א הייפל... ס'ברענט א לאָמטער...

און דער יונג פארפאָרט ברייט אינם הויף ארײַן, וואו א גוי מיט א צעריסן האריק פּנים קומט אים אנטקעגן פון שטאַל ארויס, העלפט אים אויסשפּאַנען די פערד און נעמט זיי מיט זיך אין שטאַל ארײַן..

דער יונג פרייט זיך ערשט, רייבט די הענט :

— געוואוסט, רבי, ס'ברויך דאָ ערגיץ ליגן א דאָרף נאָענט, ווײַל די פראָסט האָט נישט אזוי שטאַרק געבריט...

אברהם'לע קרעכצט :

— כאָטש, א אידישער קרעטשמער ?...

— אין אלע דערפער ארום, ווייס איך, איז נישטא קיין גוישע — אלע קרעטשמערס, אידישע..

און אברהם'ל גייט ארײַן אין א ווארים חדר, לייגט זיך ארײַן אין א בעט־בעטגעוואַנט, און כאָטש דער קאָפּ ברעכט אים

גוט, ווייסט נישט ס'אַרא תירוץ ר'וועט מאָרגן זאָגן פאַר'ן קרעטשמער, ער איז געקומען צופאָרן אין שבת, — ווערט ער פונדעסטוועגן גלייך אַנטשלאָפן ווי אַ טויטער...

באַגינען, אַ שעה צו טאָג נאָך, וועקט זיך איבער דער קרעטש־מער; זיין רגילות — אַלע טאָג אין דער צייט אויפצושטיין, קען ער שבת אויך נישט לענגער שלאָפן...

שבת, — קיין מלאכה וועט ער דאָך נישט טאָן, זעצט ער זיך זאָגן תהלים; אַ קליין קאַגאַניקל ברענט, מוז ער זיך גוט נעמען די אויגן אין דער האַנט אַריין, ר'זאָל קענען אַנטאַפּן אַן אות...

ס'ווערט ליכטיקער, זעט ער אין דרויסן אויפן הויף, אַ שליטן, אַ פרעמדער שליטן, גייט ער אַרויס, און פרעגט ביי פעטרען, דעם גוי:

— ס'ווער געקומען ביי נאַכט צו פאָרן?...

ליגט פעטרע, דער גוי, אַראָפּגעלייגט אויף דער ערד, קנעט אַ מולטער „אַבראַק" פאַר די פערד, און ענטפערט נישט.

פרעגט דער קרעטשמאַר נאָך אַמאָל, שווין אין כעס:

— כ'פרעג דאָך עפּעס, פעטרע... ביזט שטום געוואָרן?...

בייגט פעטרע אַוועק דעם קאָפּ, און ס'פּנים לאַכט ביי אים נאַריש:

— אַ רבי איז געקומען...

— ביזט משוגע? האָסט נישט פון וועמען צו לאַכן?... ס'געפֿאַר צו מאַכן, פעטרע?...

שווערט זיך דער גוי:

— ר'זאָל אַזוי לעבן, אַ רבי...

גלייבט זיך נישט דער קרעטשמאַר, און גייט אַליין זען, און זעט:

ס'שטייען מאקי א פאר פערד ווי די לייבן, אין שטאל...

טראכט ער:

— אפשר: מיט א חולה, וואס מ'טאר זיך נישט אויפהאלטן מיט אים?... איז דאך די שאלה: וואס איז מען דא שטיין געבליבן?...

פארקוקט זיך, אזוי טראכטנדיק, אין פענסטערל — און ער גלייבט זיך נישט די אויגן זיינע; די פיס ווערן אים ווי די העלצער, און ער קען זיך פון ארט נישט רירן.

— ר' אברהם'לע מוהל, גוואלד, ער וועט קומען אין שבת צו פארן?... יום־כפור דאווענט ער דאך נעילה!... ס'איז נישט אנדערש: ער האט פארהיפערט מיט א טאג, אדער געבליבן הינטערשטעליק, זיך שלעכט בארעכנט, און גע־מאכט שבת מיט א טאג פריהער אדער שפעטער...

און גיט א פאל אריין אין שטוב צום ווייב מיט א יעלה:

— רעכעל, אויפגעשטאנען פון בעט זאל ווערן... הערסט?... וואס האסטו מיר עפעס געהאט צו מאכען שבת אין מיטן דער וואך?...

רייסט ס'בעט־געוואנט פון ווייב און זי שפרינגט אראפ, וויל אים מאכן א בארעקנס, ער זאל נישט ווייסן וואו ר'קומט אהין:

— א פינסטער יאר אויף זיין קאפ, א וויסטער טאג אויף אים היינט אנגעשטאנען...

שפרינגען אים די אויגן פון קאפ:

— רעכל, אברהם'לע מוהל איז דאך ביי נאכט געקומען צו־פארן, ער שלאפט אין דער אנדערע שטוב!... אברהם'לע, וואס מ'איז געפארן צו אים, ער זאל אידישן ס'קינד... ער ווייסט נישט ווען שבת איז?...

ווערט איר נישט גוט, רעכלען:

— אברהם'לע מוהל?...

און ער:

— רעכעלע, כ׳וועל דאָך מיך אויפעסן, פאַר חרפּה !...
גוואַלד, זאָל ער כאָטש נישט זען : וואָס ס׳טוט זיך דאָ ?...
ס׳וועט דאָך באַלד קלינגען מיט מיר אויף אַלע דערפער...

און נעמט רייסן שטיקער פון שבת, אים אַרויסוואַרפן פון שטוב...

ס׳ווייב בלײַבט אויך נישט שטיין מיט קיין פאַרלייגטע הענט ; זי לייגט די לײַכטערלאַך אין קאַסטן... דאָס טיש־טוך — צוריק אין קופערט... מאַכט פייער... און אין אויוון נעמען שוין קנאַקן איבער אַ רגע די העלצער לוסטיק...

דער קרעטשמאַר ווידער, — גיט אַ קאַפּע אין די טירן פון דער קרעטשמע, און זיי ווערן אויפגעפּראַלט אין דער גאַס אַרײַן... ס׳ווערט ליכטיק... פּשוט׳ער אין דער וואָכן...

דער יונג וועקט זיך איבער, און גיט זיך אַ וואָרף אַרויס פון בעט — פאַר כעס — אַזוי הערט ער עפּיס אַ גע־רויש אין דער קרעטשמע ; קוקט ער אַרויס, און זעט — פּויערים גייען אַרײַן און אַרויס, וועקט ער אויף דערגיך אויף ר׳ אברהם׳לען :

— רבי, זעט נאָר...

קרעכצט ר׳ אברהם׳ל :

— וואָס זאָל איך זען ?...

— די קרעטשמע איז אָפן.... דער איד שטייט און פאַר־קויפט בראָנפן... און די קרעטשמאַרקע שיילט קאַרטאָפלעס... ברענט פייער אין אויוון...

פאַרשטייט נישט ר׳ אברהם׳ל :

— ווי איז דאָס מעגלאָך ?...

אָבער ווען ער הערט ווי פון דער קרעטשמע קומען פאַרט קולות... פּויערשע קולות... מ׳דינגט זיך איבער אַ חזירל... מ׳שלאָגט אין געלט אַרײַן... און מ׳פּאַטשט צו מיט די הענט... ווערט דער יונג אויפגערוימט :

— רבי, ס'איז זונטיק... מ'האט אריבערגעשלאפן דעם גאנצן שבת אין שניי...

ווייל דער רבי עפּיס ארייגקלערן, נאר ער לאזט אים נישט:

— א סוף... כ'וויל אייך אפּשטעלן, רבי, אהיים, און צוריק פאָרן אין דארף אריין... ס'וועט מיר שוין אזוי אויך קיין צרות נישט פעלן...

טאַנצט אים אַקעגן דער קרעטשמאר:

— רבי, איבערבייסן?...

און די קרעטשמערקע רוקט זיך אָפּ פאר זיינע טריט:

— א גלעזעלע וואַרימס... א פריש געלעזעלע טיי, אויפגעקאַכט ערשט...

זאָגט אברהם'לע:

— דאס נישט; ער מוז שוין אהיימפאָרן; גענוג לאַנג געוועזן אין וועג; דער יונג טרייבט אים נאך דערצו...

פאַלט דער קרעטשמער אָן אויפן יונג:

— שוין יאַ איינמאָל די זכיה צו האבן א שטיקל רבין ביי זיך אין שטוב, וואס ווילסטו אים מיר צוכאפּן איבער דער מינוט...

זאָגט דער יונג:

— ר'האט אן אָנזאָג נישט צו לאזן דעם גוטן איד אין מיטן וועג ערגיץ, נאר אָפּשטעלן אים א היים, אין שטוב אריין...

— אויב אזוי, — זאָגט דער קרעטשמער, — לאז מיך כאָטש אויפלייגן א זאק מעל צו אים; געוועזן איבער א נאַכט א רבי, זיך איבערגעשלאָפן — א זאק מעל כאָטש!...

און מ'געזעגנט זיך; ביים קרעטשמער איז ריכטיק: ס'איז מיטוואָך, און ביי ר' אברהם'לען — זונטיק...

מ'פאָרט אהיים...

דאס שליטל פליט, און קומט א שעה שפּעטער אריין אין שטאָט, ווען דער גאַנצער עולם אידן גייט פון די שטיבלאך און בתי־מדרשים...

גן - עדן עפּעלאַך

בידוע, האט דאָס גליק כסדר זיך אַנצויאָגן מיטן אומגליק, און די ביידע ליִט האָבן צווישן זיך קיין שלום נישט; וואו ס'גליק שיינט נאָר אויף — שטעקט שוין אומגליק אריין די נאָז, און מאַכט פינסטער...

אַזוי קערט זיך דאָס גליק נישט איינמאָל אום צום אומגליק מיט געבעט:

— אומגליק, וואָס טרעטסטו מיר נישט אָפּ?...

זאָגט אומגליק:

— אויב כ'וועל דיך אָפּטרעטן, וואו וועל איך מיך אַהינטאָן?...

יאָגט זיך ס'אומגליק מיטן גליק, ווי פייער מיט וואַסער; וואו גליק זוכט ווען צו באַגליקן, זוכט דאָס אומגליק מיט כל מעגליכקייטן יענעם צו פאַראומגליקן...

און אַזאַ פינסטער געיעג איז אויך צווישן זיי אָנגעגאַנגען איבער אַן אָרימע, אָבער גליקלאַכע משפּחה, וואָס ס'אומגליק האָט כסדר געוואָלט אַריינליִיגן אין אַן אומגליק, און גליק — באַגליקן...

דאָס גליק האָט צווישן אַ סך שטילע גוטע אָרימעלייט, אויך אָפּן געהאַלטן די אויגן אויף איינעם אַ געוויסן אָרימאַן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ טיפן שניט פון אַ באַרג; אַזוי אָרים געווען — אַז יענער האָט זיך צומאָלט נישט געקענט ערלויבן צו זיצן אין אַ שטוב מיט לייטן גלייך, און געמוזט וואוינען אין דעם אויסגעהוילטן שטיק באַרג, וואָס איז פון אויבן געווען צוגעדעקט מיט צווייגן און בלעטער, און געהאַט אַ לאָך

פאַר אַ פענסטער, דורך וועלכן מ׳זאָל כאָטש קענען זען ווען ס׳איז טאָג אויף דער וועלט.

און דער אָרימאַן האָט אַ ווייב מיט פיצלאַך קינדער געהאַט, זיך דערנערט פון עטלאַכע שייטלאַך האָלץ, וואָס ער פלעגט יעדן טאָג אָפּהאַקן אין וואַלד, און אַוועקטראָגן אין שטאָט צו פאַרקויפן.

יאָרנלאַנג אַזוי געהאַקט דאָס האָלץ, די הענט זיינען אים געשוואָלן געוואָרן האַקנדיק מיט דער האַק; די פּלייצעס איינ־געבויגן פון טראָגן, און קיינמאָל נישט אָפּגעזיפּצט אונטער דער שווערער משא; ער האָט שוין געהאַט זיין וואָג און מאָס, שיעור פון בינטל־האָלץ, אַ מהלך פון וועג, אַ צייט פון גיין און קומען, און דער עיקר... אַ קונה, וואָס האָט ס׳האָלץ ביי אים אָפּגענומען, דאָס איינע געלט אַלע טאָג געגעבן...

דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ שטיק מאַן; די זעלביקע גור־טע מידה, — אַ שטילע טויב; זיך באַניגן געלאָזט אויך מיט אַ קריש ברויט, אַ לעק מילך און אַ שמעק פלייש... געקאָרמעט די קינדער, צוגעקליבן די שטוב, און אין אַ מינוט, ווען די שטוב האָט געדרוט — נאָך אַרויסגעלאָפן אים אַרויפדערלאַנגען דאָס בינטל האָלץ אויף די פּלייצעס, דעם מאַן, און דערביי אַפילו קיינמאָל נישט געזאָגט:

— ווייסט, מיין מאַן, ס׳וואָלט געווען אַ שכל, דו זאָלסט דיך פריער דערשלאָגן צו אַ פערד און וועגעלע, און ברויכן ווייניקער אַרבייטן...

האָט דאָס גליק אויבן געוויזן, ווי ס׳לעבן זיך דאָ אַ פּאָר טויבן אין דעם שניט פון באַרג, און געבעטן רשות, זיי מיט עפּיס צו דערפרייען; נאָר מיט וואָס דערפרייט מען זיי?... געבן זיי אַן אוצר — אפשר וועלן זיי זיך גאָר נישט קענען דאַרויף?... און טאָמער יאָ — קען דאָס נאָך אַמאָל גאָר אָנמאַכן אַ בייז לעבן, און ס׳וועלן זיך חלילה אָנהויבן קריגערייען, געשלעגן, ווי

נעוויינטלאַך, ווען מ'ווערט רייך, און זיי דערמיט פאַרערגערן, אָנ־שטאָט גוט מאַכן...

— וואָס טוט מען פאַרט?... ס'איז דאָך גאָר קיין יושר נישט אַז אַזעלכע גוטע לייט, דערפאַר וואָס זיי לאָזן זיך באַנוגן מיט אַ שבוש, און ווייסן נישט פון צו גיין קלאַפּן אין די טירן, זאָלן נאָך אַמאָל ברויכן אַראָפּגיין אין גרוב אַריין, און נישט האָבן רעכט נהנה געווען פון דער וועלט?...

אַזוי הייסט מען ס'גליק אַראָפּ אויף דער ערד, וואָס קומט אַלע טאָג אויפן מאַרק פאַר אַן אַלטע גויע, אַן ערלית — זי זאָל אים פאַר די פּאָר גראָשן וואָס ער באַקומט פאַרן האַלץ, פאַרקויפן אַ פּאָר עפּעלאַך פון גן־עדן; דער אָרימאַן ווייסט נישט קיין פּותר און קיין חלום, אַזוי ווי ער גיט אַוועק צו זיין קונה דאָס בינטל האָלץ און באַקומט די פּאָר גראָשן, זעט ער שוין שטיין די גויע מיט די עפּעלאַך, וואָס זי רעדט אים איין, און ער נעמט זיי אַהיים; און מער ברויך ער נישט; אין די עפּעלאַך האָט ער פון אַלעם, וואָס ער וויל שפּירן אַ טעם פון אַן עסן אויף דער וועלט — שפּירט מען אין אַזאַ עפּעלע; מ'וויל פליייש — האָט מען פליייש; פּירות — האָט מען פּירות; כ'וויים מילך — איז מילך, פיש — פיש; פון אַלע מאכלים אין דער וועלט...

און ס'גליק איז אין זיבעטן הימל:

— קיין רייכקייט האָבן זיי נישט און ווייסן פונדעסטוועגן פון אַ לעבן, וואָס דער גרעסטער גביר קען פאַר קיין געלט נישט האָבן...

זעט אומגליק, וואָס ס'גליק האָט אָנגעאַרבייט, נעמט עס אַריינ־קלערן אין דעם אָרימאַן, זיך גראָבן אונטער אים:

— וואַרט, כ'וועל אים דיר לאָזן אַזוי באַקומען, מיינסטו?..

לאַכט ס'גליק:

— אויב דו וועסט זיי קענען אַ רעה טאָן — אדרבא; נאָר מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט נישט געטראָפֿן ס'אָרט ; און כ'וועל דיך נישט לאָזן אויך...

קלערט נישט אומגליק קיין סך, און כאַפּט זיך אָן אין דעם, פאַר וואָס מ'האָט אויבן אין הימל אַזוי שטאַרק מורא געהאַט, — זיי זאָלן דערפֿון נישט קאַליע ווערן...

— אַן אוצר...

און ער טראַכט זיך :

— ער מוז זיי שוין זען רייך מאַכן !... וואָרים, אַז ס'איז אויבן געבליבן ; דאָס רייכקייט קען פאַר זיי זיין אַן אומגליק — וואָר־זשע איז ער ?... אויב נישט צו פאַראומגליקן מענטשן ?...

און ברייננגט באַלד צושלעפּן אַ קאַסטן זילבער, לייגט אים אוועק ביינאַכט צום אָרימאַן הינטערן פענסטער, און בלייבט דאָ שטיין, צוקוקן — ס'אַרא פֿריילאַך פּנים דער אָרימאַן וועט מאַכן, ווען ער וועט אינדערפֿרי אַרויסגיין אָפּהאַקן דאָס בינטל האָלץ, און אים דערזען ביי זיך הינטערן פענסטער...

דאָס גליק ווידער שטייט נעבאַך פול מיט מורא, אַז ס'אומ־גליק זאָל זיי דאָ טאַקי נישט פאַראומגליקן ; און וואַרט אָפּ אין איין ציטערניש — וואָס ס'וועט זיין דער סוף ?... זאָגן, מתרה זיין — דאָס טאָר ער נעבאַך נישט ; ס'איז נישט קיין חכמה — מ'קלערט יענעם אויף, נאָר יענער ברויך תמיד אַליין שפּירן וואו ס'אומגליק שלעפּט, און לויערט אויף אים ; אפילו ווען ס'ווייזט זיך אים אוים — ס'איז דאַרטן ס'גרעסטע גליק פאַראַן...

און אונזער אָרימאַן, זעען זיי, — ווי ער קריכט באַגינען אַרוים אָפּהאַקן דאָס ביסל האָלץ, בלייבט טאַקי שטיין איבערן קאַסטן זילבער וואָס ליגט ביי אים הינטערן פענסטער — אַזוי ווערט ער אַ דערציטערטער, און שרייט אוים אין איין אָטעם צום ווייב :

— קום נאָר אַרוים זען ס'אַרא אומגליק ס'האָט אונז דאָ גע־טראָפֿן ; ס'האָט עמיץ אונטערגעוואָרפֿן אַ קאַסטן זילבער.

זעסטו — אַ גנבה מסתמא, און מ'קען נאָך זיין אומגליקלאַך דערביי..

דאָס ווייב הייבט־אָן ציטערן, ביז דער מאַן שלעפּט נישט אַוועק דעם קאַסטן זילבער, רייסט זיך נאָך ביי נ'אים גוט ס'האַרץ אָפּ — ביז ער לאָזט אים אַראָפּ אין וואַסער אריין :

— נאַ דיר גאַר אַ קאַסטן מיט זילבער צו מיינע צרות, מער פעלט מיר שוין נישט... כ'האָב מיך ביז יעצט באַנאַנגען — מוחל !

און גייט האַקן האָלץ אין וואַלד אריין....

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דער מעשה האָט זיך ס'גליק צע־טאַנצט פאַר־גרויס גדולה, און ס'אומגליק — באַקומען אַ לאַנגע נאָז ; אָבער אומגליק האָט זיך נאָך נישט באַנוגן געלאָזט דער־מיט, און זיך געטראַכט :

— אויב קיין זילבער נעמט אים נישט, — וועט ער שוין קענען אַ קאַסטן גאָלד קיין בריה נישט זיין...

און אויף צו מאָרגנס, דער אָרימאַן גייט אַרויס פאַר דער טיר, האָט ער שוין שטיין אַ קאַסטן גאָלד, וואָס גיט אים אַ בלענד פאַר די אויגן, ווי די זון אין הימל וואָלט אים אַראָפּגע־פאַלן צו די פיס ; קלערט ער, דער אָרימאַן אַ ווײַלע, און רופט זיך אָן צום ווייב :

— ווייסטו וואָס, ס'מוז נישט אַנדערש זיין, ווי גנבים האָבן זיך דאָ ביי מיר געמאַכט אַ מקום הינטערן פענסטער, ווייל ס'איז אַזאַ פאַרלעגען אָרט, וואו קיין מענטש קומט נישט...

און האָט נאָכמער זיך ס'האַרץ אָפּצורייסן, ביז ער קען אים אַוועקשלעפּן צום וואַסער, און דערטרינקען...

שרעקט זיך ס'אומגליק נאָך אַלץ נישט אָפּ, און ברענגט אים נישט אודאי צו טראָגן אַ קעסטל בריליאַנטן, וואָס יעדער בריליאַנט אַליין איז ווערט אַן אוצר, און מ'קען פאַר אים באַ־קומען אַ גאַנצע וועלט צו קויפן — און לאַכט פון גליק :

— דאָ, זעסטו, איז ער שוין די כפּרה ; אַקעגן די בריליאַנטן

וועט שוין דוכט זיך, דער מלאך פאמפע אליין אויך נישט קע־נען ביישטיין...

ליגנדיק אין שטוב אויף זיין ארים געלעגער, האט שוין דעם ארימאן א בלישטשע געטאן פאר די אויגן, אזוי ווי אלע זיבן זונען וואלטן אויפגעלייכט פאר זיין פענסטער; ער איילט ארויס, און זעט די בריליאנטן — אזוי בלייבט ער פאר א שפא־רער ווילע שטיין צעמישט, און טראכט:

— ווי גרויס ער קען זיין פון איטלאכן בריליאנט באזונ־דער?... פון איינעם — איז ער שוין א בטוח, ס'גאנצע לעבן, קיין נויט נישט צו וויסן; און ווען אפילו א גנבה — קען ער עס דאך באגראבן דא ערגעץ אין דער ערד אריין, ווער וועט וויסן דערפון?...

און בשעת זיין טראכטן, ווען ער איז געווען אויף דער וואג שאל, — איז דאס גליק פארטונקלט געווארן; אומגליק, פאר־קערט, האט אויפגעהויבן דעם קאפ און זיך געפאטשט מיטביידע הענט אין בויך אריין:

— ביזט מיין, בחור... כ'האב דיך אנגעקריגן...

און בלויז פאר א רגע, ווייל דער ארימאן האט זיך גלייך געכאפט:

— אזא גנבה, ווען ער זאל איר באהאלטן, קענען אים נאך די גנבים אליין דערפאר דעם קאפ אראפשניידן! וואס האט ער זיך צו גיין טשעפען מיט גנבים?...

און די בריליאנטן האבן נישט מער ווי איין בלישטשע געטאן נאך, ווען זיי זיינען געפלויגן פון זיינע הענט אין וואסער אריין...

א צינד, אז דער ארימאן איז דאס בייגעקומען, איז ס'גליק גע־קומען צו לויפן אין הימל אריין מיט א גדולה:

— נו, וואס האב איך געזאגט?...

און געבעטן פאר אים, דעם ארימאן, דאס גרויסע גליק אויף

דער וועלט, וואָס נאָר געציילטע מענטשן האָבן די זכיה ; און נישט בלויז קיין עפּעלאַך פון גן־עדן...

הייסט מען באַלד דאָס אומגליק, עס זאָל זיך אַריינלייגן צום מלך אין לייב אַריין, און דער מלך פאַלט תיכף אַוועק אויף אַ מחלה כבדה, ווערט מיט איינמאָל אַ מת...

שטייען אַלע גרויסע רופאים אַרום אים, ווילן אים דער־האַלטן ביים לעבן, נאָר ס'אומגליק, — וואָס זיי ווייסן נישט די קריינק ; אַ קריינק וואָס איז נאָר ביי זיי אין די ספרים נישט פאַרשריבן; זיי הייסן נעמען קרייטעכצער, ווילדע גראָזן, דאָס קאָכן, און דערמיט אפשר צו טרעפן — ס'זאָל אים בעסער ווערן ; ווייל, אַלע רפואות, האָבן זיי געגלייבט ליגן פאַרבאָרגן אין די ווילדע גראָזן און קרייטעכצער, נאָר מ'ברויך בלויז צו טרעפן די ריכטיקע...

באַזונדער טוט מען, פאַרשטייט זיך, כל־המעשים — דעם מלך ביים לעבן צו דערהאַלטן ; מ'וויינט אין דער מדינה, מ'קלאָגט אין שטעט, און מ'בעט אויף זיין לעבן; אַ חוץ דעם זיינען זיך צעלאָפן אַלע שליחים איבער די שטעט, — אויפזוכן וואו ס'זיצט ערגעץ אַ מכשפה הינטער אַ וואַלד, אין אַ באַרג, אַ ציגיינער, און ביי זיי זען עפּעס אַרויסקריגן אַ שטיקל זאַלב.. עטליכע טראָפּן...

אַזאַ שליח לויפט אויך אָן צום באַרג, וואו דער אָרימאַן וואוינט, און זעט ווי יענער טראָגט עפּעס אין דער פאַלע, פרעגט ער אים :

— וואָס האָסטו דאָרטן ?

זאָגט ער :

— עפּעלאַך...

— עפּעלאַך ?... גוט... גיב זיי נאָר אַהער... אפשר וועלן זיי זיין די רפואה...

בלייבט שטיין דער אָרימאַן, און נעמט קלאָגן :

— ווילסטו זיי מיר צונעמען, די פּאָר עפּעלאַך, אַזוי האָב

איך עפעם אנדערש נישט צו געבן מיינע ניין קינדער וואס צו עסן ביז מארגן; און עס וועט זיי אויסקומען צו פאסטן ביז כ׳וועל ווידער גיין אין שטאט אריין מיט פריש האלץ..

הערט אים נישט מער דער שליח, נאר פליט מיט די עפעלאך ווי א רוח אין מלך׳ס הויז אריין:

— ער האט געברענגט עפעלאך פון אן ארימאן, וואס דער־נערט זיך פון זיי מיט ניין קינדער...

אזוי קוועטשן די רופאים אויס אן עפעלע, און גיבן דעם מלך אין מויל אריין, — זעען זיי חדושים; ביז דער רגע האט מען בלויז געהארכט צו א פעדערל אונטער די נאז, אויב ס׳רירט זיך נאך, און זיך געריכט — ער גייט שוין אויס; און דא, נאכן ערשטן ביסל זאפט — דער אטעם זיינער ווערט מיט איינמאל שטארק; מ׳גיט אים נאך דעם זאפט פון אן עפעלע — און ס׳פנים ווערט אים רויט, באקומט א מראה, די באקן הייבן אן צו בליען; א פריש עפעלע — דער מלך מאכט אויף די אויגן, ס׳ערשטע מאל זינט ער איז אוועקגעפאלן אזוי חרוב, און באקומט צו־ריק ס׳לשון...

און ביז מ׳גיט אים אויסצוטרינקען דעם זאפט פון אלע עפע־לאך — שטייט ער שויז צוריק אויף די פיס, דער מלך, אזוי ווי ער וואלט גאר קיין מאל נישט קראנק געווען, און פרעגט:

— וואס האט זיך דאס דא געטאן מיט מיר?...

דערציילט מען אים. חדוש׳ט ער זיך אויף די עפעלאך, און פרעגט ביים שליח:

— וואו, ביי וועמען האסטו זיי געקריגן?...

זאגט ער:

— הינטערן בארג, ביי אן ארימאן...

פארשטייט זיך, אז דער מלך אליין זעצט זיך אויפן פערד, און רייט ארויס צום ארימאן וואס זיצט הינטערן בארג, אים אוועקגעגעבען א יישר־כח, — און א יישר־כח פון א מלך קען מען אין דער קעשענע נישט אוועקטראגן....

ס׳זיצט דער אָרימאַן מיטן געזינטל, און קוים וואָס ס׳חיות דערהאַלט זיך אין זיי; פון נעכטן אָן, אַזוי ווי דער רייטער האָט ביי אים אַרויסגעריסן די עפּעלאַך, איז נאָך ביי קיין איינס פון זיינע קינדער נישט אַריינגעקומען גאָר אין מויל אַריין...

מ׳וואַרט־צו ביז אויף מאָרגן, ווען ער וועט קענען, דער טאַטע, אַרויסגיין אָפּהאַקן אַ בינטל האָלץ, פירן דאָס אין שטאָט אַריין, און פריש ברענגען צו עסן אַ פּאָר עפּעלאַך...

דערווייל ברויכט מען פאַר דעם טאָג הונגערן; און אַז מ׳הונגערט — קומען דאָך שלעכטע מחשבות אין קאָפּ אַריין, (אַ שטיקל פון אומגליק...) און ער באַזינט זיך — ווי וואויל און ליכטיק ס׳וואָלט אים געווען זיין וועלט, ווען ער זאָל די רייכ־קייטן נישט געווען אַריינוואַרפן אין וואַסער; און אומגליק וואָס זעט ס׳גליק רייטן ביי דער רעכטער האַנט פון מלך, אים פירן אויפן וועג, טראַכט זיך:

— ס׳איז נאָך גאָר נישט שפּעט; אַצינד, אויב ער וועט דער־זען בריליאַנטן, וועט ער שוין מער אַזאַ נאַר נישט זיין, — זיי אוועקצואוואַרפן; און ממילא, אַז ער וועט נאָר עפּיס צונעמען, — וועט שוין ס׳גליק דעם מלך נישט מער אַהער דערפירן...

און לויפט ברענגען בריליאַנטן...

אָבער ס׳גליק האָט זיך דאָ מקדים געווען, און פריער גע־ברענגט דעם מלך פאַר זיין טיר, וועלכער האָט געלאָזט אַרויס־נעמען דעם אָרימאַן מיט זיין ווייב און אים געפרעגט:

— וואו האָסטו גענומען די עפּעלאַך?

ציטערט דער אָרימאַן, און זאָגט:

— אויפן מאַרק, ביי אַן ערלית...

פרעגט דער מלך:

— פאַר וואָס גיט זי דיר די עפּעלאַך?

זאָגט דער אָרימאַן:

— פאַר אַ פּאָר גראָשן, וואָס איך באַקום פאַר אַ בינטל האָלץ, וואָס כ׳טראָג יעדן אינדערפרי אין שטאָט אַריין...

פרעגט דער מלך:
— האָסטו געגוג פאַר דיין ווייב און קינדער, זיך צו דערנערן?...
זאָגט דער אָרימאַן:
— וואָס ברויכן מיר מער?... די עפּעלאַך באַשטייען פאַר אַלעם; וואָס פאַר אַ טעם מ'וויל שפּירן אין זיי, — שפּירט מען...
— אויב אַזוי, — זאָגט דער מלך — איז שוין ריכטיק; איז דאָך קיין חדוש נישט, וואָס זיי האָבן מיר ס'לעבן צוריק געגעבן...
ווייסט דאָס גאָר נישט דער אָרימאַן, און ער זאָגט נישט אוים:
— אַז פון נעכטן אָן, זינט דער רייטער האָט זיי ביי אים צו־גענומען, האָבן זיי נאָך גאָר נישט אין זייער מויל געהאַט...
נאָר דער מלך הייסט אים געבן סיי־ווי־סיי צו עסן פון זיין עסן, און צו טרינקען פון זיין וויין; אָנטאָן באַלד אין בגדי מלוכה, ווייזן דאָס גרויסע פאַרמעגן וואָס ער שענקט אים אַוועק, און בעט אים בלויז, דער אָרימאַן זאָל מיט אים גיין אויפן מאַרק, אויפזוכן די ערלית, וואָס האָט אים יעדן טאָג די עפּעלאַך פאַר־קויפט; אָבער אַזוי ווי דער אָרימאַן איז נאָר געקומען אין די בגדי־מלוכה אויפן מאַרק אַרויף, — האָט ער שוין מער די ערלית נישט געזען...
דאָס גליק האָט זיך געטראַכט:
— אַצינד, אַז ער איז שוין אויף אַזאַ הויכע מדרגה, צו וואָס ברויכט ער נאָך מער די עפּעלאַך פון גן־עדן, ער זאָל דורך זיי שפּירן אַ טעם פון אַלע מאכלים אין דער וועלט?...
אַז ער קען שוין צו אַלעם אַליין אָנקומען?...

אינהאַלט:

זייט

ערב דעם נעמונג — 7
געשלעגן — 31
תהלים — 59
„בּאַ איספּיטאַניא“ — 83
אין שפּיטאָל — 109
אַ זעלנער — 135
דער טאַטע — 161
דער בוים — 169
שרעק — 177
דורות — 183
דער בלינדער — 187
דער זיווג — 194
הויקערס — 199
דאָס אָרימע גרויסקייט — 207
חלול־שבת — 221
שותפות . . . — 235
מזלות — 251
גלגולים — 267
דער קורצער פּריזיק — 279
גן־עדן עפּעלאָך — 293